STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00825

# GEZAMELTE ERTSEHLUNGEN

Fradel Stock

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*His daughters & their families, with love & joy*
*in honor of*
*Abraham Zeder, celebrating his 70th birthday, August 17, 1998*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמעלטע ערצעהלונגען

— פון —

## פראַדעל שטאָק

פערלאַג „ניי-צייט", ניו יאָרק

1919

Copyright, 1919
by Lewis Cahan

ווידמונג: —

מיין טאַטען שמעון שטאָק

צום אנדענקען.

# אינהאַלט־פערצייכניס:


| | | |
|---|---|---|
| | | פּײדזש |
| 1. | די ערשטע באַהן | 7 |
| 2. | אַ טאַנץ | 16 |
| 3. | פריעדריך שיללער | 25 |
| 4. | דער ערשטער פּאַציענט | 33 |
| 5. | ווייסע פוטערלעך | 40 |
| 6. | אַ רעדע | 47 |
| 7. | קאָמעדיאַנטען | 53 |
| 8. | וויין | 60 |
| 9. | שוועסטער | 67 |
| 10. | אין דאָרף | 73 |
| 11. | סטאַטיסטיק | 79 |
| 12. | ביי דער מוחל | 86 |
| 13. | דאָס גלעזעל | 93 |
| 14. | צום לעבען | 100 |
| 15. | דער שלייער | 106 |
| 16. | קאָרטען | 112 |
| 17. | הינדע גיטעל'ס שנור | 121 |
| 18. | אַנגעזעצט | 128 |
| 19. | מאַנדלען | 137 |
| | | פּײדזש |
| 20. | אין דער נאַכט | 144 |
| 21. | שוסטעריי | 151 |
| 22. | דער עריץ־בישאָף | 160 |
| 23. | אַ שניט | 171 |
| 24. | ווינטער־שפּיעל | 176 |
| 25. | סחורה | 183 |
| 26. | דער זיווג | 201 |
| 27. | אַ וואַרים־באָד | 205 |
| 28. | אָבגעשניטענע האָר | 212 |
| 29. | קאַרגע מענשען | 218 |
| 30. | דער באַר־בוים | 226 |
| 31. | אין מאַרק | 233 |
| 32. | זשוליקעס | 239 |
| 33. | אַ טראַכטער | 247 |
| 34. | נאָך אַ כלה | 254 |
| 35. | אַ פּדיון | 261 |
| 36. | קאַלינעס | 267 |
| 37. | די כאָלערא | 273 |
| 38. | משה שניידער | 280 |

# די ערשטע באַהן

נייע מענשען זיינען אַלע טאָג אָנגעקומען פונ'ם וואָקזאַל.

ערשט צוויי וואָכען ווי די באַהן אינ'ם שטערטעל האָט אָנגעהויבען צו גהעה, און שוין האָט דאָס שטערטעל בעקומען אַן אַנדער פּנים.

נאָך מיט צוויי יאָהר צוריק ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבען צו בויען די באַהן, האָט דאָס שוין געהאַט אַ ווירקונג אויף'ן שטערטעל. מענשען האָבען אָנשטאָט אין טויער אַריין, אָנגעהויבען צו געהן שבת צו דער באַהן. זעהר אָפט האָט מען געקענט הערען געשמאַקע טענות וועגען דער גרויסער חכמה וואָס ס'שטעקט אין דעם.

דער שוחט פלעגט זיך פערקאָטשען די אַרבעל פונ'ם קאַפּטאַן, כדי ער זאָל קענען בעסער מאַכען מיט די הענד ביים ריידען, און געוויזען אויף דער דאַלאַניע דעם גאַנצען פּלאַן, ווי דאָס וועט פאָהרען אַהין, און יענעם אַהער. און דערנאָך אַז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז מען טאָר נישט פאָהרען אום שבת אפילו אויף דער דאַלאַניע, האָט ער זיך ראָפּטאָם אומגעקעהרט אין קלויז אַריין און צו אַלטער'ן זיינעם אַ קרוב, אַ פּראַצענטניק, און אַ גאַרנישט, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל נישט געהן זעהן די באַהן, ווייל מ'דאַרף נישט האָבען אין שטאָדט קיין באַהן, האָט ער אַזוי גע'טענה'עט:

—בלעבען, נעהם וואַרף אַוועק די שטותים, און געה, גיב אַ קוק צו דער באַהן.

— האָט יענער געענטפערט:

— ווען איך ווייס, איך נעהם איין אַ מיתה משונה.

און אַז די באַהן האָט געזאָלט צום ערשטען מאָל אַוועקגעהן,

און די גאנצע שטאדט איז געלאפען קוקען. האט זיך אלטער מיט אלע כחות אפגעהאלטען — א „מכה נאכגעבען דעם יצר הרע"... און דערנאך האט ער זיך מיט דעם בעריהמט אין קלויז.

מענשען זיינען איצט נאך ווי פריהער געגאנגען אלע שבת צו דער באהן קוקען, נאר איצט, מיט'ן ערשטען ריהרען פונ'ם צוג, האט זיך עפעס בעזעצט א נייע געפיהל ביי די קליינשטעדטעלדיגע מענשען. דאס ריטמישע קלאפען פון דער פארע, פו־פו, האט זיי אויפגערודערט ביז'ן ביין. ווען א צוג איז אפגעגאנגען, האבען זיי נאכגעקוקט אזוי לאנג, ביז ער איז פערשוואונדען צווישען די פעלדער. דאס געפיהל איז געווען: מ'האט געוואלט פאהרען. ערגיץ אין דער וועלט אריין פאהרען, פאהרען, אוועקציהען זיך אהין גלייך מיט'ן רויך, וואס איז פערשוואונדען.

און א סך מענשען האבען טאקע אנגעהויבען וואנדערען — ווער קיין אמעריקא, און ווער קיין וויען צו ווערען א לייט. עלטערען האבען אנגעהויבען צו שיקען די קינדער אין די גרעסערע שטעדט אריין שטודירען, זיינען וואקאנץ אהיים געקומען סטודענטלעך פונ'ם ערשטען קלאס גימנאזיום מיט אפגעריבענע רעקלעך און א ווייס פאסיקעל. און די טאטעס האבען נאכגערעדט די קינדער מיט'ן לשון פון גימנאזיום.

אלע טאג האבען זיך בעוויזען נייע פנים'ער, רייזענדע מיט בלאנדע, פערפיומירטע וואנצעלעך און איינגערערט נייע לינענס, וועגען פאטענטירטע מאשינדלעך און אנדערע זאכען.

יעדעס מאל, ווען אלטער האט דערהערט פון אזא מין שווינדעל, פלעגט ער זיך דורכגעהן צום שוחט און זיך גלעטען דאס הארץ:

— ווער ס'איז שעהן, איך בין קלוג. כ'האב אבער געוואוסט, אז פון דעם וועט קיין גוטס נישט ארויסקומען. די שטאדט האט זיך איבערגעקעהרט מיט'ן קאפ אראפ, נא טאבי א באהן... אמאליגע יאהרען האט מען נישט געוואוסט דערפון, איז מען טאקע א סך געזינטער געווען...

די שטאדט האט זיך טאקע איבערגעקעהרט. די מיידלעך הא־

בען זיך אנגעהויבען צו פוצען, אנגעשמירט זיך די האָר מיט רױ־זען־עהל און גערעדט דייטש, הויך איטליכער זאָל הערען.

דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון א שלאָף. אַלע האָבען געוואָלט פאָהרען. אין אַלטען פערשימעלטען שטעד־טעל, וואָס האָט אַפּגעלעבט יאָהר נאָך יאָהר ווי א שטעהענדיגער זומפּ, האָבען זיך נייע קלאַנגען אריינגעריסען. דאָס ווידערקול פון דער ווייטער וועלט האָט זיך געלאָזט הערען, און גערופען.

האָבען זיך די בחורים די בערדלעך אויסגעצופּט מיט צוויי נרייצערס, גענומען אויסשרייבען א „דייטשע בלאַט־צייטונג, און געלעזען הויך אויף׳ן קול.

אין שטוב ביים שוחט, האָט מען געוואוסט פון אַלעמען, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין שטאָדט.

אין שטוב זיינען געווען צוויי צדדים: דער שוחט מיט׳ן עלטסטען בן לייזערעל, וואָס האָבען געהאַלטען מיט דער באַהן, און אַלטער מיט׳ן שוחט׳ס מוטער, פעסי דרייזי, וואָס זיינען געווען פלאַם־פייער אויף דער באַהן. נעבען די שוחט׳קע איז געווען א היי־זעריגע אידענע און גערעדט דערשטיקט, דערפאַר האָט מען נישט געוואוסט מיט וועמען זי האַלט. נאָר עס ווייזט אויס, אז זי האָט געהאַלטען מיט׳ן מאַן דעם שוחט, ווייל אַז אַלטער האָט גערעדט האָט זי געפינטעלט מיט די אויגען...

איצטער נעסי. נעסי איז געווען דעם שוחט׳ס אינגערע טאָכ־טער, א מיידעל פון א יאָהר זיבעצען. געוואוסט האָט זי אז זי איז א שעהן מיידעל. נישט אומזיסט האָט זי זיך שעה׳ן לאַנג געשפּיעלט מיט די קאַשטאַן־ברוינע צעפּ אין שפּיגעל און גע־גלעט מיט די פינגער די זיידענע ווייסע הויט פון׳ם פּנים. זי איז געווען שטאַרק עדעל. טיילמאָל האָט מען געמיינט, אַז ברעכט זי זיך איבער. נאָר זי האָט זיך נישט איבערגעבראָכען. זי האָט זיך נאָר אַזוי געוויגט אין גאַנג ווי א צווייג פון א בוים. איטליכער פלעגט איהר נאָכקוקען מיט פערגעניגען.

די באַהן איז פון איהרעטוועגען בעשאַפען געוואָרען.

אַז זי האָט געזעהן דאָס ערשטע מאָל אנקומען א צוג פון דער

פרעמד, איז זי געשטאנען איבערראשט פערשעהמט. עפּיס אַ נײַ פריש לעבען האט זי געדופען אין דער פרעמד אריין.

פלעגט זי זיך אין די שטילע פארנאכטען, ווען דער צונג האט גע־דארפט אפּגעהן, פער־גנב׳ענען און ווארטען. זי איז זיכער גע־ווען, אז איינמאל וועט אנקומען עפּעס אַ פיינער מענש מיט דער באהן און זי אַוועקנעהמען — פו־פו, פו־פו...

נאר קיין פיינער מענש איז נישט געקומען זי אַוועקצונעהמען מיט דער באהן, איז זי יעדעס מאל אַוועקגעגאנגען מיט אַ הארץ־קלעמעניש און געקוקט טרויריג אויף די טאַפּאָליעס מיט די הויכע שפּיצען וואס געהען אויפ׳ן וועג מיט דער באהן מיט...

אין שטוב האט מען געזעהן, אז עפּעס איז נייעס מיט איהר. זי געהט ארום בלייך, פערקלערט און רעדט וועניג. האט די מאַמע געטאפּט דעם קאָפּ צי זי האט נישט קיין היץ, און דער טאַטע האט געזאגט, אז מען דארף איהר אריינווארפען אַ פּאר גוטע פעטש, וועט זי ווערען אַ מענש.

נאר איהר איז דאס חיות אויסגעגאנגען און קיינער האט נישט געוואוסט. אויסזאגען האט זי זיך געשעהמט, האט זי געשלונגען דעם צער און שטילערהייד אויסגעגאנגען.

ווינטער־צייט, ווען עס פלעגען די גרויסע שנעען אויספאלען און האבען די וועגען פארשיט, פלעגט זי לויפען אין שנעע מיט הייסע אויגען פון קעלט און איינגעזאפּט אין זיך דעם פראסט ווי פייער. זי פלעגט לויפען שמעקען צו דער פארע פונ׳ם צוג.

די מאמע האט זי געהאדעוועט מיט קאלינעס, דאס הערצעל צו דערקוויקען, געמאכט געלעכלעך מיט שאקאלאדע, און געטראכט: „דאס קינד שלינגט קיין עיז־הרע די קאלינעס, וואויל בעקומען זאל עס איהר״. האט זי געקויפט אלץ נייע קאלינעס און געגעבען דעם קינד צו שלינגען...

האט נעסי געשלונגען די קאלינעס, און דאס הארץ האט גע־חלש׳ט.

דאס אייז פונ׳ם טייך איז צוגאנגען, און זיך אַוועקגעלאזט מיט אַ שטויסען און קראכען אין דער ווייט אריין. די ערשטע

שוואלבען האבען זיך בעוויזען און אויף די שטרויענע דעכלעך געסטען אויסגעבויט. און איבער די נאסען האט זיך געפיהלט עפעס לייכטס, זומערדיגס.

געסי איז ארומגעגאנגען ווי אין א רויש. דאס ריטמישע קלאַ־פען פונ'ם צוג האט זי בעשטענדיג גערופען, האט זי איינגעזאפט די פארע אין יעדען אבר: פאהרען, פאהרען.

אין שטוב פלעגט זיך נאך אלע פארנאכט צונויפקומען אלטער מיט נאך א פאר מענשען, געווארימט זיך ביי דער הרובע, געגעסען דער שוחט'קעס לעבערלעך, און גערעדט פון דער באהן.

אלטער האט איינמאל גע־טענה'ט:

— אפשר וואלט כדאי געווען, אזוי ווי עס איז שוין יא דא א באהן, אויך אפצולעקען א ביינדעל?... כ'לעבען מ'דארף האנד־לען מיט'ן עקספארט... אז מען עסט שוין חזיר, לאז רינען איבער דער בארד...

דער שוחט האט געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— אי, אי, אי, ביזטו דאך טאקע א גרויסער מלמד... וואס הייסט, ועסט האנדלען מיט'ן עקספארט... נו, און געלט?...

— עה געלט... טאמער דארטען א פאר הונדערט טוץ עופות צונויפקויפען, א פאר הונדערט פונט פוטער מיט קעז...

דער שוחט האט זיך געגארגעלט מיט א געלעכטער:

— הי, הי, פערשטעהסט?... א שמאכטע פון קאפ־וועה־טאג... דו ווייסט מיט וואס דאס שמעקט?...

אלטער האט הפנים פערשטאנען מיט וואס דאס שמעקט, און זיך גיך פארכאפט:

— מיינסטו, אז מ'זאל טאקע א כאפ טהון א גמילות־חסד'ל ביי איהר... ביי דער באהן, מיין איך?... וואס איז, קראנק איז זי צו געבען?

דער שוחט האט געסמאטשקעט:

— אי, ביזטו א חכם...

— וואס איז? די שטאדט האט זיך וועניג אויסגעבראכט פון איהרעטוועגען? צאהלט נישט קיין שטייערען?...

נעסי׳ן זיינען די שמועסען געווען נמאָס ווי דער טויט. עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט ווי מען זאָל נעהמען אַ הייליגע זאַך, און זי אומריין מאַכען. איהר באָהן, איהר גליק...

* * *

דאָס שטעדטעל האָט אַלע מאָל מעהר אויפגעלעבט. מען איז דאָרט געוואָהר געוואָרען פון ציוניזם און דאָקטאָר הערצעל אויף אַזאַ׳ן אופן:

איינמאָל איז אַראָפּגעקומען מיט דער באָהן אַ דייטשעל מיט אַ דאַרען קאַפּעליוש, אַ בלויען קראַוואַט און אַ מגן־דוד. ער האָט גע־זאָגט אויף זיך, אַז ער איז אַ ציוניסט.

האָבען מענשען געגאַפט און איהם נאָכגעטייטעלט מיט די פינגער: „אַ ציוניסט״, דערווייל האָבען זיך די יונגע חברה מתקנא גע־ווען, „אַ ציוניסט״, און זיך אָנגעהויבען שאַרען אַרום דייטשעל.

האָבען די עלטערען גערעדט צווישען זיך, אַז עס שטעהט שלעכט, ער וועט נאָך דאָס יונגוואַרג אַראָפּפיהרען פון׳ם וועג, עס הערט זיך שוין, אַז ער געהט מאַכען עפּעס אַ פעראיין. און אַלטער האָט געשריגען ביים שוחט אין שטוב:

— און וואו מען געהט, און וואו מען שטעהט, הערט מען נאָר „מיט ציונס גרוס״ און „האָד ציון״... און מענשען שאָקלען איינער צום אַנדערען מיט די קעפּ, און גריסען זיך... איינענע מענשען וואָס קענען זיך, גלייך זיי וואָלטען געווען פרעמדע... דאָס דייטשעל האָט אויסגעלערענט ימח־שמו... מען דאַרף איהם ברעכען די ביינער...

און צום שוחט האָט ער געשריגען:

— נו, וואָס ווילסטו איצטער זאָגען? נאָך גוט די באָהן?... חאַ? ווער איז געווען גערעכט?...

און אַז דער שוחט האָט זיך נישט געלאָזט און געזאָגט, אַז עס איז פאַרט אַ גרויסע זאַך, און געווען נתפעל פון דער גרויסער חכמה, וואָס ס׳שטעקט אין דעם, האָט אַלטער אַרויסגעפּלאַצט:

— ווייסטו, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען? אַז עס איז שוין

יאַ אזוי, וועל איך דיר אויסזאגען אַ סוד... דו ווייסט וואס מ'רעדט אין שטאדט?...

דער שוחט האט זיך דערשראקען און יענער האט איהם אַ ווייל'ע שווייגענדיג, געצויגען די נשמה:

— כ'ען זאגט אין שטאדט, אַז דיין לייזער'על איז שוין אויך אַ ציוניסט.

— ווער, מיין לייזער?... אַז נישט דערהארען וועט עס קיינער...

און די באבע האט אונטערגעהאלטען:

— פינסטער איז מיר, וויסט איז מיר... כ'האב אבער געזאגט...

דער שוחט האט פערביסען מיט די ליפען און געשוויגען.

האט איינמאל דער גבאי פונ'ם שוהל'כעל געכאפט לייזער'לען ווי ער צופט זיך דאס בערדעל מיט צוויי גרייצער, האט ער זיך נישט ווייסענדיג געמאכט, נאר אַז לייזער'על איז געקומען שבת דאוונען, איז ער צו'ן איהם צו און איהם דערלאנגט אַ פאטש אין באק.

— „מיט ציונס גרוס"... דו שייגעץ איינער. נאדיר אַ בערדעל...

אין דער זייט האט מען געשריגען:

— גערעכט, גערעכט, ווי איך בין אַ איד...

און אלטער האט געשאלטען:

— אַז פערכאפט האט ער געזאלט ווערען מיט דער באהן...

דער שוחט האט פערביסען די ליפען און געשוויגען, נאר אַ פסק האט לייזער'על געכאפט ערשט אין דער היים:

האט מען זיך צונויפגענומען אַ פאר מענשען, אנגעפאטשט דאס דייטשעל און ארויסגעווארפען פון דער דירה.

* * *

נעכי איז יעדען טאג געווארען שטילער, שווייגענדיגער און אויסגעבליבען אלע מאל עפטער פון דער היים. אין שטוב האט מען געמיינט, אַז זי איז ביי די חבר'טעס.

איינמאָל איז זי געשטאַנען און געקוקט אויף אַ צוג וואָס האָט געהאַלטען ביים אָפּפאָהרען, האָט זי דערזעהן אַרויסקוקען דעם דייטשעל'ס פּנים פון'ם פענסטער, וואָס זי האָט נאָר געהערט פון דערווייטענס, אַז ער הייסט לודוויג הערץ.

צו האָט זיך איהר געדאַכט, צו האָט ער זי גערופען מיט'ן קאָפּ?

האָט זי זיך ווי אַ וויכער געטהאָן אַ טראָג צו צום צוג, אַריין צו'ן איהם אין וואַגאָן. לודוויג הערץ איז איבעראַשט געוואָרען, געבלי־בען שטעהן שטיל און איידער וואָס ווען, האָט דער קאָנדוקטאָר פערהאַקט די טירען, עס האָט זיך דערהערט אַ פייף, און דער צוג האָט געריהרט.

זיידעלע בעל־עגלה, וואָס האָט צוגעפיהרט פּאַרשוינען צו דער באַהן, האָט דערזעהן ווי דעם שוחט'ס מיידעל פאָהרט אַוועק מיט'ן דייטשעל, האָט ער אַ געשריי געטהון צום אָפּגעהענדיגען צוג:

— נעסי, וואָס איז דאָס? קום אַהיים... דערנאָך איז ער גיך אַראָפּגעפלויגען מיט'ן פערד און וועגעלע און צופויקט די נייעס:

— געהערט? נעסי, דעם שוחט'ס איז דאָך אַוועק מיט'ן דייטשעל...

— וואָס רעדסטו?...

— דאָס וואָס איהר הערט...

— אוי וועה...

אַלטער איז אַריין צום שוחט:

— אַ בראָך צו'ן אייך...

אַלע זיינען געוואָרען טויט ווי די מתים און נאָר די מאַמע האָט אָנגעהויבען כריפּען ווי אַ געקוילעטע גאַנז מיט'ן הייזעריגען קול.

— וואָסי?... געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד!...

אַלטער האָט זיך דערשראָקען:

— נאָר נישט, נאָר נישט... שאַ, משוג'ענע...

— גע־וואַלד!... וואָס איז?...

איצט האבען אלע אנגעהויבען שרייען אין איין אטעם גיך, וואס איז? ..

— נעסי איז אוועק מיט'ן דייטשעל...

דער שוחט האט גענומען א כאפ אראפ די יארמולקע און זי צוריק אנגעטהון.

— גוואלד, וואס טהוט מען?... מיט דערבאהן?...

—מיט דער באהן!...

# א טאנץ

ער איז געשטאנען אז א זייט און צוגעקוקט ווי אנדערע טאנצען. מ'קאן נישט זאגען, ס'האט איהם אויך געצויגען א הוליע טהון, נאר אז א מענש איז אזוי מיעד פון א גאנצען טאג ארבייט.
געהייסען האט ער מאיר, גערופען אין אמעריקא האט מען איהם מאקס, נאר אויסגעקומען איז עס מ ע ק ס.
מעקס איז ערשט געווען פיער יאהר פערהייראט, און דער צו־קנייטשטער שטערען מיט'ן אויסגעמוטשעטען גוף פון אכט און צוואנציג יאהר האבען אויסגעקוקט ווי פון פערציג.
נאר דאס איז געווען אלע טאג פון א גאנץ יאהר. היינט האט מעקס אויסגעקוקט אינגער מיט פינף יאהר, צוליעב דער חתונה ביים קרוב; א מאסאזש, א העירקאט, א שיין, דער נייער געקעס־טעלטער סוט — דאס אלדינגס איז איהם אריין אין די ביינער און ער האט דערפיהלט, אז ער לעבט אויף דער וועלט.
ווען נישט די אויסגעהארעוועטע אפערייטארישע פיס, וואלט ער היינט א וועלט איבערגעקעהרט; דאס ווייב איז געבליבען אין דער היים, פיהלט נישט גוט, ווען זי איהם נישט קוקען אין די אויגען צי ער איז נאך לעבעדיג ווי א יונגערמאנטשיקעל, א ספארטעל, א „סינגעלמאן", צי גלוסט זיך איהם נאך א קאפ אויפ־הויבען, ווי בחור־וויז...
די היימישע קלעזמער, דאס ליכטיגקייט, די אויסגעפוצטע געסט, אה, ס מחיה...
מעקס'ן איז געווען אויפ'ן הארצען אזוי, אז ער האט געוואלט איטליכען אויסקושען. איז ער צוגעגאנגען צו משה'־לע דעם סטאליער'ס, ווענען ער האט שוין נישט געזעהן א לאנגע

צייט, איהם דערלאנגט די האנד מיט ברייטקייט און, כאטש ער האט געוואוסט אז ער קעהר זיך דא גארנישט אן האט ער איהם פון דעסטוועגען אפגעגעבען מזל־טוב און איהם געוואונשען מיט'ן גאנצען הארצען אל־דאס־גוטס, און די ברכה איז ארויסגעקומען אזוי געניט גלאט, ווי ביי אן אלטען אידען, וואס איז שוין געוועהנט צו ווינשעווען און בּישט ווי ביי איינעם, וואס איז ערשט פאר פיער יאהרען (פאר דער חתונה) געווען א פריידענקער.

יענעם, משה'לע דעם סטאליער'ס, איז אויך געווען אויפ'ן הארצען אזוי, אז ער האט געוואלט אויסקושען יעדען איינעם. האט ער איהם אויך געענטפערט מיט'ן גאנצען הארצען:

— גאט זאל העלפען, נאר אויף שמחות.

— אמן.

— ביי וואס ארבייטסטו, מעקס?

— ביי וואס ארבייט מען אין אמעריקא? ביי קלאוקס.

— אזוי.

— אזוי, אזוי...

פונדעסטוועגען, מעקסעלע, זעהסטו מיר אביסעל שלעכט אויס. וואס איז דער מעהר? דאס ווייב דערקוטשטעט דיר?

ער האט געטהון א קוועטש מיט די אויגען, און יענער האט געענטפערט מיט א נארישען שמייכעל.

משה'לע האט איהם אנגעוויזען אויף א אידען אין אן אפגע־ריבענעם צילינדער:

— זאג נאר, דו ווייסט ווער דאס איז?

— אודאי, וואס פאר א פראגע? עוזר פון דער אלטער שטאדט.

— יא. האסט געהערט, ער האט דאך בעגראבען די פאר טא־לער אין ריעל־עסטייט.

מעקס האט באמת רחמנות געהאט.

— אזוי? נעבעך... אזוי פיעל יאהרען אפגעהארעוועט אין אמעריקא, אכצעהן בארדערס געהאלטען... טאמער האט ער זיך שוין יא צו'ן עפּעס דערשלאגען, נא זשע דיר...

ער האט באקומען שטארק חשק דעם נגיד א חנפ'ע צו טהון, כדי יענער זאל זעהן, אז ער בעטראכט איהם נאך פאר אן עושר; דער הימעל איז נאך נישט ביי דער ערד. איז ער צוגעגאנגען צו'ן איהם.

— העלא, ר' עוזר! דערקענט מיך?

אודאי, וואס פאר א פראגע? מאיר'ל ברוך'ס... העלא, וואס מאכט א לאנדסמאן?

מאקס איז איהם דאנקבאר געווען, וואס ער האט איהם דערקענט: פארט א מענש וואס האט איבערגעוואָרפען טויזענדער מיט זיינע הענט... געהאנדעלט מיט ריעל־עסטייט... איז ער געווארען שטארק אונטערטעניג. און ווייל ס'איז איהם אזוי אויך געווען גוט, אויפ'ן הארצען, האט ער אפגעמאכט ביי זיך איהם אפצוגעבען כבוד, גלייך ווי ער וואלט נישט דערלעגט די פאר טאלער...

ער האט געקוקט אויף איהם מיט אן אונטערטעניגען שמייכעל, און געווארט אז יענער זאל איהם עפעס פרעגען.

— וואס־זשע הערט זיך עפעס, מאיר'ל, ארבייטסט?

— וואס דען טהוט א נאש בראט? פון פראצענט לעבט מען נישט... מען ארבייט...

דער נגיד האט איהם געקוקט מיט חשד אין די אויגען אריין, צי מיינט ער איהם נישט א שטאך צו טהון, ווייל ער האט דערלענט די פאר טאלער. האט מאיר'לען דעם נגיד'ס קוק געטהון א בויער אין הארצען: ער קאן נאך מיינען, אז מ'מיינט איהם — האט ער גיך פארריכט:

— א קבצן בלייבט א קבצן.

דאס האט ער געמיינט זיך צו לייגען, כדי דער נגיד זאל זיך פיהלען שטייפער, האט אבער דער נגיד נישט געוואוסט צי ער מיינט זיך צו לעגען, און עס האט איהם ווידער געטראפען גלייך אינ'ם וועהטאג אריין: א קבצן בלייבט א קבצן"... — האט ער איהם נאך מעהר דורכגענומען מיט די אויגען אז יענער האט זיך אזש איינגעקארטשעט, און נאך מעהר אונטערטעניג געווארען,

בפרט אז ער האט געזעהן ווי דער אפגעקומענער עושר דרעהט שוין אוועק דעם קאפ אן א זייט ברוגז, און מאכט זיך נישט־הע־רענדיג.

—איהר הערט ר׳ עוזר? — דער נגיד האט אויסגעדרעהט דעם קאפ מיט א מינע ווי איינער רעדט: „דו פארד איינער. לעת־עתה בין איך נאך א י ד״.

האט מאיר׳ל אנגעוויזען אויף עוזר׳ס דימענטענעם רינג און געזאגט:

— אט א שטיינער דאס שטיינדעלע האט מעהר די ווערטה, רע־בען איד, ווי דאס געלד וואס אונזער איינער פערדיענט א גאנץ יאהר.

דעם עושר איז לייכטער געווארען אויפ׳ן הארצען: ער מיינט עס דאך ערנסט... נישט געטהון קיין שטאך וואס ער האט דער־לענגט די פאר דאלאר. —

מען האט אויפגעשפיעלט א פרעהליכס, האבען זיך צונויפגע־נומען די מחותנים פון כלה׳ס צד און חתן׳ס צד, און געגאנגען א טענצעל. מאיר׳ל איז דאך געווען א שטיקעל קרוב, האט מען איהם אויך געשלעפט.

די פויק מיט די טאצען האבען גערעוועט אלע מאל מעהר און אנגעצונדען אין איטליכען די אדערען. האט זיך מאיר׳לען פלוצים אויסגעדאכט, אז ער דארף אריין אין רעדעל אריין, גיך, אז נישט וועט פון איהם עפעס אנטלויפען... עס איז איהם דורך א סקרוד איבער׳ן לייב, די פיס האבען זיך אנגעהויבען אונטער איהם הויבען, עס האבען איהם ח א בליץ א שיין געטהון די פריי־הע אינגעלשע יאהרען, ווען ער איז שיער געגאנגען צום טאנץ־לעה־רער און געגארט אוועקצופאהרען קיין וויען ווערען א קומי אין א גאלאנטעריע געשעפט. איז איהם דאס הארץ נאך אמאל יונג געווארען, זיך צוואוואקסען ביז צום האלז און נאכגעזונגען די כלי־זמר: ראכטא־ראכטא, ראכטא־די־ראם.

די מחותנים האבען אנגעהויבען שרייען: „מאכט א ווארע, מאכט א ווארע״.

האט מאיר'ל פערלעגט די הענד פארבאקאם, פערוואָרפען מיט'ן קאפ אויף לינקס, און גענומען שטעלען בלאט־פיס. ראכטא, ראכ־טא, ראכטא־דיראם.

א רעדעל מענשען האבען זיך ארומגעשטעלט, האט ער דער־פיהלט אז מ'שטעלט זיך ארום, האט ער זיך געפלייסט, און אנגע־הויבען ווארפען די פיס אין דער זייט אריין און דאס הארץ האט גזעונגען: ראכטא, ראכטא, ראכטא־רי־ראם... דאס פנים איז געווארען בלייך, די רעמלאך ארום די אויגען פלאם פייער, און ער האט אלץ געארבייט מיט די זייטען און געסאפעט מיט'ן הארץ: ראכטא, ראכטא, ראכטא־רי־ראם.

האט ער זיך געווארענט: „מאיר'ל הער אויף... ביזט א טאטע פון קינדער, וועסט די נשמה אויסהויכען”... האט ער זיך צוריק געענטפערט מיט כעס: „נו, נו, זאל ד י ר נאר נישט דא־רען דער מח פאר מיר”...

מענשען האבען געזעהן ווי עס זעצט אויף איהם א טויט־שוויים ארויס און געגאפט.

מאיר'ל האט געפיהלט ווי שטארק מען קוקט אויף איהם, און שוין געגאנגען הינטער־פיסלעך, זיך אראפגעזעצט און אויפגעהוי־בען מיט א: רי־ראם, רי־ראם, אויף וועמענ'ס פיס, האט ער שוין אליין נישט געוואוסט. דאס הארץ איז געגאנגען הינטער־פיסלעך, געווארפען מיט די זייטען, זיך אראפגעזעצט און אויפגעהויבען.

און די טאצען מיט'ן פויק האבען איטליכענס פערגעסענע יונ־גע לעבענס אויפגעוועקט. האט מען געקענט זעהן אויף די פנים'ער אמאליגע נצחונות, בעסערע צייטען, יונגע יאהרען... ביי אן על־טער אידענע האבען זיך די באקען אבגעפארבט און זי האט געהוי־בען דאס קלייד צום טאנצען. איז זיך א יונגע מיידעלע, א יענקי גע־שטאנען און געקוקט מיט א געמאכטען חוזק אויף די גרינע, נאר איהרע אויגען האבען געדעדט גאר עפּיס אנדערש...

האט זיך אפילו ביי אן אלטען אידען פעררוקט דאס היטעל אין א זייט, און ער האט קרום געשמייכעלט, און צוגעקנאקט מיט די פינגער. רי־רא־, רי־רא.

אין מאיר׳לעס האט געשריגען: „מאיר׳ל שוין גענוג... ניין, ניין, נאך... ריי־ראם, ריי־ראם... טאנץ, טאנץ, פרעה דיך... א חתונה ביי א קרוב... קעהר זיך אַז נאהענט, ריי־ראם... קעהר זיך אַז גאר נאהענט, ריי־ראם, ריי־ראם... הונדערט און פופציג דאָלאַר, א ביינק ביכעל, ראַכטאַ־ריי־ראם... א קענדי סטאָר... פּטור פון דער ארבייט, ראַכטאַ, ראַכטאַ־ריראם...

די כלי־זמר האבען פּלוצים אפגעהאַקט און מאיר׳ל איז אַניידערגעפאלען אויף א באנק. אין האל איז געווארען ווי א רויך נאך א שרפה. דער רויך האט זיך נישט אנגעזעהן גאר געפיהלט, און עס האט זיך געדאכט, אַז ער איז אויף די פערשוויצטע פּנים׳ער פון די מענשען צוגאנגען געווארען.

די חופּה מיט דער וועטשערע זיינען אוועקגעפלויגען ווי א קורצער חלום און אַז מאיר׳ל האט זיך אויסגעניכטערט איז שוין געווען כמעט נאך אלעמען, האט ער זיך א טראכט געטהון אַז ער קעהר זיך שטארק נאהענט אַז, און דארף בלייבען לענגער פון אלעמען.

נאר אַז די געסט האבען זיך אנגעהויבען צוגעהן, די כלה האט אויסגעטהון דעם שלייער, די מחותנים זיינען געווארען אויס מחותנים און אנגעהויבען ריידען וועגען די מארגענדיגע געשעפטען, איז איהם דורכגעפלויגען א געדאנק אַז עס איז שוין נאך דער חתונה, האט איהם א קלעם געטהון ביים הארץ, און עס האט איהם שטארק באנג געטהון נאך דעם אלעמען. האט ער ווי איינער וואס מאטערט זיך אונטערצובלאזען אַן אויסגעהענדיג פייער, געוואלט דערהאלטען דאס ביסעל היץ אין זיינע דארע ביינער און נישט געקענט. גליך נאך גליך איז איהם מאט געווארען און די פרעהליכע מחשבות וואס האבען געהיצט דעם טאנץ, אדער וואס דער טאנץ האט זיי נעהיצט, זיינען ביסלעכווייז אויסגערונען געווארען. האט ער געטראכט, ווי אַזוי זעהט מען זיך שוין איז סאפאלק סטריט אויפ׳ן פיערטען פלאר.

אין דרויסען האט גענומען א פראסט, האבען איהם שוין בעציטערט די דארע ביינער אנגעהויבען שוידערען פאר דער קעלט,

און ער האט אויפגעשטעלט דעם קאלנער פונ'ם אויבער־ראק זיך אראפגערוקט דעם דארען קאפעליוש איבער דער זייט קאפ וואו ער האט דעם רומאטעס, און מען האט געזעהן אז ער איז א פער־הייראטער מאן. ווארים עס זיינען דא צוויי סארטען דארע קאפעליר־שען, איינער פאר א סינגעל מאן און דער צווייטער פאר א פער־הייראטען. דער פאר'ן סינגעלמאן איז א קליינער, שטעהט כמעט תמיד אויפ'ן שפיץ קאפ וואויל־יונגיש און לאזט ארויסזעהן א בחור'ישען רויטען אויער מיט'ן פיינעם „העירקאט". און דער צווייטער פאר א פערהייראטען איז תמיד גרעסער און דעקט צו האלבע אויערען.

מאיר'ל איז צוגעגאנגען זיך געזעגענען קודם צו דער כלה מיט'ן חתן דערנאך צו דער מחותנת'טע.

די מחותנת'טע האט זיך געמאטערט צו מאכען אויף'ן פער־שלאפענעם פנים נאך א מחותנת'טישע מינע און גערעדט אונטער דער נאז ווי איינער וואס איז שטארק שלעפעריג:

— פאר וואס נישט געבראכט „דיינע"?

האט מאיר'ל געענטפערט אויך אונטער דער נאז, ווייל ער איז אויך געווען שלעפעריג: „סהוט איהר וועה די ציין".

האט זי ווייטער גערעדט אונטער דער נאז: „געווען געקאנט פערבינדען מיט א קאמפרעס".

האט ער צוריק געענטפערט אונטער דער נאז: „שוין גע־פרובט, ס'העלפט נישט... און היינט צוויי וואכען נאך א קינ־פעט"...

„יא, זעהסטו, ד א ס האסטו רעכט".

די מחותנת'טע האט זיך שוין מחיה געווען וואס ער האט איהר געזאגט אזא תירוץ, זי זאל איהם קענען געבען גערעכט.

מאיר'ל האט זיך שוין אויך מחיה געווען וואס עס האט גענו־מען אן עק צום פערענטפערען, און זיך געזעגענט.

ביים געבען די האנט, האט ער זיך געטהון א בויג צו, אויף צו־קושען זיך, האט זיך אבער די מחותנת'טע נישט געריכט דערויף און נישט אנטקעגען געטראגען דאס פנים. נאר אז זי האט

אבער דערזעהן, אז ער וויל זיך קושען אין די פיסקלעך, האט זי א נויג געטהון צו'ן איהם דעם קאפ, האט ער שוין אבער געהאט זיינעם אוועקגענומען, נאר אז ער האט אבער דערזעהן, ווי די מחותנת'טע וויל זיך טאקע יא קושען אין די פיסקלעך, האט ער נאך אמאל צוגעבויגען דעם קאפ, האט זי זיך אבער שוין געהאט פער־שפעטיגט...

אז ער איז ארויסגעקומען אין דרויסען, האט איהם א שארפער ווינט א שלאג געטהון אין פנים, און ער האט זיך איינגעקאר־טשעט אין דרייען. פוילע מחשבות זיינען איהם געקראכען אין קאפ און איינגעגעסען זיך אין איהם גלייך מיט דער קעלט.. א שטייגער פארוואס, ווען ער איז נאר אריינגעקומען אויף דער חתונה, האט מען זיך ארומגעכאפט מיט א ליעבשאפט, געקושט זיך אין די פיסקלעך ווי עפעס אז אפגערעדטע זאך, נישט געצווינגען דעם קאפ, דער אהין, און דער אהער... דו נאר,דו, וואס פאר־שטעהסטו נישט? עס איז געווען פ א ר דער וועטשערע...

וואס א שטייגער האט ער געדארפט ווינשען משה'לע דעם סטאליער'ס אלדאס גוטס? קען נישט באשטעהן אז ער איז א קבצן? אזוי אויך גענוג... אין דער היים וואלט ער געווען א טרעגער... און דא... א „סטעדי דזשאב“... ביי ווען־טען...

אהי, נא דיר נאר אז עוזר פון דער אלטער שטאדט... אז נישט איז ער זיך נישט מחיה וואס ער האט דערלענגט דעם קאפ?... געוואלט ווערען גיך אז עושר... נא דיר ריעל־עסטייט... פאוואַ־ליע מיט'ן דישעל, גוטער ברודער...

ער האט הנאה געהאט וואס יענער האט דערלעגט די פאר דאלאר, און אלע מאל זיך געמעכט געגעבען מיט א „נו־נו“. נאר וואס נעהענטער ער איז געקומען צום הויז, אלץ מעהר קאלאמוטנע איז איהם געווארען און אז ער איז גענאנגען ארויף די פינסטערע שטיגען מיט די אויסגעמוטשעטע פיס, האט ער זיך דערגאנגען די יאהרען: „וואס פאר א קענדי־סטאר“? פאר הונדערט און פופציג דאלאר איז דא א קענדי־סטאר? — און אלרינגס, וואס

עס האט איהם געשוועבט אין מוח בשעת'ן טאנץ, האט איהם אנגעהויבען צו דערגעהן די יאהרען, און דער ראכטא־רי־ראם פון די כלי־זמר האט איהם געזשומזשעט אין די אויערען מיט חוזק, ער האט זיך געוואלט אפטשעפען פונ'ם לידעל מיט לייב און לעבען האט זיך אבער דאס ליעדעל פון איהם נישט געוואלט אפטשעפען און אלץ געזשומזשעט: ראכטא־די־ראם, ראכטא־די־ראם... וואס פאר אן אנקעהרעכטס צום שווארץ יאהר? א באבע'ס א צוואק... געדארפט די חתונה ווי מיינע צרות... וואס פארא הונדערט און פופציג דאלאר? עס געהט צו סלעס... דאס ביכעל אין גראסערי איז אנגעשוואלען, ראכטא־רי־ראם, אודאי אויף א פופציגער... מארגען פאר א חודש רענט בעצאהלען... אפגעבען צוריק איציקל'ם אכציג דאלאר... א קבצן... ראכטי־רי־ראם, נאך דערונטער...

# פרידריך שיללער

„א שטיל מיידעל ווי א טויב, און קען גאנץ שילער'ס ווערק אויסווענדיג" — האבען אלע געזאגט אויף עלקע'ן.

צוויי קינדער זיינען זיי געווען, זי און אן עלטערער ברודער, אויך א שטילער, מיט א פרום פנים און א גרויסער לערנער.

אז די מוטער איז געשטארבען, האט זי נאר וואס געהאט געענדיגט די שול און זיך גענומען פיהרען דאס בעל־הבית'ישקייט.

דער טאטע איהרער, רב איציק'על, א נאמן אין א וואלד, איז געווען א זיידענער איד, געקענט בעסער לערנען פון'ם רב (אזוי האט מען געזאגט). און געווען א גרויסער גדלן. עס האט געהייסען, אז ער האט נישט חתונה דערפאר, ווייל קיינער שטעהט איהם נישט אן.

אלע דריי זיינען זיי געווען ציטעריגע, יחסנ'דיגע מענשען און אלע דריי האבען זיי נישט געקענט הויך ריידען. טאמער האט איינער צום אנדערען ארויסגערעדט א ווארט, איז עס געווען שעמעוודיג, מיט אראפגעלאזטע אויגען. אם מייסטען האבען זיך געשעמט שוועסטער און ברודער און זיך אויסגעמידען ווי צוויי פערליעבטע.

אז א פרעמדער איז אריינגעקומען צו זיי, האט זיך איהם גע־דאכט, אז ער איז אין א מקום קדוש.

עלקע האט שטילערהייד געפיהרט די שטוב און שבת געמאכט מיט איהרע ווייסע, יחסנ'ישע הענט. אז זי פלעגט אויספלעכטען דעם קוילעטש אויף שבת, האבען זיך אין די פינגער געמאכט פונקט אזעלכע חן־גריבעלעך, ווי אז זי האט געפלאכטען דעם צאפ.

אלע דריי האבען זיי געקענט זינגען. דער פאטער ווי א קלארנעט און די שוועסטער מיט'ן ברודער, ווי א פלייט. זי אויבערשטע און ער — טיעפערע טענער, נאר שטיל, שטיל.

אז דער פאטער איז געזעסען ביי די זמירות, האט איהם אשר'ל אונטערגעהאלפען מיט'ן טיעפען קול די חזנ'ישע נגונים, און עלקע, וואס האט געגעסען בעזונדער אין איהר שטיבעל האט נאכגעזונגען.

ביי דער לעהרערין, ביי וועלכער זי האט זיך געלערנט שטי־קען, האבען אלע מיידלעך געוואלט זיצען לעבען עלקען. זי האט עפעס געהאלטען די נאדעל אנדערש ווי אלע מיידלעך, און דאס, וואס זי פלעגט אויסשטיקען איז געווען יחסנ'יש, גדלות'דיג. מען האט געפיהלט, אז ע ל צ י האט עס געמאכט.

ארום איהר, וואו זי איז געווען, איז אויך געווען גדלות. דאס האט יעדער געפיהלט, ווער עס איז צוגעגאנגען צו'ן איהר נאהענט, און דאס גדלות האט איהר געפאסט.

די מיידלעך פלעגען זינגען דייטשע און פוילישע ליעדער. נאר אז עלקע האט זיך בענעצט די ליפען, זיינען אלע אנשוויגען גע־ווארען. מען האט געוואוסט: זי וועט זינגען.

האט זי געזונגען שילער'ס א ליעד, נאר אין ליעד איז שי־לער געווען דער ריטער, און זי די נאנע, וואס קומט אין טהאל צו'ן איהם. תמיד האט זי איהם, שילער'ן געזעהן ליגען ערגעץ אויף א פעלד פערבלוטעט און זי בויגט זיך איבער איהם און שטארבט מיט איהם שטיל, שטיל... נייז, האט חתונה ערגעץ אין א קלויס־טער.

עס איז געווען א י ה ר שילער פונ'ם ערשטען מאל אן, ווען זי האט אנגעהויבען פערשטעהן דייטש. נאך מעהר, איהרער איז ער געווארען, ווען זי האט דערזעהן אויפ'ן בילד דאס עדעלע פנים זיינס מיט'ן בראקאט ביז די קניע און לאנגע זאקען.

און פלעגט זי דער געדאנק א גאנצע וואך נישט אפלאזען, איז ער אבער געווארען אם שטארקסטען שבת — שבת אין דער פריה, פאר'ן דאווענען, ווען זי איז געזעסען ביי זיך אין שטיבעל, אליין

און איבערגעקעמט דעם פריש־אויסגעוואשענעם צאפ פון נעכטען און שוין געפיהלט אויף זיך דאס קרעם קליידעל מיט די לאקירטע שיך...

עס האט זיך געפאסט דער זיידענער שילער מיט די ליעדער און זיינע יונגע מארקיזען, צום שטילען שבת אין דער יחסנ'ישער שטוב, צום גדלות'דיגען מיידעל מיט'ן פריש־אויסגעוואקסענעם צאפ. און פול איז געווען מיט זיי איהר שטיבעל, די ווענט, דאס שאכטעלע מיט דער שמעקענדיגער זייף, דאס בלויע סאמעט־בענ־דעל אויפ'ן האלז.

מיט דעם חלום איז זי ארומגעגאנגען אין דער חסיד'ישער שטוב און געקאכט אנבייסען.

און ווייל שעהן דערצעהלען האט זי געקענט אויסווע־ניג שילער'ס ווערק, איז מיט איהר חבר געווארען באבצי רייזי'ס, א נגיד'יש קינד, און ביידע פלעגען זיי געהן שבת אין טויער אריין שפאצירען, און דארטען, אויף די שטיינערנע בענקלער פלעגט על־קע נאכאמאל איבערדערצעהלען דאס מעשה'לע פון דער שעהנער טוראנדאט און די פרינצען, וואס האבען זיך געלאזט די קעפ פאר איהר אפהאקען.

נאר איין זאך האט זי איהר נישט דערצעהלט: דאס וואס זי פלעגט טראכטען שבת פאר'ן דאווענען ביי זיך אין שטיבעל ווען זי האט געקוקט אויף די יונגע מארקיזען אין בראקאט ביז די קניע, און נישט פון איהר בלוטענדען שילער אליין אויף א פעלד, מיט ווע־מען זי איז שטיל, שטיל געשטארבען... נייז, חתונה געהאט אין א קלויסטער.

איינמאל אויפ'ן שפאציער האבען זיי בעגעגענט דעם גראפ'ס זוהנדעל אויף א פערד רייטענדיג אין א גרינעם רייט־אנצוג, דאס פנים זיינס איז געווען אזוי גרעפליך־קלאר.

האט עלקע אריינגעקוקט אין זיינע אויגען און שיער גע'חלש'ט.

פון דאמאלס אן האט זי שוין געזעהן שילער'ן אין גראפ'ס גרי־נעם רייט־איינצוג, ווי ער בלוטעט אליין אויפ'ן פעלד מיט ד ע ם קלארען פנים.

דער יונגער גראף איז אוועקגעפאהרען קיין אויסלאנד און עס איז אהיים געקומען אויף וואקאציע זאלעסקי'ס זוהן, א סטודענט. האט ער געטראפעןביידע מיידלעך אויפ'ן שפאציער, וויט הינ־טער דער שטאדט, און זיי אנגעהויבען נאכצוגעהן.

זיי האבען זיך די ערשטע צייט נישט זעהענדיג געמאכט, ווי עס פאסט פאר לייטישע קינדער, נאר אין הארצען זיך געפרעהט; בפרט ווען דער יונגער זאלעסקי האט געזונגען אזעלכע שעהנע דייטשע ליעבעס־ליעדער, געקוקט פרעך אין די אויגען און גע־רופען „ליעבכען".

פון דעמאלט אן האט עלקע געזעהן איהר שילער'ן ווי ער זינגט זאלעסקי'ס שעהנע ליעבעס־ליעדער, קוקט פרעך אין די אויגען און רופט „ליעבכען"...

זאלעסקי איז צוריקגעפאהרען שטודירען, און אין מיהל אריין האט מען אראפגעבראכט א לעהרער א מאטוריסט ער זאל צוגריי־טען דעם מיהל־פעכטערס אייניקל אין גימנאזיום דער לעהרער האט געקענט שפיעלען פלייט פון נאטען און פאה־רען אויף א וועלאסיפעד. דאס האט דערצעהלט אשר'ל, וואס איז געווען א חבר מיט איינעם פון די אייניקלעך.

געזעהן האט זי איהם איינמאל פון דערווייטענס און געקוקט פארשעהמט אויף זיין טענצלדיגען גאנג און וואגאבונדסקע היטעל. נאר אזוי ווי זי איז געווען א לייטיש קינד און נישט געקענט הויך ריידען, האט זי איהם קיינמאל נישט געזעהן פון דער נאהענט, ביז אשר'ל האט אהיים געבראכט איינמאל א נאטען־ביכעל, און געזאגט מיט רעספעקט: „עס איז דעם לעהרער'ס". דערנאך האט ער דערצעהלט אין איין אטעם, אז דעם לעהרער איז געפעלען זיין שטימע, און ער וועט איהם לערנען זינגען פון נאטען.

האט עלקע ביי איהם אנטליהען דאס ביכעל, זיך פערמאכט אין שטיבעל, אריינגעקוקט אין די צייכענס פונ'ם נאטען־ביכעל און גע־שמעקט די בלעטלעך. האט זיך איהר דער קאפ פערדרעהט דער־פון, און זי האט געפיהלט פונ'ם גערוך ארויסוואקסען דעם לעהרער

מיט'ן מענצעלדיגען גאנג און וואגאבונדסקע היטעל, וואס שפיעלט אויף א פליים.

האט זי שטארק ליעב בעקומען די נאטען און געקוקט אויף זיי אזוי לאנג, ביז דער בלוטענדער שילער האט זיך אויפגעהויבען פונ'ם פעלד און איז אוועקגעפלויגען אויף א וועלאסיפעד אין א וואגאבונדסקע היטעל...

שפעטער אז מען האט אנגעהויבען שמועסען וועגען מלחמה האבען אנגעהויבען אריבערצוקומען די גרעניץ א סך יונגע לייט, צווישען זיי עלקעם א שוועסטער־קינד, אהרן, א פראסטער בחור אהן חכמות.

די משפחה האט זיך באלד אנגעהויבען סוד'ען, אז ער וואלט געווען פאר עלקע'ן א גוטער שידוך — אן אייגענער, און קיין נדן האט זי נישט.

איז אבער ר' איציקלען נישט אנגעשטאנען דער אייגענער ברודער, ווייל דער בחור האט נישט געקענט געננג לערנען און איז געווען א ציוניסט.

עלקע'ן איז נישט געפעלען דער „רוסישער", נאר ווייל דער טאטע האט נישט געוואלט, האט זי אנגעהויבען צו טראכטען וועגען איהם.

די קרובים האבען איינגעליינט וועלטען און געשריגען צו איציקל'ען: „וואס מיינסטו, וואס, וועסט ארויסהייבען דעם טשארטקאווער רבינ'ס אן אייניקעל? אן אייגענער ברודער — דו דארפסט דאנקען גאט, וואס ס'האט זיך אזוי געמאכט. ווען נישט די מלחמה, זיצט זי נאך א מיידעל. און וואס מיינט ער? חתנים וואלגערען זיך היינט אין די גאסען? עס איז נישטא קיין בעלנים אויף מיידלעך אהן נדן... טאמער איז ער א ציוניסט? מילא, א מענש מוז האבען עפעס א חסרון, אלדינגס אין איינעם איז נישטא ביי קיינעם...

ר' איציקעל האט זיך געלאזט איבעררעדען, האט מען באלד געשריבען תנאים און פיער וואכען שפעטער חתונה געמאכט.

דאָס פּאָר פּאָלק האָט ער אַריינגענומען צו זיך און אָבגעגעבען זיי עלקע׳ס שטיבעל מיט דער קיך.

תיכף נאָך דער חתונה איז אַהרון געוואָרען אַ שטיקעל סוחר, גענאַנגען אויפ׳ן דאָרף, געקויפט אַ בהמה און פערקויפט. איז ער באַלד געוואָרען פערגרעבט, זיך אויפגעהערט צו שעהמען פאַר׳ן ווייב אַן גערעדט וואָיל־יונגיש פון געשעפט.

דער פאָטער פלעגט אָפּזיצען גאַנצע טעג אין קלויז, עס האָט איהם געקרענקט, וואָס דער איידעם, ז י י ן איידעם איז געוואָרען אַ מאַרק־מענש. און נאָך מעהר: וואָס אשר׳ל איז אַנטלאָפען בגנבה אין דער שווייץ זיך לערנען אויף אַ פּליים ווי אַ כלי־זמר...

איז די שטוב לעדיג געוואָרען, און עס האָבען זיך שוין נישט געהערט צווישען די אַלטע בכבוד׳ע ווענט די שטילע קולות פון די יחסנ׳ישע מענשען מיט די ווייסע, רבנ׳ישע פּנים׳ער, נאָר עס האָט שוין געליאַרעמט דאָס רויהע קול פונ׳ם סוחר, דעם מאַרק־מענש, וואָס שעלט גוטמוטיג אין טאַטענ׳ס טאַטען.

איז עלקע׳ן דאָס לעבען געוואָרען באַלד נמאס און זי האָט געוואָלט זיין צוריק אַ מיידעל. באַבצי, די חבר׳טע איז מיט איהר נאָך דער חתונה געוואָרען פון דער וויטענס, וויל „מען זעהט שוין, וואָס פאַר אַ גליק זי האָט געכאַפּט״.

איז אין עלקע׳ן ווידער אויפגעגאַנגען דער חלום פון איהר פערבלומטען שילער, נאָר דאָס מאָל צייטיגער, שטאַרקער. איצט איז ער שוין געווען אָנגעטהון אין אַ שוואַרצען רייזע־מאַנטעל מיט אַ פעלערינע, געזעסען אויף אַן אַראַבישען פערד און זיך געזעגענט, געזעגענט.

איז זי אַרומגעגאַנגען אין שטוב ווי אַ פרעמדע און זיך גאָר־נישט אָנגעקעהרט מיט׳ן מאַן, נאָר שטיל געזונגען די מיידעלשע ליעדער, אָנגעטהון דאָס מיידעלשע סאַמעט־בענדעל אויפ׳ן האַלז און געשמעקט צו׳ן איהר אָבגעשוירענע צאַפּ. ביי די זאַכען פלעגט זי זיך אויסוויינען און זיי צוריק פערשליסען אין קאָר־פערטעל. דערנאָך פלעגט זי ווידער זינגען, און זינגען.

אז אהרן איז אנגעקומען אויף אזא שטיקעל, האט ער זיך דער־שראקען: „אפשר פונ'ם זין?"

— עלצי, וואס איז, חלילה עפעס געשעהן?

— וואס פאלט דיר איין?

— וואס זשע שטעהסטו און זינגסט?

— ווער זינגט?

אהרן האט פערשטאנען אז זי האט געבענקט נאך איהם, נאר זי שעהמט זיך אויסצוזאגען, האט ער זיך אנידערגעזעצט לעבען איהר, ארויפגעלעגט די הענט אויפ'ן שייטעל, געטהון איהר א פעטשעל אין באק און געהירזשעט: „הי, הי, הי". דערנאך האבען זיך זיינע גלאטע פינגער מיט די געלע שפיצען געגליטשט פונ'ם שייטעל אויפ'ן האלז און נאקען.

האט זי צוגעמאכט די אויגען, געוואלט זיך נארען און גע־וויספערט:

— פריעדריך... פריעדריך...

האט אהרן זיך אפגערופען, גלייך ווי זי זאל ריידען צו'ן איהם: וואס איז?

נאר זי האט ניט געהערט און געוויספערט:

— שפרינג אראפ פונ'ם פערד... פאהר נישט... פאהר נישט...

האט ער געענטפערט:

— נארעלע, ווער פאהרט?... אפילו ווען מען שיקט מיר א שיפס־קארטע...

— א... קוק נישט אזוי פרעך...

— ווער קוקט? ... קוק איך נ י ש ט ...

— „קוק"...

— קוק איך יא.

זי האט אויפגעעפענט די אויגען און דאס פנים איז איהר גע־ווען אזוי געל ווי וואקס, האט אהרן רחמנות געהאט אויף איהר, זי געוואלט טרייסטען און זיך באריהמט.

— האב איך היינט געקויפט א קעלבעלע — און דא האט ער צוגעלעגט צוויי פינגער צום מויל און געטהון א קוש „עה"... ער

האט איהר געקלאפּט אין פּלייצע: עלצי, עס איז אזוי פּעט ווי דו... א גוי א חזיר! בשום אופן נישט געוואלט פערקויפען פאר פופצעהן ראניש, כאטש גיב איהם א קרענק. וואס זשע טהו איך? אנו טרעף... איך שיק אונטער א קונא, גיט ער איהם נאר נאַין... הי, הי, הי... דער ערל איז שיער נישט גע'פּגר'ט... א קעלבעלע, זאג איך דיר... טיראלער ראסע... אז די קצבים האבען מיר דערזעהן נאך לעבען וועכטער־שטיבעל, האט מען עס געריסען פון די הענט... טיראלער ראסע...

האט עלצי ווידער פערמאכט די אויגען און איהר שילער האט זיך געבויגען איבער איהרע אקסלען מיט'ן גרעפליכען קלארען פּנים און זיך געזעגענט, געזעגענט... גערופען „ליעבכען", און אוועק־געפלויגען מיט'ן וואגאבונדסקע היטעל... געבלוטעט איינער אליין אויף א פעלד און זי איז מיט איהם שטיל, שטיל געשטארבען... נייז, חתונה געהאט אין א קלויסטער.

# דער ערשטער פאציענט

אז דער נייער דענטיסט טורנער, א בחור פון איין און צוואנציג יאהר האט אויפגענומען דעם ערשטען פאציענט, איז ער געווען צומישט, זיך גערויטעלט און האט צופיעל גערעדט.

די טאטע־מאמע זיינען געזעסען אין ווארט־צימער און איהם געהיט. אזוי לאנג זיך אויסגעמארכעוועט ביז צום דיפלאם, האבען זיי כאטש געוואלט האבען נחת.

טורנער האט אריינגעפיהרט דעם פאציענט, א אידענע אין די מיטעלע יאהרען, אין פריוואט־צימער, זי אנידערגעזעצט אויפ'ן טשער, און פערמאכט הינטער זיך די טהיר.

אז דעם דענטיסט'ס מוטער האט דערהערט אין צווייטען צימער א פאציענט, האט זי זיך אזש א הויב געטהון פונ'ם פלאץ און א זאג געטהון: „א פאציענט"... האט זי דער מאן אפגעהאלטען: „שא, זיץ שטיל". און אז זי האט נישט געקענט איינזיצען און זיך געריסען א קוק צו טהון דורך דער שפארונע, איז ער שוין בייז געווארען.

לויף נישט, פליה נישט, דער פאציענט וועט זיך דאך איבער־שרעקען.

אז דער זוהן איז אריינגעקומען עפעס נעהמען, האבען זיי זיךביידע געטהון א שטעל אויף:

— ווער איז?

— א פאציענט.

— וואס וויל ער?

— א צאהן ארויסנעהמען.

די פאטער איז צו'ן איהם צוגעגאנגען נעהנטער:

— זעה־זשע זוהן מיינער, ס'זאל טויגען.
דער זוהן האט זיך בעליידיגט:
— פאפא, וואס איז דער מעהר מיט דיר?
— שא, נאר נישט ברוגז! נישט מעהר, איך זאג דיר: גיב אכטונג.
— נעווער מיינד.
די מוטער האט עס אויך פערדארסען, האט זי זיך געטהון א גוידער אוים מיט דער דימענטענער שפילקע אויפ'ן האלז און גע־זאגט מיט א געמאכטען שלעכטען אידיש:
— וועל, דו דארפסט איהם נישט לערנען. עס האט איהם שוין דאנקען גאט געהאט ווער צו לערנען.
דער דענטיסט איז בייז געווארען.
— עס איז נאר א שאנד, א פאציענט איז דא...
דערנאך, אז דער פאטער האט דערהערט ווי די אידענע קרעכצט, האט ער געקלאפט איין פויסט אין דער אנדערער און געזעמט:
געוועזן בעראפט מעהר פראקטיסען אין האספיטאל... אר־בייטען ביי יענעם נאך א ביסעל... נישט נעהמען אזא יונגען צו־ציק...
האט עס די מוטער פערדראסען,פארוואס מען מאכט דעם זוהן דעם דאקטאר פאר א צוציק, האט זי זיך אויסגעגוידערט דעם האלז מיט דער דימענטענער שפילקע און געזאגט:
— זעה נאר, זעה! וואס ציטערסטו אזוי? דו מיינסט ס'איז ד י י נ ע קאסטאמערס מיט די פעדלער ביזנעס? ער איז נישט קיין קאסטאמער פעדלער, ער האט נישט וואס מורא צו האבען. געהערט? א נייעם נו... מען נעהמט ארוים א צאהן, טהוט וועה.
נאר איהר האט אויך געקלאפט אין הארצען — ווער ווייסט? פארט דאס ערשטע מאל... האט זי זיך געביסען די נעגעל פון די פינגער.
דער פאטער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר פון פריוואט צימער, זיך אנידערגעשטעלט אויף די קניע און אריינגעקוקט דורכ'ן שלי־

סעל־לאַד מיט איין אויג. אַלע מאָל האָט ער געמאַכט אַז אַנדערע מינע, געסמאַטשקעט מיט די ליפּען, ווי איינער רעדט: „נישט אַזוי, ס'טויג נישט... אַ דרעה מיט'ן קאָרין: אַט, אַט, אַט... און געמאַכט מיט די עלענבויגענעם, ווי מען שלעפּט אַרויס אַ צאָהן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קוויטש. איז דער איד אויפגע־שפּרונגען ווי אויף ספּרונזשינעס. דאָס ווייב זיינס האָט געטהון אַ פערבראַך מיט די הענד, אוי וועה איז מיר... בעריל, אַהער גיך, מען וועט נאָך אַז עפּען טהון די טהיר.

בעריל האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ. באַלד האָט זיך געעפענט די טהיר און די אידענע איז אַרויס מיט אַ פער־וואָרפענעם קאָפּ. נאָך איהר טורנער, רויט ווי פייער, און איהר געהאָלפען זיך צוזעצען אויפ'ן לעדערנעם סאָפעקעלע וואָס איז גע־נומען געוואָרען אויף אויסצאָהלען.

די אידענע האָט זיך געשאָקעלט אַהין און אַהער: אוי... אוי...“

דעם דענטיסט איז איינגעפאַלען, אַז די אידענע האָט איהם נאָך נישט באַצאָהלט. וועער ווייסט? אפשר געהט זי אַוועק און פערגעסט צו באַצאָהלען? — האָט ער געקוקט אין דער זייט אַריין, ווייל ער האָט זיך געשעמט צו מאַהנען מיט די אויגען.

דער פאָטער האָט געברענט צו וויסען מכח אַכצעהן און דריי־צעהן און ער האָט אַרויסגעקוקט, די אידענע זאָל זיך שוין געהן. די מוטער, אַז זי האָט דערזעהן, ווי די אידענע שאָקעלט זיך אַזוי האָט זי זיך קודם דערשראָקען, נאָר אַז זי האָט דערזעהן, אַז די אידענע חלושט נישט, איז איהר געוואָרען גרינגער אויפ'ן האַרצען. און פון דאַנקבאַרקייט, וואָס איהר זוהן האָט נישט אָנ־געאַרבייט עפּעס אַ צרה, איז זי צו'ן איהר צוגעגאַנגען, געהאָלפען קרעכצען און פאַרפיהרט מיט איהר אַ לאַנגען שמועס.

און די אידענע, כאָטש זי איז נאָך געווען פאַרטויבט פון'ם וועהטאָג, איז פון דעסטוועגען נישט געבליבען היכטערשטעליג, גע־ענטפערט אויף יעדער פראַגע מיט דריי נייע, און גערעדט מיט אַ נגון פון צעהן־וועהטאָג:

— דער ערשטער זוהן?

— יא, זאל מיר געשענקט זיין.

— האט שוין לאנג דא דעם אפים?

— ס'וועט ווערען צוויי יאהר ביז הונדערט און צוואנציג.

— נאך עפעס קינדער א חוץ איהם?

— יא, זאלען געשענקט זיין.

— ווייזט אוים ערשט א נעענדיגטער... ווי לאנג איז ער שוין דאקטאר?

די מאמע האט זיך דערשראקען, — עס קען שאטען צו ביזנעס.

— חלילה, וואס רעדט איהר? שוין פינף יאהר געפראקטי־צירט... איהר זעהט, א...

— זי האט איהר אנגעוויזען אויפ'ן סלאי מיט די אפגעקויפ־טע צייהן:

„אליין ארויסגעשלעפט שוין קיין עין־הרע"...

די אידענע האט זיך א געזונטען הויב געטהון, אנצוקוקען. אין מיטען וועג האט זי זיך דערמאנט אז צעהן־וועהטאג, און אנגעהויבען צו שפאנען מיט שלאפע שפען.

דערווייל איז דער פאטער געשטאנען מיט'ן דאקטאר אין אן אנדער ווינקעל, און דער טאטע האט א פרעג געטהון:

— זאג נאר, שוין באצאהלט?

— נאך נישט.

— דו, נאר דו, געה צו און מאן, אזא קושנירקע, קען זיך נאך נישט־וויסענדיג מאכען און אוועקגעהן אזוי.

— נעוועך מאינה, פאפא, זי וועט באצאהלען...

— וויפיעל דיינקסטו ביי איהר צו נעהמען?

— איך דענק א דאלאר.

— איך רעכען א האלבען... ציה נישט איבער דאס שטרי־קעל, פארט א נייער... דער פון דילענסי סטריט נעהמט אויך נישט מעהר.

נאָר דאָס, וועגען וואָס זיי האָבען גערעדט, איז זיי ביידע וועניג וואָס אָנגעגאַנגען. זאָל זיין פופציג סענט — דער עיקר האָט יעדער געטראַכט, ווי אַזוי גיט מען איהר אָנצוהערען...

בעריל האָט אַ וואונק געטהון צום ווייב, זי זאָל איבערהאַקען דעם שמועס. האָט זיך יענע פערקירעוועט אויף אַ זייטען־וועג. דערנאָך אויף דריי אַנדערע זייטען־וועגען און דערנאָך אויף אַ פּאָר קליינטשיגע זייטען־וועגעלעך און מיט אַמאָל איבערגעהאַקט. אין שטוב איז געוואָרען שטיל. אַז מען האָט געקענט הערען אַ פליג זשומ־זשען און ביידע ווייבער האָט די שטילקייט געפּרעסט אויפ'ן הארצען. די צינגער זייערע האָבען זיך געריסען פון די מיילער אַרויס, זיך געבעטען אַ דרעה צו טהון און נישט געקענט איינליגען רוהיג. נאָר דאָס שטילקייט איז שוין געשטאַנען ווי אַן אייזערנע וואַנט, נישט איבערצורייסען, און האָט זיך געלעגט ווי אַ מאַסע שטיינער אויף זיי. זיי זיינען געוואָרען אומעטיג. עפּעס אַ קיילעכדיגע גלאַטע זאַך, ווי דרעלים פון פּיש האָט זיך אויסגעגליטשט, איז אַנטלאָפען פון די נישט גערעדטע צינגער...

די ווייבער האָבען זיך געשעמט צו קוקען אין די אויגען אַריין, ווייל זיי האָבען געשוויגען.

דער טאַטע האָט געטהון אַ הוסטעל און דער זוהן האָט אָנגעהויבען פּייפען אַ נגון, ווי אַ גרויסער בחור וואָס וויל זיך צנאַוויי־נען און מאַכט זיך האַרץ.

דער מאַמע האָט געוואָלט אַרויפברענגען אַ שמועס וועגען געלט, האָט ער געקרעכצט:

— נאָ, אַזאַ יקרות, אַזאַ יקרות...

האָט די אידענע נאָכגעקרעכצט:

— אַזאַ יקרות...

— למען־השם, איהר געהט אהיים צורודערט, זעהט האַלט גוט דעם פּאַקעט בוק אין די הענט, ס'דרעהען זיך די לעצטע ציים אַרום פּיק־פּאַקעטס.

די אידענע האָט גוט אַרומגעקלאַמערט דעם פּאַקעט בוק.

האָט דער איך פאַרלעגט די הענט אַהינטער, געקוקט דער אי־דענע גלייך אין די אויגען אַריין און געזאָגט:

— אוי, דאָס געלט, דאָס געלט...

שפּעטער אַביסעל אַז די אידענע האָט זיך אויפגעהויבען און געלאָזט צו דער טהיר, איז ביי דעם דענטיסט אַרויס די נשמה. די מוטער, נישט וויסענדיג וואָס דאָ טהוט זיך, האָט זיך גענומען צו באַגלייטען זי, האָט דער פאָטער געטהון צוויי גרויסע שפּען און אַרויסגעפּלאַצט:

— זייט זשע מוחל... ביי אַ דאָקטאָר ווייסט איהר דאָך, מען מאַהנט נישט... נאָר אַז מען פערגעסט... ס'קומט פופציג סענט...

די אידענע האָט זיך געטהון אַ כאַפּ ווי אַז אָפּגעבריהטע: אי וועה, כ'האָב גאָר פאַרגעסען... דערנאָך האָט זי געזאָגט מיט פער־דרוס: וועה איז מיר, נישט געשעהן, איך אַנטלויף דאָך נישט. וואָס האָט איהר אַזוי מורא? דאָס ערשטע מאָל הער איך, אַז ביי אַ דאָקטאָר זאָל מען מאַהנען.

זי האָט ברוגז'ערהייד אַרויסגענומען צוויי קוואָדערס, דער־לאַנגט דעם אידען און איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ רעש.

אַז די טהיר האָט זיך פערמאַכט, האָבען זיך אַלע דריי גע־טהון אַ קוק אַן צוריק היימיש, און זיך דערנעהנטערט איינער צום אַנדערען. דער פאָטער האָט באַהויכט דאָס געלד עס זאָל זיין מזל'דיג און עס דערלאַנגט דעם זוהן.

דער יונגער דענטיסט איז געוואָרען רויט ווי פייער, בעהאַל־טען די צוויי קוואָדערס אין קעשענע און געענטפערט אויפ'ן פאָ־טער'ס בעהויכען: נאַנסענס".

די מוטער איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען דעם זוהן און איהם אַ קוש געטהון אין שטערען:

— זוהנעניו, עס זאָל זיין אין אַ גוטער שעה...

דער פאָטער האָט שטילערהייד נאָכגעזאָגט און זיך געגלעט די באָרד:

— ווייסטו וואָס כ'וועל דיר דערצעהלען זוהן מיינער? אַז דער אויבערשטער וועט אַ נס בעווייזען, וועסט זיך וואָס נישט

איז אַרויפאַרבייטען, דאַרף מען דעפּאָזיטען אין די בענק... עס העלפט צו ביזנעס...

דער זוהן איז געוואָרען רעדעוודיג און פרעהליך, דערצעהלט ווי עס איז צוגעגאַנגען. טאַטע־מאַמע האָבען געשלונגען יעדעס וואָרט און געווען שטאָלץ אויף אַזאַ זוהן. נאָר ווען עס איז געקומען דערצו, ווי ער האָט געטהון דעם שטאַרקען ריס, האָט זיך דער פאָטער אַ הויב געטהון מיט אַ פּאַטש אין די הענט.

— וואָס דען? ...

## ווייסע פוטערלעך

שעה'ן לאנג פלעגט די אכט יעהריגע בראנצי אפשטעהן ביי דער גרעניץ, און אריבערקוקען קיין רוסלאנד.

דאס שטעדטעל איז געלעגען אויף א בארג און אונטען אין טאל איז געפלאסען א שמאלער טייך: די רוסיש-עסטרייכישע גרעניץ. אז מען איז געשטאנען אויפ'ן בארג אנגעשפארט אז דער פארענטשע האט מען געקענט זעהן א גרויסע שטרעקע לאנד פון יענער זייט, מיט'ן רויטען הויז פון דער טאמאזשנע.

בראנצי האט אריבערגעקוקט אויף דער טאמאזשנע און גע־טראכט פון איהר רייכען פעטער דעם ווייז-הענדלער וואס איז דארטען דא. זי האט ליעב באקומען רוסלאנד, פון זינט זי האט דערזעהן דאס ווייסע פוטערל אויפ'ן רוסישען פריץ'ל — אין רוסלאנד זיינען דא ווייסע פוטערלעך.

קיין מוטער האט זי נישט געהאט, און דער פאטער, א סוחר וואס פלעגט תמיד ארומפאהרען אין די דערפער, און ביי וועמען זי איז געוועזען איין און איינציגע, האט נישט געקענט תמיד זיין מיט איהר; פלעגט מען זי איבערלאזען ביי א מוהמען ביז דער טאַ־טע וועט צוריקקומען. און ווייל ביי דער מוהמע'ן איז געוועזען קיין עין־הרע נענוג קינדערלעך אהן איהר, האט מען זיך אויף איהר נישט אומגעקוקט. און זי פלעגט דערפאר קענען אנטלויפען אראפ צום וואסער און אריבערקוקען אויף יענער זייט. פון זינט זי גע־דענקט די גרעניץ, האט זי תמיד געגארט אריבער צוגעהן אויף יע־נער זייט. און ווען דער טאטע פלעגט אהיים קומען פונ'ם דארף, פלעגט זי זיך פאר איהם פיעסטשען:

— ווען פאהרסטו מיט מיר אריבער קויפען א מענטעלע מיט ווייסע פוטערלעך?

— באלד.

— טאטעל, טאטעל, טאטעל...

— משוגע'ן קינד...

עס האט זיך איהר אויסגעדאכט אז אין רוסלאנד געהען אלע אנגעטהון אין ווייסע פוטערלעך:

— דאס רוסלאנד... וואס איז עס?

— א לאנד, — זאגט דער טאטע...

— א לאנד, א לאנד, א לאנד... מיט ווייסע פוטערלעך...

און אז עס איז איינמאל אויסגעפאלען א שנעע און צוגע־דעקט די רוסישע פעלדער פון יענער זייט, האט זיך איהר גע־דאכט, אז דארטען איז די ערד אויסגעשפרייט מיט ווייסע פו־טערלעך.

דאס איז געווען ווינטער־צייט. זומער־צייט האט זי געצויגען אראפ צום וואסער, צו דער גרעניץ, וויל פון יענער זייט טייך האבען געוואקסען שווארצע ערד־בעערען.

דעם רייכען פעטער האט זי זיך תמיד פארגעשטעלט ווי ער שטעהט ביי א פאס און צאפט וויין מיט א ווייס געשליפען גלאז, און טיילט איטליכען וויין... עס איז גוט א פעטער וואס טיילט וויין. האט זי געוואלט פאהרען צו'ן איהם.

פלעגט זי אלע פרייטאג פארנאכט נאכלויפען די גוי'אישע פוהרען מיט מעהל וואס האבען זיך געצויגען צום צאל־אמט, און דערטאפט פישעל באסי'ס, א איד וואס פאהרט אלע וואך אריבער מיט'ן טראנספארט, איהם אנכאפען ביי א פאלע — פישעל פאהרסט אריבער?

— א ה י י ם , איך וועל דערצעהלען דעם טאטען.

— לאז געריסען דעם פעטער...

— וואס פאר א פעטער, ווער מיר פעטער?... לאז אפ די פאלע דו הולי... א ה י י ם , זאג איך...

— דעם וואס טיילט וויין...

זי איז איהם געשפרונגען אין פנים ווי א לץ, און ער האט זיך נישט געקענט אבראניען ביז ער האט געמוזט צוזאגען, אז ער וועט געריסען

זי האט שטארק געגארט אריבערצופאהרען קיין רוסלאנד זעהן די ווייסע פוטערלעך, און אז זי פלעגט אנהויבען צו דערקוטשען דעם פאטער, פלעגט ער זי איינגעהמען מיט א שפילכעל, און צו־זאגען אז ער וועט באלד פערדיענען א סך געלט וועט ער קענען קויפען דעם פעטער א שעהנעם פרעזענט. אהן א פרעזענט איז נישט שעהן צו פאהרען... און געטראכט האט ער זיך, אז דאס קינד דארף האבען א מאמען. זיך דערמאנט אן פעסי דער אלמנה, און א זיסען זיפץ געטהון.

דאס קינד איז ווי אלע קינדער־יתומים, געווען א הפקר־קינד, געהאט א הערציל פון א הפקר־קינד וואס עס ציהט עס פון איין פלאץ אויפ'ן אנדערען, און אז עס איז דא, וויל עס זיין דארט.

איינמאל איז דער פאטער איהרער אוועקגעפאהרען קיין דייטש־לאנד פארקויפען עהל. און נישט צוריקגעקומען אזוי גיך, האט מען אין שטאדט געזאגט אז ער איז פארפאלען געווארען, א טייל האבען געזאגט אז ער איז געשטארבען.

איז בראנצי אנגעקומען צו'ן א מוהמען וואו ס'איז געווען א סך קינדער. די מוהמע איהרע איז נישט געווען קיין דימענט פון קיין מוהמע, איז זי תמיד געווען בייז אויף איהר, און געזוכט חטאים: זי טראגט ארוים דעם הונט דאס ברויט, זי פאלגט נישט אז מען שיקט זי א גאנג... האט זי נישט פערשטאנען, און וואס איז אז זי צוטיילט זיך מיט „באסיק'ן" מיט'ן ברויט? דארף עמי־צער אויף איהר שרייען? זייער ברויט האט זי נישט גענומען, זי גיט נאר פון איהר חלק. איהם העלפט און זיך העלפט. איהם נישט א קרושקע מעהר, און זיך נישט א קרושקע מעהר. וואס זשע איז? — און זי האט טאקע נישט געוואלט פאלגען. די מוהמען קיין גענג, וואס האט זי גנדארפט פאלגען? בעסער איז זי זיך אנטלאפען צו דער גרעניץ, און אריבערגעקוקט צום פעטער וואס טיילט וויין, און צו די פריצים'לעך מיט די ווייסע פוטערלעך.

אז די מוהמע האט געזעהן, אז עס איז נישט אויסצוהאלטען פון איהר, האט זי געוויינט פאר'ן פעטער, דעם פאטער'ס א ברו־דער, האט דער פעטער נישט געקענט זעהן קיין טרערען, און גע־זאגט: „איך שיק זי אריבער קיין רוסלאנד".

אז בראנצי האט דערהערט אז מען שיקט זי אריבער, האט זי געטאנצט פון פרייד: ווייסע פוטערלעך... און אז מען האט זי ארויפגעזעצט אויף דער פוהר לעבען פישעל באסי'ס, און די פערד האבען געטהון א שלעפ דעם וואגען האט זיך עפעס אין איהר געטהון א ווארף פון פרייד און זי האט זיך געטראכט: „ס'גוט".

נאכ'ן אריבערפאהרען די גרעניץ איז איהר שוין דאס פאהרען נמאס געווען, און ביסלעכווייז איז זי איינגעשלאפען אויף דער פוהר.

אז זי האט זיך אויפגעכאפט אין רוסישען שטעדטעל, און פי־שעל האט איהר געזאגט אז דא איז עס, האט זי זיך נישט געוואלט גלויבען. זי האט באלד געזעהן, אז עס איז דא אויך נאך ימים־טובים, פונקט ווי אין דער היים. מענשען האבען געבראדזעט ביז איבער די קנעכיל אין דער בלאטע אין שמאלע געס־לעך. איינגעהויקערטע שטיבלעך ווי ביי זיי לעבען באד זיינען דא געווען.

— פישעל, דאס איז עס גאר?

פישעל באסי'ס האט געענטפערט אז דאס איז עס.

— נו, און וואו זיינען די פריצים'לעך מיט די ווייסע פוטער־לעך?

פישעל האט געלאכט.

אין איינעם אזא שטיבעל האט פישעל זי אריינגעפיהרט. אין שטוב איז געווען א לײמ'ענע פאדלאגע מיט א גלעזערנע שאפקעלע מיט ספרים, איז זי צו, אויפגעמאכט א ספר און געזעהן אז די בלעטלעך זיינען פערקאפעט מיט ליכט, און עס גיט פון זיך א טוכ־לע ריח. כיין דער טוכלע ריח קומט גאר פון'ם באַ־און הירש'ם און ·מאנטעפיאָרע'ס בילד.

מען האָט זי אַריינגעפיהרט אין דער אַנדערער שטוב, וואו עס איז געווען דער שענק, דאָרטען זיינען געווען אויסגעשטעלט לאַנ־גע טישען מיט בענק און קאַצאַפּעס האָבען גע־שכור׳ט און גע־זונגען.

די מוהמע, אַן עלטערע אידענע מיט אַ שטייפען טשיפּיק, וועמען עס האָט נישט געשיינט קיין גוטס פון די אויגען, האָט זיך געדרעהט מיט אַ גרויסען בונט שליסלען און געשאַלטען די דינסט. אַז זי האָט דערזעהן בראַנצי׳ן האָט זי זיך אַפילו נישט צוקושט מיט איהר אין די פּיסקלעך, און נאָר געפרעגט ברוגז. „וואָס מאַכסטו, גוטס?״

דער פעטער, עפּיס אַ איד מיט אַ קיילעכדיגען פּנים און אַ באָרד צוואַוואַקסען ווי אַ באַרשט, איז צוגעקומען צו׳ן איהר, בעקוקט זי און נעהייסען איהר געבען עפּיס עסען מיט אַזאַ קול, אַז זי האָט קוים איינגעהאַלטען די טרעהרען פון שרעק.

די מוהמע האָט איהר באַלד דערלאַנגט אַ טעלעריל אַרבעס מיט אַ שטיקעל ברויט, און בראַנצי האָט געגעסען.

דערווייל איז געוואָרען ביים טיש אַ גוואַלד, אַ גוי האָט זיך צושלאָגען ביים טיש מיט אַ צווייטען און צובראַכען אַ פלאַש, איז דער פעטער צו, דערלאַנגט דעם גוי מיט׳ן קולאַק אין מאָרדע, און איהם צובלוטיגט, האָט זיך דער גוי צוואַויינט, און געבלי־פּעט שכור׳ערהייד אויפ׳ן קול:

— בער־עניו זאַטשטאַ... זאַ־טש־טאַ?... זאַטשטאַ־אַ־אַ־אַ...

בראַנצי׳ן האָבען זיך אַ נאָס געטהון די טרערען גלייך מיט׳ן גוי, האָט זי מורא געהאַט מען זאָל נישט דערזעהן, האָט זי זיי געווישט בגנבה און ווייטער געגעסען, געשלונגען די טרערען מיט׳ן אַרבעס, און יעדעס שטיק אַרבעס האָט זיך איין האַלז אָנידערגע־שטעלט און נישט געוואָלט ווייטער געהן.

פישעל באַסי׳ס איז געשטאַנען ביי דער טהיר, און זיך גע־זעגענט, איז זי פלוצים צו׳ן איהם געטהון אַ שפּרונג צו, זיך אָנגע־קלאַמערט אַן דער פּאָלע, און איהם נישט געלאָזט געהן. דער

איך האָט זיך געריסען פון איהר, האָט זי בעהאַלטען דאָס פּנים אין זיין פּאַלע און געבליפּעט: „נעהם מיך אהיים... אהיים..."

די מוהמע מיט'ן פעטער זיינען צוגעקומען און זי אַנגעהויבען צורעדען זי זאָל בלייבען, די מוהמע האָט געמאַכט אַ פריינדליך פּנים און גערעדט מיט אַ גוט קול, ווייל זי האָט געוואוסט אַז דאָס קינד וועט שוין דאָ נישט בלייבען:

— זיי דאָ, נאַרעלע, וואָס ווייגסטו? ס'וועט דיר דאָ זיין גוט... מ'וועט דיך אַלע טאָג מיטנעהמען אין וואַלד אַריין...

פישעל באַסי'ס האָט צוגעהאָלפען:

— מ'וועט דיר דאָ קויפען אַ פּאָר קאַלאַשלעך...

דער פעטער האָט אויך צוגעהאָלפען: — מ'וועט דיר מאַכען אַ מענטעלע...

האָט זי כליפּענדיג דורך פערטרערטע אויגען געפרעגט:

— מיט ווייסע פוטערלעך?...

דער פעטער האָט אַ שמייכעל געטהון און אַלע האָבען זיך צולאַכט. דערנאָך האָט די מוהמע געזאָגט:

אודאי, דו נאַרעלע, וואָס דען? אבי בלייב דאָ...

נאָר זי האָט שוין געוואוסט אַז, אַלדינגס איז אַ ליגען, עס איז נישטאָ קיין ווייסע פוטערלעך... מ'שלאָגט אין מאַרדע... ס'רינט בלוט, און מ'וויינט... ס'שלעכט דאָ... דער אַרבעס וואַרגט אין האַלז, איז זי אַרויס מיט אַ נייער קלאַנג:

— אהיים... איך וויל אהיים...

און אַז פישעל באַסי'ס האָט געזעהן ווי דאָס קינד האָט זיך אין איהם איינגענורעט, האָט איהם פערקלעמט דאָס האַרץ און ער איז געבליבען שטעהן צומישט. דער פעטער האָט זיך אַנגערופען:

— מילאַ, זעהסט דאָך אַז זי וויל נישט בלייבען... אַז עס, נעהם זי אהיים...

אַז זי איז שוין געזעסען מיט איהם אויף דער פוהר, און דער פעטער מיט דער מוהמען זיינען געשטאַנען מיט פאַרלעגטע הענד און נאָכגעקוקט, האָט זי פלוצים דערפיהלט צו זיי אַ ליעב-

שאפט, דערפאר וואס זי קאן זיי איבערלאזען, און געשריגען:

— זייט געזונד, זייט געזונד...

נאר פון דער אנדערער זייט גרעניץ, ווען זיי זיינען געפאהרען בארג־ארויף, אהיים, האט איהר אנגעהויבען באנג צו טהון נאך עפעס

פישעל באסי'ס האט זי געפרעגט:

— נו וועסט נאך וועלען פאהרען קיין רוסלאנד? כ'האב דיר געזאגט... א יא?

איז זי געזעסען מיט א צובראכען הערצעל און האט געוויינט. נישט דערפאר ווייל די מוהמע לאזט נישט געבען קיין ברויט דעם הונט, נישט דערפאר וואס זי שיקט זי געגנ, נישט דערפאר, ווייל איהר טאטע איז ערגעץ פארפאלען געווארען, נאר דערפאר, ווייל ד א ר ט ע ן זיינען נישטא קיין ווייסע פוטערלעך...

# א רערע

אידער מען האט זיך אומגעקוקט איז שוין געווען צוויי אזייגער בײנאכט, נאר קײנעם האט זיך נאך נישט געגלוסט אהיים צו גײן.

דאס איז געווען א באנקעט צו פייערן די צען־יעהריגע עקסיסטענץ פונ׳ם פאראיין.

האבען זיי זיך געפרעהט, די מעמבערס, ארומגעגאנגען איבער׳ן האל אביסעל אונטערגעטרונקען און ס׳האט זיך צו אַפּט געהערט א נעכטער אומזיסט און אומנישט.

איינער א מעמבער האט געמאכט א פארשלאג, אז מען זאל זינגען אינאיינעם „עוד לא אבדה". האבען זיך א פאר מעמבערס אויסגעהוסטעלט דערצו און מען האט אנגעהויבען. נאר אזוי ווי יעדער האט געזונגען פאר זיך מיט אן אנדער קול און טעמפא, איז זיך יעדער אוועק אויף זיין אייגענעם וועג. וואס בלשון מוזיקע ווערט עס הייסען „פוגע", און אויף פראסט אידיש — אז איינער האט נאכגעהינקט דעם אנדערען.

קוני דאבע׳ס האט זיך ארומגעדרעהט מיט א גלעזעל משקה אין דער האנט און געהאלטען אין איין ריידען פאר זיך: „נו, לחיים! לחיים!", און דער „לחיים" איז באמת געווען מיט׳ן גאנצען הארצען, ווארים ווער איז נאך אזא וואויל מענשעל ווי קוני? — דערצערנט נישט קיין פליג אויף דער וואנט און איינעם וואס זידעלט איהם נישט, וואלט ער אויסגעקושט יעדעם אבר...

איין חסרון האט ער געהאט קוני — געווען א שווערער בעל־דברן. אויף א י ה ר לשון הייסט עס א מיגענ...

איז טאקע געווען צרות — מענשען האבען איהם מביש גע־ווען... נישט מיט ווערטער, חלילה — וואס איז, מ'קען איהם נישט פון דער היים? דערווייל איז נאך אלער רעספעקט... נאר גאר־נישט, אזוי — מיט א קוק זיך איבער, מיט א נישט דערענדיגטען שמייכעל... ער פארשטעהט עס שוין...

וואס דארף ער מעהר? דאס אייגענע ווייב איז דען נישט ערגער ווי א פרעמדע? נאר עפעס — איז מינענע...

און ווי אויף להכעיס, ווייל אזוי, האט ער דוקא ליעב גע־האט צו ריידען... וואס שווערער ס'איז איהם אנגעקומען צו עפענען דעם מויל, אלץ שטארקער האט אין איהם געברענט דער יצר־הרע צו ריידען. נאר ווי אזוי זאל ער זיך אויס'טענה'ן, אז ז י פערכאפט נאך איידער ער לאזט די פארע פונ'ם מויל. אזוי לעבען זיי זיך גאנץ פיין — וואס האט ער צו'ן איהר? נאר דאס איינע, וואס זי לאזט איהם קיינמאל נישט אויסריידען.

אין דער סאסייעטי איז דען נישט אזוי? אז ער הויבט עפעס אן זאגען, דערגעהט איהם שייקעלע קאוואל די יאהרען מיט'ן „פאינט אוו ארדער". אי, ווען מ'גיט איהם צייט!... ער וואלט שוין לאנג געווען א קאנדידאט אויף וויס־פרעזידענט. וואס איז, שייקעלע איז א גרעסערער מיוחס פון איהם? נישט מעהר — די געמבע. ווען יענער טהוט זיך א שטעל אוועק מיט לשון: „איך מאך א פארשלאג, מ'זאל זיך נישט איילען ארויסגעבען קראנקען בענע־פיט צו'ן א געזונטען מעמבער; דאס איז מיין אישו" — גיבען איהם אלע נערעכט.

און טאמער פרעגט דער טשערמאן צי ס'איז דא אן אבדזשעקשאן און קוקט אויף איטליכען און אויף קוני'ן אויך, הויבט איהם אן פלאמען דאס פנים. ער וויל זיך אויפהויבען און זאגען, אז ס'איז דא אן אבדזשעקשאן, ס'איז דא... און אין איהם שרייט עס: „הויב זיך אויף... רייד, זאג, דבר". נאר אז די פיס הויבען זיך נישט.

דערפאר אבער, ווען ס'קומט צו'ן אן אבשטימונג, ווערט ער גאר אן אנדערער מענש. אמת, ביי דער אבשטימונג דארף מען נישט

מעהר, ווי נאָר אויפהויבען אַ האַנד — נאָר דאָס איז שוין געגוג. די גאַנצע נשמה לעגט ער אַריין אין דער אויפהויבענדער האַנד. ז י י ן האַנד זעהט מען מעהר פון אַלעמענס. ער שטרעקט זי אויס אַזוי שטייף, אַז זי הויבט איהם אַזש אָן צו ברעכען און מיט די פינגער מאַכט ער קונצען. די פינגער ריידען ווערטער...

נאָר אַזאַ שטיקעל צושפּיעלט זיך אין איהם אַ זיס גדלות און ער ווערט ביי זיך אין די אויגען מעהר מענש.

איצט, אַזוי ווי מען האָט געוואָלט פרעהליך זיין, האָט אַ ליץ איינגערוימט דעם טאָסטמייסטער ער זאָל געבען קוני'ן דאָס וואָרט.

קוני איז זיך געווען געזעסען אין אַ זייט, זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו'ן אַלץ. דאָס איז ביי איהם אַ נייעס — דאָס ער־שטע מאָל, וואָס ער איז אויף אַ באַנקעט. ער איז שוין טאַקע אַכט יאָהר אין אַמעריקאַ, האָט שוין, ברוך־השם, אייניקלעך, נאָר אַזוינס האָט ער נאָך פאַרט נישט געזעהן — ס'איז נישט קיין באַל, נישט קיין חתונה און ס'איז פאַרט אַ שמחה, און דאָס „ספּיטשען" דערצו...

אַי האָט ער מקנא געווען דעם פרעזידענט מיט'ן וויס־פרע־זידענט, וואָס זיי האָבען געהאַלטען ספּיטשעס...

ווען ער האָט פלוצים דערהערט זיין נאָמען אויסרופען האָט איהם עפּיס אַ קיצעל געטהון ביים האַרץ, און ער האָט גלייך נישט געוואוסט וואָס מיט איהם איז געוואָרען.

באַלד האָט מען איהם אוועקגעשטעלט אויף אַ טשער און איהם געהייסען ריידען.

קוני'ן איז עפּעס מיט אַמאָל פינסטער געוואָרען אין די אוי־גען און דערנאָך שטאַרק ליכטיג, אַז פונקען זיינען אַזש געפלוי־גען. האָט ער זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען אויף'ן טשער. זיינען צוגעגאַנגען צוויי מעמבערס און איהם געהאַלטען ביי די זייטען מיט אַ געלעכטער. דערווייל האָט מען אָנגעהויבען צו שרייען: „נו, נו!... אָרדער, פּליעז!". איז איהם קוני'ן דורכגעלאָפען אין געדאַנק: „פון דיינטוועגען שרייט מען: אָרדער, פּליעז!"...

אין האַל איז געוואָרען שטיל, מען האָט געקענט הערען אַ פליג

זשומען. קוני איז געוואָרען טויט ווי אַ מת און שוין נישט גע־וואוסט, וואָס ס'טהוט זיך מיט איהם. עפּעס האָט ער יאָ גע־פיהלט, ווי מענשען האַלטען איהם צו — אפשר איז ער ערגעץ געפאַלען אין חלשות און מען מינטערט איהם?...

נאָר ווען ער האָט דערהערט דעם טאָסטמייסטער'ס קול: „קוני זיסעלמאַן, געהט ריידען. אָרדער, פּליעז!" — האָט ער זיך שוואַך אַ ריהר געטהון, די ליפּען האָבען זיך אָנגעהויבען באַוועגען, ווי אין אַ חלום און ער האָט מיט עפּעס אַ פרעמד קול נאָכגעזאָגט: „אָרדער, פּליעז".

נאָר ביסלעכווייז איז ער צו זיך געקומען. קודם האָט איהם אָנגעהויבען פלאַמען אין אויער, דערנאָך אַ באַק, דערנאָך ביידע אויערען מיט ביידע באַקען. ער האָט זיך אַליין דערזעהן שטעהן אויף אַ ביינקעל אין אַזאַ האַל און מענשען שטעהען אַרום און קוקען א י ה ם אין מויל אַריין... ס'איז דאָ צייט, מ'שלאָגט איהם נישט איבער... אדרבא, זאָל ער נאָר ריידען אַזוי פיעל, וויפיעל זיי וועלען הערען... ס'איז נישט אין דער היים... ס'איז נישט אין שאַפּ ביים ביגעל־אייזען...

האָט ער זיך צורעדט. פון אָנפאַנג שווערליך, געהיקעט, גע־איילט זיך פון געוועהנהייט — טאָמער וועט מען איהם נישט לאָ־זען אויסריידען — זיך פאַרפּלאָנטעט, נאָר גערעדט, גערעדט, גע־רעדט.

דערצעהלט פון יענער וועלט און פון דער וועלט, פון דער היים, פון'ם שאַפּ, פון „פּאָליטיקס"... די צונג האָט זיך געבויגען, גע־שמירט ווי מיט פּוטער, אַביסעל פערהיקעט זיך, אַביסעל געבלי־בען שטעהן — נאָר גערעדט. אַרויסגערעדט אַלדינג, וואָס ער האָט אין די 35 יאָהר, פון זינט ער האָט חתונה געהאַט נישט דער־רעדט. דערצעהלט ווי דער רשע וועט סוף־כל־סוף געשטראָפט, בעקומט עהרליך זיין חלק; אַז דער, וואָס לעבט אייביג וואָרט לאַנג און צאָהלט גוט – דאָס האָט ער הפּנים געמיינט יענע, וואָס האָבען איהם מביש געווען.

אין אָנהויב, ווי נאָר ער האָט גענומען ריידען, האָט זיך גע־

הערט א פערשטיקט געלעכטער, א חוזק מאכען, נאר ביסלעכ־ווייז וואס מעהר ער האט גערעדט, אלץ מעהר איז דער עולם גע־ווארען ערנסטער און זיך אנגעהויבען צוהערען.

שייקעלע קאוואל האט זיך נאך געפרובט וויצלען אין א זייט:

„זעה נאר, „באקומען לשון".

ווען קוני איז אראפ פונ'ם בייגקעל האט פון איהם געזעצט א היץ ווי פון א טשייניק ווען מען לײדיגט אוים זודענדיג וואסער. און דאס וואס מענשען האבען געפאטשט בראווא האט איהם גאר צוטומעלט — נאך דאס פעהלט איהם... נו, א שטיי־גער, ווען ז י איז דא...

דערנאך האט איהם אנגעהויבען ציהען אהיים, כאטש דא איז איהם אויך גוט געווען... ווארים שייקעלע איז אליין צוגעגאנגען צו'ן איהם און געזאגט: „האט א י ה ר געהאלטען א ספיטש!... מעגען זיי זיך אלע באגראבען"... מאל דיר, ווער איז שייקעלע? גאר־נישט, אז מ'האט מזל... אט איז ער אויך אין אמעריקא... פונ־דעסטוועגען האט יענער דיימאנדס... א הייזקע אין בראנזוויל...

דעם גאנצען וועג אהיים איז ער געגאנגען מיט א קלאפענ־דיג הארץ. ווען ער וואלט געוועןגעפינען אן אוצר, וואלט ער זיך נישט געפרעהט אזוי. עפעס האט ער געפיהלט, אז ער איז אויפגעריכט געווארען... לשון... א טייערע זאך... אי, ס'וועט שוין זיין אנדערש איצט... ז י וועט איהם שוין לאזען אויסריידען... א קלייניגקייט! מענשען פון א פעראיין האבען זיך אויסגעזעצט און מ'האט איהם געהייסען האלטען א רעדע... אלער רעספעקט...

— ווען ער איז אריינגעקומען אין שטוב איז שוין געווען טאג. זי, נעבע, איז שוין געווען אויפגעשטאנען און זיך ארומ־געדרעהט אין קיך. ווען ער איז נאר איבערגעטראטען די שוועל און דערלאנגט א קוק אויף איהר ניכטער, נישט אויסגעשלא־פען פנים, איז ער געווארען ביי זיך אביסעלע אראפגעפאלען. נאר [illegible] הארץ האט אין איהם געקלאפט פון גדלות... ווי אזוי אבער הויבט מען אן?...

— נעכע... הערסט?...

נעבע האָט געקוקט אין אַ זייט. ער האָט שוין געוואוסט, אַז ס'אַ שלעכטער סימן: באַלד וועט זי אויסשיסען... תמיד איז אַזוי, ווען ער גיהט ערגעץ אַליין אַוועק... דזשעלאָס, וואָס ער נעהמט זי נישט מיט...

דאָס קול איז ביי איהם געוואָרען שוואַכער:

— נעבע...

האָט זי איהם באַלד איבערגעשלאָגען:

— וואָס איז שוין נייעס?... דורך די נעכט שלעפט זיך עם אום... פּלעזשעס... מיינע צרות...

— נעבע... זיי נישט קיין נאַר... הער...

— כ'וויים שוין... כ'האָב שוין געהערט... וואָס איז... אָנו, צו פאַלט איהם איין, אַז דאָס ווייב דאַרף אויך עפּעס... מ'שטיינס געזאָגט...

— שאַ... שאַ... שטיל... אָבער הער קודם מ י ד אויס... צוויי ווערטער... אָבער הער...

נאָר ער האָט פּלוצים דערפיהלט, ווי דאָס לשון ווערט ביי איהם געלם... די צונג פּלאָנטעט זיך... איז איהם עפּעס קאַלט געוואָרען אין מוח און ער איז געבליבען שטעהן ווי אַ גולם. ס'איז ביי איהם דורכגעפלויגען אַ געדאַנק, אַז אַלדינגס איז געווען אומ־זיסט. זי וועט איהם נישט גלויבען... אפילו ער זאָל ברענגען דעם גאַנצען פאַראיין פאַר עדות... זי קען איהם אַנדערש...

איז ער געוואָרען שטאַרק בטל ביי זיך, געזעהן אַז דאָ איז שטוב, אין קיך, נעבען א י ה ר ליעגט דער אמת... דאָרטען איז נאָר געווען אַ חלום.

און ווען נעבע האָט שוין געפּרעגט אין אַ ברוגז'ען טאָן, וואָס איז עס עפּעס פאַרא נייעס, וואָס ער האָט איהר געוואָלט אַזוי נויטיג דערצעהלען, האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און געזאָגט:

— עה, ס'איז גאָרנישט... עמיצער האָט געהאַלטען אַ רעדע.

# קאַמעדיאַנטען

שפרה איז געשטאַנען אין פענסטער און זיך געוואַרעמט אויף דער מאַיאָווער זון. אַלע מאָל האָט זי איהר אַקעגען געשטרעקט אַן אַנדערע זייט קאָפּ און הנאה געהאַט.

שפרה איז פון פינף קינדער איינע געבליבען, און די מאַמע, שיינע־עטע, האָט איבער איהר געציטערט. דער טאַטע איהרער איז געווען אַן איינגעהער ביים גראַף און פאַרדיענט געלד, שדכנים האָבען איהם שוין געדולט וועגען אַ שידוך, האָט ער אָבער גע־האַט צייט — נאָך אַ קינד, זאָל זי נאָך זינגען זמירות מיט'ן טאַטען.

ער האָט זי געפּיהלט ווי אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ, און געטראַכט מיט ליעבשאַפט: ז'איז דאָך ליכטיג ווי די זון אין תמוז, און דער עיקר — שטיל, געזעצט. —

שפרה האָט געהאַלטען דעם האַלז־און־נאַקען אויף דער זון; אַ גאַנצען ווינטער איז געווען קאַלט, און איצט איז וואַרים, גוט... די זון געהט אריין דורכ'ן האַלז־און־נאַקען אין דער פּלייצע אריין און דער נאָך אַראָפּ, אַראָפּ דורך די אַדערען אַזש ביז אין די פיס. און דאָס בלוט הוזשעט אין די פּלייצעס, און צוגעהט זיך איבער'ן גאַנצען לייב. די זון איז אַריין אין בלוט ווי האָניג...

זי האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אַ ריהר טהון. פּלו־צים האָט זי דערהערט אַ שווער סקריפּען, האָט זי אויפגעהויבען דעם קאָפּ, דערזעהן אַ וואָגאָן — און פרעהליך אַ געשריי געטהון:

— קאַמעדיאַנטען...

איז די מאַמע אַריינגעקומען פון קיך און אַ קוק געטהון אין פענסטער:

— אַ גדולה אויף מיין באָבען!... מאַכען דיר ס׳געלעכעל מיט שאָקאָלאַדע?...

—ט׳האָסטו זי... כ׳וויל נישט...

— אַי, טאָכטער מיינע, וועסטו מיך פערזינדיגען...

נאָר שפרה׳ן איז שוין געווען דער קאָפּ ביי די קאָמעדיאַנ־טען. האָט זי געעפענט דאָס פענסטער און ארויסגעבויגען דעם קאָפּ.

איינער איז געזעסען אויף דער קעלניע און אָנגעטריבען. אַ פּאָר האָבען אַרויסגעקוקט פונ׳ם פענסטערעל און פון הינטען זיי־נען נאָכגעגאַנגען צוויי קאָמעדיאַנטען, איינער אַן עלטערער און איינער אַ אינגערער.

דער יונגער איז געווען אַ שטאַרקער, מיט ליכטיגע האָר. אַז ער האָט דערזעהן שפרה׳ן, האָט ער פאַר איהר געצויגען דעם הוט. איז שפרה געוואָרען רויט און אַוועק פון׳ם פענסטער.

אַז זי איז שפּעטער צוגעגאַנגען מיט דער זייט צום פענסטער האָט זי געזעהן ווי דער וואָגען פערקירעוועט זיך אויפ׳ן פּלאַץ נע־בען קלויסטער.

שפּעטער האָט זי זיך פער׳גנב׳עט נעבען פּלאַץ און געזעהן ווי דער יונגער ארבייט מיט נאַקעטע אָרעמס, אין אַ לייב קאַ־לירען העמדעל, קלאַפּט אריין סלופּעס, שפּרייט אוים אַ פּאַלאַטקע גיך, ס׳שפּריצט פונקען. וואָס וועט זיין? אָט מאַכט ער צווי־שעןביידע סלופּעס אַ דראָט.

וואָס האָט ער עפּעס געדאַרפט פאַר איהר ציהען דעם הוט, וואָס? אַזאַ וואַגאַבונד...

נאָר דאָס וואָרט וואַגאַבונד איז געווען גוט אין איהר, זי האָט אַ י ה ם גערופען אַזוי... װ ו אַ ־ ג אַ ־ ב ו נ ד...

זי האָט אַ קוק געטהון אין זיין זייט אריין, און געפיהלט ווי דאָס הארץ ווערט אין איהר רויט. אָט געהט ער... צו׳ן איהר?

דער יונג איז פראָם צוגעגאַנגען:

— פריילין, איהר ווילט אפשר מיר ערלויבען צו בעקענען זיך מיט אייך?

האט זי גארנישט געענטפערט, נאר געשטאנען מיט אן אפען מויל און געקוקט אויף איהם.

ער האט גערעדט קודם דייטש, דערנאך אידיש, גערעדט און געלאכט, גערעדט און געלאכט.

האט זי פלוצים דערזעהן, אז די אויגען — ניין, ס'איז גאר די ברעמען, וואס אט פארציהט ער זיי אזוי — און אט אזוי — באלד חנ'עוודיג, ווי צו'ן א געלעבעטער, און באלד טרויריג. ניין, ס'איז גאר דאס געלעכטער... ער לאכט ווי לונקע פון דער מיהל... ניין, נאך חנ'עוודיגער. וואס לאכט ער, וואס?... לאכט און רעדט, לאכט און רעדט.

אז ער האט זיך פון איהר אפגעזעגענט, איז זי נאך אלץ גע־שטאנען אויפ'ן זעלבען פלאץ און נישט געוואוסט וואס ס'טהוט זיך מיט איהר.

דערנאך, אז זי איז אהיים געקומען, האט זי זיך קיין ארט נישט געקאנט געפינען. די מאמע האט גערופען עסען, אנבייסען, וועטשערע, אז זי האט צום מויל נישט געקאנט נעהמען. האט די מאמע זיך דערשראקען, זי געלעגט שלאפען און איהר אפגע־שפראכען א „גוט אויג".

א גאנצע נאכט האט זי אומגעווארפען דעם קאפ אויפ'ן קי־שען, און זיך געמאטערט צו דערמאנען זיין געלעכטער.

אויף מארגען איז זי געווען קראנק. האט די מאמע געצי־טערט און געפלאטערט, אפגעלאשען קויהלען, און דער טאטע האט געפרעגט מיט א באהאלטענעם שרעק:

— נו, מויד, קענסטו שוין דאס נייע וויזשנעצער חסיד'ל?...

האט איהם די מאמע אפגעשטופט:

— לאז זי צורוה, דו זעהסט דאך, אז דאס קינד איז מיר נישט געזונד...

— ווער מיר נישט געזונד, וואס מיר נישט געזונד?... וואס רעדסטו איהר איין, וואס?... ארויס פונ'ם בעט...

נאר די מאמע האט נישט אפגעלאזט:

— זי האט היץ... אפשר רופען א דאקטאר?...

די מאמע האט דאך נישט געוואוסט אז ס'איז ער... זיין גע־לעבטער... ס'האט איהר צונומען יעדער אבר... ווי פייער איז עס אין איהר אריין.

האט זי געציטערט:

— אפשר א געלעבעל מיט שאקאלאדע?... כ'לעבען, שטעה אויף און קום ארויס אין מארק אריין; היינט געהט דער קאמע־דיאנט אויפ'ן שטריק, די גאנצע שטאדט לויפט קוקען... מ'זאגט ס'וועט זיין א זוינס...

שפרה האט פערדרעהט דעם קאפ די מאמע זאל נישט זעהן איהר פנים.

פארנאכט איז זי אראב פונ'ם געלעגער, זיך אנגעטהאן די אויסגענעהטע בלוזע מיט דער „קראיקע" — צו געהן אין מארק אריין קוקען.

דעם פאטער איז אראב א שטיין פונ'ם הארצען, האט ער איהר מיט צוויי פינגער געטהאן א קניפ אין בעקעל, געשמאטשקעט צו'ן איהר און גוטמוטיג פון איהר חוזק געמאכט:

— ס'מיינעט זיך ווי א קליין קינד... פיצינקע יורש'טע מיינס...

האט זי די מוטער פרעהליך ארויסגעשטופט:

— געה שוין, געה...

שפרה האט זיך פארפלאמט, און זי האט אויסגעזעהן אין דער בלוזע ווי א קליין־רוסישע כלה, וואס געהט־אום בעטען אויף איהר חתונה.

אין מארק איז געווען די גאנצע שטאדט. צוליעב דער חג'א האבען זיך אנגעזאמעלט א סך גוים, און אלע האבען געקוקט אויפ'ן דראט. אידען האבען געגאפט:

— אויך א פרנסה... מ'שטיינט געזאגט... מענשען שטעלען זיך איין דאס לעבען... און אלץ צוליעב דעם וויסטען געלד...

— נעבעך...

— נע־ע־בעך...

פלוצים האבען אלע פערריסען די קעפ ארויף. דער קאמע־דיאנט, איהר קאמעריאנט, האט ארויפגעקלעטערט אויפ'ן

סלום און געלאָזט זיך געהן. ער איז געווען אַנגעטהאַן אין לייב־קאַליר, מיט אַ דונקעל־בלויע זיידענע דראַפּעריע.

שפרה'ן איז דאָס האַרץ געבליבען שטעהן אַ רגע. זי האָט געקוקט אויף איהם, אויף זיינע הענד און פיס, זיין טריקאָ, וואָס מ'האָט נישט געוואוסט, צי ס'איז נאַקעט, צי זייד — געזעהן ווי ער נעהמט אַרוים פון דער דראַפּעריע אַ פליט, און באַלאַנסירט.

ער איז געגאַנגען. גלייך, שעהן, ווי אויסגעגאָסען, און געשמייבעלט.

צי דאַכט זיך איהר... ניין, ער קוקט אויף איהר נישט... אַזוי הויך... העכער פונ'ם דאַך... טאָמער פאַלט ער... אי...

צוויי מאָל איז ער איבערגעגאַנגען אַהין און צוריק, אייז מאָל הינטערוויילעכס דער עולם איז געווען נשתמום, געקלאַפּט מיט אַלע כחות בראַוואָ, געוואָרפען גרייצערם אין די טעלערס אַריין צו די קאָמעדיאַנטלעך, וואָס זיינען אומגעלאָפען אין לייב־קאַליר און יעדעס ביינדעל האָט זיך געקנייטשט דורכ'ן טריקאָ.

דאָס דריטע מאָל איז ער געגאַנגען מיט קניע־בויגונגען. אויפגעשטעלט און אַנידערגעקניעט. אַז ער איז צוגעקומען אין מיטען דראָט, האָט ער אַנידערגעקניעט און גענומען שפּיעלען אויף דער פליים.

„בענקען בענק איך נאָך מיין היימאַט, אי...!"

דער עולם איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. שטיל, ווייך, טרויעריג האָט געשפּיעלט די פליים.

שלמה'לע לעהרער האָט דערנאָך געזאָגט, אַז דאָס האַרץ פונ'ם קאָמעדיאַנט האָט געציטערט אין דער פליים, און ס'איז געווען ווי אַ פאַרבלאָנדזעט פאַסמוכ'ל זאָל אומגעהן ביינאַכט און פּייפען, טאָמער וועט זיך עמיצער אָברופען.

אַז ער האָט אָבגעשפּיעלט איז געוואָרען אַן איבערקעהרעניש. מענשען האָבען איהם אויף די קעפּ געטראָגען. געוואָרפען נאָך אַמאָל אין די טעלערס אַריין פינף־גרייצער שטיקלעך און צעהן־גרייצער־שטיקלעך. די גוים האָבען זיך גע'צלם'ט, אַריינגעקראָכען

מיט ציטערדיגע הענד אין די פאזוכעס, אויפגעבונדען די פאַ־טשיילקעלעך און אריינגעוואָרפען אין די טעלער אריין. אידען און ווייבער האָבען אויסגעדריקט התפעלות:

— אי, אידישע קינדער, איך שטאַרב...

— כ'האָב דאָך שוין עפּעס געזעהן ביי מיין לעבען קאָמע־דיאַנטען... אין לאַשקאָוויטץ אויפ'ן יאריד... אין טשערנאָוויץ... אזוינס האָב איך נאָך נישט געזעהן...

און יצחק האָט זיך געצוואונגען צו זיין געלאַסען:

— מענסט דיר זאָגען וואָס דו ווילסט, מאַטקעלע, ס'איז פאָרט א קונץ... א מענש שטעלט זיך איין דאָס לעבען...

און אברהם בעביק'ן, וואָס האָט א מאָל געטהאָן — „בע", האָט ער דערלאַנגט:

— אנו, אז דו ביזט יאָ אזאַ מעכאַניק, לאָס איך זעהן: קריך דו דאָרט ארויף...

שפרה איז געווען ווי פערשטאַרבען פון ענטציקונג. זי האָט געהאַלטען א צעהן־גריי‍צער־שטיקעל אין דער האַנד, וואָס זי האָט מיטגענומען אריינצוואַרפען. נאָר אז ס'איז געקומען דערצו, האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט... ס'האָט אפנים ווי א נדבה... א נדבה... א י ה ם . . .

האָט זי זיך ארויסגע'גנב'עט שטילערהייט, ווייל ס'האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אז יעדער ווייסט, אז ז י...

ווי א פרעמדע איז זי אהיים געגאַנגען, און אריין אין שטוב. די מאַמע איז צו דערשראָקען:

— וואָס איז עפּעס נייעס?...

— גאָרנישט, דער קאָפּ טהוט מיר שטאַרק וועה... כ'וויל מיך צולעגען...

די מאַמע האָט זי איינגעדעקט און געזעסען לעבען איהר ביז זי האָט צוגעמאַכט די אויגען, און דערנאָך מיט א זיפץ אוועק־געגאַנגען.

איז זי געלעגען א גאַנצע נאַכט מיט אפענע אויגען, זיך גע־מאַטערט נישט צו טראַכטען פון איהם, און אַלץ מעהר געטראַכט...

געזעהן דעם שמייכעל, די פּליִיט וואָס ער שפּיעלט — די קניע־בויגונגען. דערנאָך האָט זי שוין גאָרנישט געזעהן, נאָר געוואָרפען זיך, ביז די זון איז אויפגעגאַנגען.

זי איז אַראָבגעגאַנגען פון בעט בלייך, געזאָגט דער מאַמען ס'איז איהר בעסער, כדי זי זאָל זי לאָזען צורוה, און געלאָזט זיך צופלעכטען די צעפּ.

דערנאָך האָט זי קוים מיט גוואַלד אויסגעטרונקען אַ טעפּעלע קאַווע און צוגעגאַנגען צום פענסטער.

ווי אײַערנעכטען האָט זי אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער פוטרינע פון פענסטער און געוואַרימט דעם האַלז־און־נאַקען אויף דער זון.

פּלוצים האָט זי דערהערט אַ הוראַ פון קינדער אין דרויסען, און דערנאָך אַ שווער סקריפּען פון אַ וואָגען. האָט זי אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן, ווי דער וואָגען פאָהרט אַוועק... איינער טרייבט־אָן די פערד, אַ פּאָר קוקען אַרויס פונ'ם פענסטער'ל, און ע ר געהט נאָך פון הינטען...

אַז ער האָט זי דערזעהן, האָט ער געצויגען דעם הוט אויף „זייַ געזונד"...

די מאַמע איז צוגעקומען, געטהאָן אַ קוק אין פענסטער און געזאָגט:

— פאָהרען שוין אַוועק די קאַמעדיאַנטען... מיינע צרות אויף זייערע קעפּ... וואָס איז דיר, טאָכטער? מאַכען דיר אַ געלעכעל מיט שאָקאָלאַדע?...

## וויין

אַ גאַנץ יאָהר איז מענדעל קאַפּיל'ס געווען אַ איד ווי אַלע אידען, נאָר אַז עס איז געקומען צוויי וואָכען פאַר פּסח, פלעגט ער ווערען אַן איבערגעבּיטענער—מען האָט געדאַרפט „שטעלען" וויין אויף פּסח. ראָזשינקאָווע וויין.

אומעטום האָט מען געשטעלט וויין אַכט טאָג צו פּסח, מענדעל אָבער האָט אָנגעהויבען מיט צוויי וואָכען פריהער.

אַ גאַנץ יאָהר, אויף שבת, פלעגט גיטעל קויפען ראָזשינקעס, נאָר אויף פּסח פלעגט מענדעל אַליין אַריינגעהן צו דאָבע'ן אין געוועלב אַריין, אויסקלייבען די בעסטע ראָזשינקעס. איז טאַקע געווען מאָדנע צוצוקוקען ווי אַ איד שטעהט, מיר נישט, דיר נישט, און פערזוכט ראָזשינקעס...

נאָר דער עיקר איז געווען ביי מענדלען דער אמת'דיגער וויין. דער רויטער וויין און ווייסער וויין.

מענדלען האָט מען געהאַלטען אין שטאָדט פאַר אַ גרויסען קענער אויף וויין. יעדער פלעגט מיט חשק אויסהערען די מעשיות וואָס ער פלעגט זיך אַנדערצעהלען וועגען אַלטען וויין. טאָמער האָט עמיצער געדאַרפט וויין אויף אַ חתונה אָדער אַזוי אַ שמחה, האָט מען גערופען מענדעל קאַפּעל'ס.

מענדעל איז געווען אַ בעל־הבית'ישער איד, געהאַנדעלט מיט קרעלען און געבליהמטע טיכלעך ען־גראָ, און זיך נישט געמישט צום קליינטעל וואו גיטעל איז געשטאַנען און פערקויפט די נוים בילינגע סחורה. ער האָט געהאַט אַנדערע זאַכען אין זינען. אין שטוב האָט זיך שוין אַרומגעדרעהט אַ מיידעל צו לייט, צפּורה,

זאל געזונט :יין, איז ער טאקע געפאהרען אלע מאל צום „וויזש־נעצער, אולי ירחם.

נאר דאס איז געווען א גאנצע יאהר, איז געקומען פאר פסח, האט מענדעל אן אלעמען פערגעסען. א טאג צוויי פאר יום־טוב פלעגט ער אריינגעהן צו סאניע׳ן און זיך הייסען דערלאנגען צו פערזוכען.

אז דער טעם פונ׳ם זופ וויין איז זיך איהם צוגאנגען אין מויל, פלעגט ער אויף א ווילע צומאכען די אויגען, און באלד נאך דעם א קוק טהאן אויף דער סטעלי, א מאך טהאן א מינע פון בטול, און א זאג טהאן: „בע“...

— אנו ר׳ סאניע, דערלאנגט מיר פונ׳ם „בעסאראבסקען“...

פלעגט איהם סאניע דערלאנגען פונ׳ם בעסאראבסקי׳ן, פלעגט ער ווידער צומאכען די אויגען, זיך פאסמאקעווען ווי פריהער, און א זאג טהאן:

— אנו, ר׳ סאניע, צאפט אן פונ׳ם „רויטען, אונגארישען“...

און אז ער האט א זופ געטהאן פונ׳ם רויטען אונגארישען, איז איהם דאס פנים מילדער געווארען און ער האט זיך געקווענקעלט: „ס׳איז נאך נישט דאס, נאר ס׳געהט שוין מיט“...

מענדעל קאפיל׳ס איז חלילה נישט געווען קיין שכור, דאס האט געוואוסט די גאנצע שטאדט, און דאס האט געוואוסט סאניע — נישט מעהר ער איז געווען דער גרויסער קענער אויף וויין, און תמיד אויסגעברייעט אז אין וויין איז דא א מין לעבעדיגע נשמה, א גייסט פון קדושה און א גייסט פון טומאה. עס האנדעלט זיך, וואס פאר א וויין עס איז. ער האט נישט ליעב געהאט דעם וויין צוליעב דעם וויין, צוליעב דער הנאה, וואס מען האט פון דעם טרינקען, נאר צוליעב דעם סוד וואס ליגט אין איהם. אז ער פלעגט ריידען וועגען וויין, איז געווען ווי ער זאל ריידען עפעס פון א הייליגער זאך. דערפאר פלעגט איטליכער ליעב האבען צו הערען זיינע מעשיות, און סאניע האט איהם דערפאר תמיד געזוכט ארויפצופיהרען אויף א שמועס וועגען דעם, למשל, אויף אזא׳ן אופן:

— איהר הערט, ר' מענדעל, מ'האט היינט דא געשמועסט, ס'זאל פערקלענערט ווערען אביסעל דער צאל, וואלט מען גע־קענט אריינפיהרען בעסערן וויין פון אויסלאנד.

מענדעל פלעגט באלד א מאך טהאן מיט דער האנד:

— איהר זאגט וויין... אלץ הייסט וויין... אז דעם זיידען'ס זיידע עליו השלום, האט געזאגט וויין, זעהט איהר, איז דאס גע־ווען וויין... דעם זיידען'ס זיידע זאל א גוטען זכות טראגען... צו'ן איהם אז מען האט געדארפט אריינגעהן, האט מען געמוזט פרי־הער דורכגעהן א פאר־הייזעל אויסגעפלאסטערט מיט קופער, און פערשטעהט איהר מיך, מען האט געמאסטען די רענדלער אויפ'ן קרייזעל... און פערשטעהט איהר מיך, דער גראף איז געווען אז אריינגעהער... און אז דער גראף האט געדארפט קומען — איז געווען, איז געווען... וואס זאל איך אייך זאגען... איז געווען אן איבערקעהרעניש... ווארים עס איז דאך דער גראף... איינמאל — איהר מעגט עס אויסהערען, ר' סאניע...

האט זיך סאניע אנידערגעזעצט אויסהערען, און מענדעל האט א זופ געטהאן דעם „רויטען", זיך אויסגעגלעט די בארד, אוועק־געשארט די וואנצעס פון די ליפען, און דערצעהלט:

— איהר מעגט עס אויסהערען, ר' סאניע... עס איז געווען אן ערב שבועות, איז ביי'ם זיידען'ס זיידע אונז צו לענגערע יאהר, פערשלאפט געווארען א טאכטער, וואס זאל איך אייך זאגען, א טאכטער, איז זי געווען שעהן ווי זיבען זונען, נאר, אז ס'איז א בעשערטע זאך. מען האט געבראכט די גרעסטע פראפעסארען, עס האט נישט געהאלפען, זי איז געווען נוטה־למות... די לעצטע אקטאבע... פלוצים איז פארפאהרען דער גראף מיט דער קאלעס מיט א פאר „ראבסקי" פערדלעך, מיט שווארצע, גלאנציגע גריוור־קעס, פערדלעך, זאג איך אייך, פלאם פייער. עס האט נישט גע־קענט אויף אן ארט איינשטעהן, פון די אמת'ע גרעפליכע ראסע... כ'וועל זיי ביי אייך נישט אויסקויפען מיט קיין צעהן אלפים... און א קאלעס, זאג איך אייך איז דאס געווען, איז דאס געווען, איז דאס געווען... גאר נישט נאכצוזאגען... וואס הייסט א קאלעס...

הכלל, וואס זאל איך אייך לאנג ברייען, אין קאלעס איז געווען א פאס ווייז, איז עס אַלט געווען אפשר הונדערט יאהר... כ׳זאג אייך נישט קיין שקר... הונדערט יאהר איז ווייניג. האט דער גראף געטהאן א שפרונג אראב פון דער קאלעס, און געגעבען א באפעהל, אז מ׳זאל אריינטראגען דאס, פאס אין שטוב אריין האט מען אריינגעטראגען דאס פאס אין שטוב אריין, איז דער גראף אליין צוגעגאנגען מיט זיינע הענט אנגעצאפט א גלאז ווייז און עס צוגעטראגען דער טאכטער. נו... האט עס אודאי נישט געהאלפען?... אזוי ווי נאר זי האט פארזוכט די ערשטע צוויי טראפענס, איז זי פון טויט לעבעדיג געווארען...

ווען איהר דאך זאגען דער ווייז איז געווען נסך?... איז אבער פון א שלאפענ׳ס וועגען מעג מען...

מענדעל האט זיך נאכאמאל א גלעט געטהאן די בארד, דער־נאך האט ער ווייטער גערעדט:

— הכלל, וואס זאל איך אייך זאגען, וואס זאל איך אייך זא־גען... דער ווייז האט געהאט א שם אויף דער וועלט... דעם ווייז, אז מען האט דערלאנגט א שלאפען... נישט קיין סך, צוויי טרא־פען... איז געווען ווי מען זאל צונעהמען מיט דער האנט... ער איז באלד גענעזען געווארען. נו, האט מען איהם טאקע געהאלטען נאר פון א שלאפענ׳ס וועגען.

סאניע האט אפילו געוואוסט די מעשה פון פאר־א־יאהרען, פון דעסטוועגען האט איהם הנאה געטהאן אז ער האט זי געהערט נאך אמאל, ווייל עס איז נישט געווען די מעשה אליין, נאר דאס בע׳טעם׳טע דערצעהלען. האט ער זיך אנגערופען: „יא, יא, לאנגסטיגע צייטען“...

— איך זאג מיר מיינס, ר׳ סאניע... ווייז איז ווי א גוטער כלי־זמר להבדיל, מען דארף איהם לאזען אויסשפיעלען...

פלעגט איהם סאניע צוגעבען גערעכט, און דערפאר האט ער שוין גענומען פון אלע ווייגען צו ליטער.

אין דער היים האט מען דערוייל דאס פסח׳דיגע געפעס

אראבגענומען, און צפורה פלעגט שטעהן און וואשען די פלעשער מיט די כוסות.

דאס פסח'דיגע געפעס איז געווען א ירושה־זאך, עס איז גע־ווען א סברה, אז עס שטאמט נאך פונ'ם זיידענ'ס זיידען. און ער, דעם זיידענ'ס זיידע, האט עס אליין געפיהרט איבער'ן שוואר־צען ים...

ווי די זאך איז, דאס געפעס האט געהאט א שם אויף דער גאנצער שטאדט.

עס זיינען דארטען געווען טייערע געבלימטע שיסלען און פולומיסקעס, געפינגערטע און גלאטע, וואס, אז מען האט אן זיי געטהאן א קלונג מיט'ן גלידעל פון א פינגער, איז עס געווען ווי א סטרונע פון א פידעל... און טעלער זיינען געווען אזעלכע די־נע און לייכטע, וואס אז מען האט זיי געהאלטען אויף דער זון, האבען זיי זיך אנגעצונדען, ווי א קיילעכדיגע קויל פייער...

פלעשער זיינען געווען ווייסע, געשליפענע, מיט לאנגע העל־זער, און קיילעכדיגע ווי בוטעלקעס, פלעשלאך שלאנקע ווי "פא־נעס" מיט געשניטענע פערשטעקלעך וואס האבען געבלישטשעט ווי א דימענט אין דער זון... די כוסות זיינען גאר געווען אן אנ־טיק — עס זיינען געווען גרינע, רויטע, בלויע, א טייל מיט אויער־לעך ווי שלענגעלעך און א טייל מיט שמאלע פיסקלעך ווי קריגעלעך. גאר אנדערע, בלוט־רויטע מיט גאלדענע בלומען, האבען אויסגע־זעהן ווי קוואטירעלעך בלוט...

די פלעשער מיט'ן וויין פלעגט זי אויסשטעלען אויף די פענסטער צווישען די וואזאנעס.

צפורה'ס וואזאנעס האבען גע'שם'ט. זיי זיינען געווען אלע הויך און ברייט צוואווקסען, אזוי ווי איהרע צוויי רויטליכע צעפ, און א סך האבען געזאגט, אז די וואזאנעס זיינען געראטען אין די צעפ.

צפורה האט געוואוסט, אז זי איז א כלה־מיידעל, דער טאטע פלעגט עס איהר שוין זאגען אין די אויגען. און א חוץ דעם איז זי דאך שוין געגאנגען אנגעטאן א לאנג קלייד. זי איז געווען איצט איין

און אײנציגע צװײ שװעסטער האָבן חתונה געהאַט אין פֿרעמדע שטעדט אַרײַן, און זײ זײַנען פֿון דאָרט קײן אַמעריקאַ אַװעקגע־פֿאָהרען, דערפֿאַר האָט מען זי ליעב געהאַט, געקליבען אײנע, און זי האָט זיך אַזױ טײער געפֿיהלט פֿאַר אַ כּלה־מײדעל, אַנגעהױ־בען צו זיפֿצען מיט אַ כּלה־זיפֿץ, נעהמען אַלדינגס אױפֿ'ן מח פֿון דער שטוב און געװאָרען צו'ן איטליכען אונטערטעניג, און זיס איז געװען דאָס אונטערטעניג זײַן. אַלע פֿרײטאָג פֿלעגט זי אָבזײען דעם ראָזשינקע װײַן, אַרױסגעהן אין דרױסען, און צוטײלען די קינדערלעך די ראָזשינקעס. זי איז געװען שטאָלץ מיט דעם װאָס זי האָט שױן אױך געטראָגען דעם עול פֿון דער שטוב.

זי האָט ליעב געהאַט די פּסח'דיגע פֿלעשער װײַן, װײל בײ יעדען כּוס װאָס מען האָט אַלײן געטרונקען, אָדער מכבד געװען אַן אַנדערען, האָט מען זיך געװאונשען: „גאָט זאָל העלפֿען װי צום ניכסטען אױף תּנאים"...

דערנאָך האָט זי אױסגעשטעלט די פֿלעשער װײַן אױף די פֿענסטער צװישען די װאַזאָנעס, און אַז די זון האָט זיך צושפּיעלט אין די פֿלעשער װײַן, פֿלעגט מענדעל זיצען אין דער פּסח'דיגער שטוב, אָנגעטאָן מיט רױטען זאַמד, און קוקען אױף די אָנגעגאָ־סענע פֿלעשער װײַן, און אױפ'ן פּסח'דיגען געשיר, און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער געפֿינט זיך עפּעס אין אַ װײט, פֿרעמד לאַנד, דאָרט װאו דעם זײדע'נס זײדע האָט געלעבט, װאו דאָס פֿאַר־הײזעל איז געװען מיט קופּער אױסגעפּלאַסטערט, מען מעסט די רענדלעך אױפֿ'ן קרײזעל, און דעם גראַפֿ'ס פּלאַם־פֿײערדיגע פֿערדלעך שטעהען מיט דעם פּאַס װײַן אין דער קאַלעס און די פֿערדלעך קענען נישט אײנשטעהן, און ציהען און ציהען ערגעץ אין דער װײט אַרײַן...

און װי אַ קינד פֿלעגט ער פֿערזשמורען די אױגען און אַרײַנ־קוקען אין דער פֿלאַש פֿונ'ם רױטען „אונגאַרישען", און זעהן װי די זון שפּיעלט דאָרטען אין װײַן, שטעקט אַרײַן גאָלדענע שפּיז־לעך, און דער װײַן װערט נאָך רױטער... און אַז ער האָט נאָך מעהר פֿערזשמורעט די אױגען, האָט זיך די פֿלאַש װײַן צוצױגען, צו־

שפרייט, נעווארען אהן אן ערך גרויס, און אט איז דארטען א גאנצע וועלט, א רויטע און ער שוועבט דארטען אין דער רויטער וועלט, און ווייסט דעם סוד וואס מאכט פון טויט לעבעדיג...

אז ער פלעגט זיך אויפכאפען נאך אזא שטיקעל, פלעגט ער אבשפייען: „אהי צום גוטען יאהר“... און פלעגט אויף זיך בייז ווערען וואס אזעלכע שטותים קריכען איהם אין קאפ... א טאטע וואס דארף א קינד צו לייט ברענגען...

—

# שוועסטער

דער ווינטער איז אוועק, און אין שטוב איז געווארען אביסעל היימליכער. די ליכטיגע טעג האבען אנגעהויבען אריינשיינען אין די דריי שטיבלעך, וואו דיביידע שוועסטער האבען געארבייט די קראוואטען.

זיי זיינען געווען א צווילינג. כאטש גאסי האט אויסגעוויזען ווי פון פופציג און פאלי ווי פון דרייסיג.

גאסי איז געווען א שוואכע, געהוסט און תמיד געגאנגען פערהילט דאס האַרץ אין טונקעלע וואלענע בלוזען.

פאלי ווידער האט ליעב געהאט ליכטיגע קאלירען, און איהרע גרינע אדער הימעל־בלויע קליידער מיט די בלאנד־אבגעפארבטע האר האבען די אויגען אויפגעריסען.

און אז יענע איז געגאנגען תמיד אין שווארצע סאמעטענע שיך צוליעב דעם רומאטיזם, האט די געטראגען די „לייטעסט" מאדע שיך, גרוי, שאמפעין, רויט, און תמיד אויף שטארק הויכע קנאפעל.

ביידע זיינען געווען קליין געוואקסען און דאר, און אויף ביידען האט מען געזאגט, אז זיי ארבייטען שוין אפשר צוואנציג יאהר.

גאסי האט געהאט געלד אין דער באנק און „דיימאנדס" און א סויבעל גארניטור, וואס איז שוין געווען אויס מאדע פון צעהן יאהר, און א פוטערנעם מאנטעל, אויך אויס מאדע.

אין דעם פלעגט זי געהן ארויסנעהמען ארבייט; אבער אלע סיזאן האט זי זיך געמאכט א סטיילישען סוט און איהם אריינגעהאנגען אין שאפע אריין.

פלעגט ער דארטען אזוי לאנג הענגען, ביז מען האט אויף

איהם אויפגעהאנגען א נייעם סוט. האט זיך טאקע אנגעזאמעלט אין שאפע א היבש ביסעל סוטס, און אלע פון די „לייטעסט" סטיילס. א נייער סיזאן, א נייער סוט אין שאפע.

קיינמאל פלעגען זיי נישט געהן אין ערגעץ, נאר זיצעןביידע תמיד פערמאכט אין די שטיבלעך, קויפען זיך אינאיינעם א אי־דישע צייטונג און לייענען ביידע אינאיינעם הויך אויפ'ן קול, קודם דעם ראמאן, דערנאך די נייעס. מייסטענס פלעגט מען ריי־דען פון „נעקסט דאר", פון מר. פריעדמאן דעם אלמן מיט זיין מוזינקע, „דער מויד".

גאסי האט שטארק ליעב געהאט צו זיין גערעכט. דאס חיות איז ביי איהר געווען צו זיין תמיד גערעכט. האט זי זיך אויסגע־לערענט טענה'ן שטארק צו דער זאך, און מען האט איהר תמיד געמוזט געבען גערעכט. ס'האט זיך געדאכט, אז זי וויל מעהר נישט, נאר מען זאל זי לאזען זיין גערעכט.

טאמער האט איהר יענער שוין גערעכט געגעבען, האט זי נאך נישט אבגעלאזט; זי האט ארומגענומען די זאך פון אלע זייטען און דערוויזען פון אלע זייטען, אז זי איז גערעכט...

און נאך אלעמען איז זי ערשט נישט צופריעדען געווען; עס האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז זי קען זיין נאך מעהר גע־רעכט.

איינמאל אין א פריהמארגען, ווען די זון האט שוין גוט גע־בריהט, האט זיך אנגערופען גאסי צו פאלי'ן:

— איך רעכען, איך זאל מיר געהן נעהמען א סוט וואַרע.

האט פאלי געזאגט „דאטס רייט", זי זאל געהן.

— איך ווייס נישט, וואס נעהמט מען זיך עפעס? איך רעכען „פען־וועלוועט"...

און ווייל ס'איז גראדע געווען א יום־טוב, איז זי געגאנגען א גאנצען טאג אין די סטארס צונויפנעהמען פראבען פון סאמעט און אהיים געבראכט. האט זיך אנגעהויבען א ראטעניש:

— וואס זאגסטו, פאלי, די קוואליטי קאסט 3 טאלער א יארד, און די פיער...

פאלי, וואס האט נישט געקענט קיין ענגליש גלייך מיט איהר, האט געענטפערט אויף ענגליש:

— „וועל, אי דאן נאו..."

— איך רעכען, אז צו פיער טאלער א יארד איז צופיעל... איך טראג א סוט פארט נישט מעהר ווי איין סיזאן... וואס זאגסטו, פאלי? ... לוינט זיך אריינצולעגען אזוי פיעל געלד? ... וועלוועט איז א שווערע ווארע... און ס'נעהמט צו זומער... איך רעכען אז דריי טאלער א יארד איז גענוג... איבער־גענוג...

גאסי האט געוואלט זיין נאך מעהר גערעכט און גע'טענה'ט:

— און די רומס... ס'איז דען עפעס לייטישע רומס... ס'וועט זיך פאר שור אריינכאפען דער מויל... און היינט, שפעטער צוויי מאנאט ווערט עס אוים סטייל...

האט פאלי צוגעשאקעלט:

— „שור"...

— בערעכען איך מיך ווידער אזוי... נעהמען נעהמט מען עני וועי... ס'קאסט דריי, וועט קאסטען פיער... כ'האב מיך פיינט צו נארען, מארגען מאך איך מיך נאך אזא סוט... און ווייסט, אזא סוט, אז ער איז טאקע אזא גוטע קוואליטי, קאן מען אבגעהן צוויי סיזאנס... מענסט זאגען וואס דו ווילסט, איך גלייך נאר גוטס... קאמענע בלייבט קאמענע...

— שור, ביזט גערעכט...

— נישט אזוי? טרימינג קאסט, שניידער־געלד קאסט, פאר־וואס זאל נישט זיין א גוטע וואארע? צוליעב א טאלער זאל איך ספאילען א גאנצען סוט?...

פאלי האט זיך א דרעה געטהאן אויפ'ן קאריק און דערצעהלט, אז זי האט נעכטען געהאט אן „ארגומענט" מיט'ן פלאר־מענע־דזשער פון דעפארטמענט סטאר.

האט גאסי אויסגעהערט און געוועזן ביי זיך גרויס, וואס זי האט אזא שוועסטער, וואס זי קויפט נאר אין דעפארטמענט סטארס און האט „ארגומענטס" מיט פלאר־מענעדזשערס... — —

מען דערצעהלט, אז פאלי איז געוועזן א שעהנע, איידער זי

איז פערזעסען געווארען. געהוליעט, געמאכט „דייטס“, אויסגעגאנ־גען מיט באיס, דיסאפאינטעד געווארען, ווידער געמאכט „דייטס“, און ווידער דיסאפאינטעד געווארען.

גאסי ווידער, איז אלע מאל געווען א שוויינגענדיגע, א שטי־לע, אן איינגעשפארטע, און וואס מען האט נישט גע'טענה'עט צו'ן איהר, זי האט נישט געוואלט געהן צו בעלער, תמיד איז זי גע־זעסען אין שטוב שטיל, פערביסען און געווארט אויף עפעס.

דאמאלסט, אין יענע יאהרען, פלעגען זיי זיך קריעגען, פיינט געהאט זיך, זי א הונט מיט א קאץ, און גערופען זיך מיט מיאוס'ע נעמען.

נאר וואס מעהר עלטער זיי זיינען געווארען, אלץ ווייניגער האבען זיי זיך געקריעגט; פאלי איז געווארען אביסעל איינגעהאל־טען, און שוין נישט אזוי פיעל „געברענט א וועלט“, און גאסי איז געווארען רעדעווודיג.

בפרט אין די לעצטע צוויי יאהר, פון זייט מר. פרידמאן דער אלמן האט אריינגעמופט נעקסט דאר, זיינען זיי געווארען גוט ווי צוויי חבר'טעס.

מיסטער פרידמאן איז געווען א רויט אידעל, א קארגער, וואס פלעגט צולייהען די פאר אבגעשפארטע דאלאר אויף פראצענט און געארבייט תמיד אוועקטיים. ער איז געווען א ביגלער ביי קלאוקס און האט געהאט ביי זיך די מוזינקע, א מיידעל פון 18 יאהר. מענשען האבען אויף איהם געזאגט, אז ער האט נישט חתונה דערפאר, ווייל ס'דארף קאסטען געלד, און ער פערגינט נישט א „פרעמד“ ווייב צו געבען עסען אומזיסט.

פון דעם דאזיגען מיסטער פריערדמאן פלעגען ביידע רעדען, און פיינט געהאט דאס מיידעל זיינס ווי דעם טויט. אזא מזל אויף איהר, וואס פאר א שטיעף־מויד זי וואלט געווען.

אז דער סוף איז פארטיג געווארען, האט זיך גאסי עטליכע מאל דורכגעדרעהט דורכ'ן שפיעגעל, געזאגט „ער פיט פיין“, נאך אמאל זיך אנגעשפיעגעלט, אויסגעטהאן, און איהם אריינגעהאנגען אין שאפע אריין.

— אז די „מויד“ וועט דערזעהן, וועט זי צעפּלאַצט ווערען...
— זאָל זי פּלאַצען; וועמען אַרט עס?
— הערסט, איך געה היינט אַזוי אַרויס, שטעהט ער, מיסטער פרידמאַן, און טהוט מיר אַ זאָג: „גוד מאָרנינג“, און עפענט מיר די טהיר...
— וואָס ביזטו געגאַנגען אָנגעטהאָן?
— די הימעל־בלויע ווייסט מיט'ן ווייסען סעט פּאָר...
— פיין...
— איך זאָג דיר, ווי ער האָט געטהאָן מיט זיך אַ וואָרף און געזאָגט דעם גוד־מאָרנינג... ווי ער האָט מיר געטהאָן אַן עפען די טהיר...
— נעוועה מיינד, דו מיינסט נאָר מיט דיר איז אַזוי?... איך שטעה אַזוי געסטערן אויפ'ן סטופּ, טהוט ער צו מיר אַ קום צו און טהוט מיך אַזוי אַ נעהם אַן ביי דער האַנד... איך זאָג דיר, איך בין סורפּרייזד געוואָרען... טהוט ער מיך אַזוי אַ נעהם אַן ביי דער האַנד... כי, כי, כי...
— כאַ, כאַ, כאַ...
— כי...

דעמזעלבען אויפדערנאַכט זיינען זיי געזעסען און איבער־געשמועסט. גאָסי האָט גע'טענה'ט:

— און איך זאָג דיר, אַז עס לוינט זיך נישט... אַ שטייגער אַזאַ מיסטער פרידמאַן... וואָס אַ ווייב קאָן שוין ביי איהם גוט זיין... קאָרג, פערגינט זיך נישט דאָס לעבען... געהט אָנגעטהאָן ווי אַ שנאָרער... וואָס, די גליקען וואָס ער מאַכט... טאָמער לייהט ער דאַרטען פּופציג טאָלער אויף אינטערעסט... וואָס־זשע, נעהמט מען ביי איהם צו הונדערט. כ'האָב מיך פיינט צו נאַרען, איז שוין נישט קיין יונגער מאַן... און היינט אַ מויד... ווער ווייסט וויפיעל אַזאַ מויד קאָן ליגען דעם טאַטען אויפ'ן קאָפּ...
— שור, ביזט גערעכט...
— און וואָס, ס'זאָל זיין אַ גליק, וואָלט מען עס אויסגעכאַפּט. זאָלסט ווייסען, קיין גוטס לאָזט מען נישט איבער...

— שור...

— און אז מען וויל צוריק שמועסען, איז עס נישט אַזוי אַם ערגסטען... אַ מאַן מאַכט אַ לעבען... די קליינע קינדער וואָס ער האָט... אַי טאָמער די מויד, זי שלעפט זיך שוין עפּעס אַרום מיט אַ בחור... אַז נישט, וועט זי אויסהאַלטען דאָס אידישקייט — זי וואָלט זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ סלופּ... אַז מ'וויל צוריק שמועסען, פּאַרט אַ מאַן, וואָס לייהט געלד אויף אינטערעסט... נאַ?...

— יעס...

— וואָס דען, אַ יונג באַיטשיקעל איז גוט? זאָל שפּיעלען אין קאָרטען און איבערליגען אין דענסינג... פּאַרט אַ געזעצטער מאַן... טאָמער איז ער אַביסעל קאַרג, נו... דאָס איינע וואָס ער איז אַביסעל קאַרג... וועל, אַ מענש מוז האָבען עפּעס אַ שטיקעל חסרון... און דען, לאָמיך דיר זאָגען, אַ מ'וויל בייפען אַ פּעני, מוז מען זיין קאַרג, אַנדערש קאָן מען נישט קומען צו גאָרנישט. נישט אַזוי? האָב איך רעכט אָדער נישט? ניין, איך וויל נאָר וויסען צי האָב איך רעכט אָדער נישט?...

— שור... דו האָסט רעכט.

# אין דאָרף

לארא שעהנבערג, האט זיך געדרעהט פונ'ם גארטען אין שטוב און צוריק. אין די לעצטע פאר טעג זיינען די קארשען־בוימער אבגעשיט געווארען מיט בליטהען.

לארא, די אינגסטע אין הויף, איז געווען שעהן און קלוג און איטליכער איז נאכגעגאנגען איהר קאפ.

פון זייט דער פאטער, מנשה שעהנבערג, איז אבגעשטארבען, (די מוטער איז שוין געווען פון לאנג טויט), האט זיך אנגעהויבען פיהרען אין שטוב אלדינגס אנדערש. מען האט איינגעפיהרט וואסער־ליידונג, אן עלעקטריש גלעקעל, אויף די ווענט האט מען אויפגעהאנגען דעקאראציאנס־טעלער פון בראנז, מיט נאקעטע מלאכים ווי ביי די גוים, „פלאסטיק“ הייסט עס, און די טעכטער פלעגען פאהרען אלע יאהר קיין קארלסבאד.

האט מען טאקע געזאגט, אז עס איז לארא'ס קאפ דערביי, וואס דאס גאנצע הויף האט זיך איבערגעקעהרט, און מען היט נישט אב קיין אידישקייט און נביאות געזאגט, אז לארא וועט זיך שמד'ן, און דאס גוט וועט צו גרונד געהן.

הערמאן, דער עלטסטער זוהן וואס איז איצט געווען דער פערוואלטער פונ'ם גוט, איז שוין געגאנגען „דייטש“ געקליידעט, און געהאט א לעמבערגער כלה וואס לארא האט איהם אויסגעקליבען. לארא האט געוואלט מען זאל פערקויפען דאס גוט, און זיך ארויסציהען קיין לעמבערג, דערפאר האט זי נאר געוואלט א לעמבערגער כלה.

רעגינא, די עלטערע שוועסטער, א גרושה, האט געפיהרט די ווירטשאפט, און וויל זי איז געווען א גוטע און נישט קיין שעה־

נע, איז זי געווען אונטערטעניג צו לארא'ן. אז לארא האט גע־זאגט מ'דארף אריינגעהמען א פראנצויזישען לעהרער, האט רע־גינא נאכגעזאגט, און הערמאן האט געבראכט דעם לעהרער.

אבער לארא האט נישט קיין חשק געהאט צו לערנען פראנ־צויזישע וואקאבעלען, און אז דער לעהרער פלעגט זיך צו שטארק פערטיפען אין דער גראמאטיק, און ווענינער אריינקוקען אין איהרע אויגען, האט זי זיך אין איהם דערנאך נוקם געווען. אט פלעגט ער זי טרעפען ערגעץ אין א ווינקעל אנגעטהאן אין א לאנ־גער פעלערינע, אין א זיידענעם טוך ווי א נאנע, שטאלץ, קוים וואס זי קוקט אויף איהם — און באלד אין א קאסטיום פון א פראנצויזיש דארפס־מיידעל, זינגענדיג, לאכענדיג.

פלעגט טאקע דער לעהרער זיין צווישען צווי פייערען, אלע מאל רעזיגנירען פון דער שטעלע, און זיך לאזען צוריק איבער־בעטען.

אז לארא האט בעגעגענט א נייעם מענשען, האט ער זיך געמוזט פערליעבען אין איהר. טאמער האט איינער נישט געוואלט ארויסווייזען אזוי גיך, אז זי געפעהלט איהם, איז שוין געווען וועה צו יענעם. זי האט איהם אזוי לאנג אריינגעשמייכעלט אין פנים אריין מיט די צייהן, אזוי לאנג געווען קלוג, אזוי לאנג געביטען די קאסטיומען און די קאפריזען, ביז יענער פלעגט זיך פאר איהר אויסשטרעקען.

מייסטענס פלעגט זי זיך ארומשלעפען אין גרויע אדער ברוינע הירש־לעדערנע שיכלעך, וואס זיינען געווען אזוי גלאט, ווי לאפ־קעס ביי א קאץ, אין א קלייד מיט א שלעפ. דער גאנג איז געווען שלעפענדיג, מיעד, און האט איהר אזוי געפאסט, אז דעם לעהרער פלעגט דער רוח נעהמען. אם געפערליכסטען איז געווען, ווען זי פלעגט קוקען מיט'ן מיעדען קוק אויף יענעם, דער לעהרער פלעגט זיך דאמאלט צאפלען ווי א פליג אין א נעץ. — געטראכט מיט שעקספיער'ס א פראזע, אז זי איז „גרויזאם שעהן" און זיך געלאזט מיט פערגעניגען מאטערען.

אבער דער לעהרער האט געדארפט וויטער שטודירען, און

אין אוועקגעפאהרען. איז טאקע פאר די לעצטע פאר חדשים פוסט געוועז אין הויף.

איצט, ווען די קארשען־בוימער האבען געבויגען דעם צווייג אין די פענסטער אריין, האט לארא ערשט דערפיהלט, אז דער לעהרער פעהלט.

זי האט געזוכט אין די שופלאדען פון קאמאד, עפעס איינ־צושטעקען אין די האר. אין די שופלאדען האבען זיך געוואלגערט נירטלען צונויפגעשטעלט פון רויטע און גרינע שטיינער, ציטער־נאדלען, שטערען בענדער נאך פון דער באבע'ן, אוירינגלעך פון רענדלעך.

די אוירינגלעך פון רענדלעך האבען זי דערמאנט אן דער צייט אין קארלס־באד, ווען זי האט זיי געטראגען — דאקטאר בורג... עס איז געוועזן אזוי לאנג דער וועג קיין קארלסבאד אין א פער־מאכטען וואגען, זי, רעגינא און ער... ער האט זיך אזוי אונפער־שעהמט געבויגען צו'ן איהר, לארא'ן, געקושט... אזוי געקושט. און רעגינא האט געזעהן... אבער זי, לארא איז דאך געשלאפען דעמאלט... נישט געוואוסט צי ער קושט זי. —

א גויע האט אויפגעמאכט די טהיר, און געבליבען שטעהן. זי האט געהאט א הוהן צו פערקויפען:

— צי וועט די פאנונצי קויפען א הוהן... אייער איז אויך דא אין קויבער... גרויסע אייער ווי גענזענע.

לארא האט אויסגעדרעהט דעם קאפ מיט פערדרוס:

— כ'האב געזאגט מען זאל דא נישט אריינקומען אין קאַ־בינעט... נעה אין קיך צו דער פאני... כ'האב געזאגט מען זאל נישט אריינקומען אהער...

די גויע האט פערנומען די הוהן הינטער דער פאכוועס, גענו־מען דעם קויבער וואס איז געשטאנען פון יענער זייט טהיר און ארויסגעגאנגען.

אבער לארא איז שוין געווען נערוועז, זיך אנידערגעווארפען אויף דער סאפע און פערגראבען דעם קאפ אין די הענט. זי האט

געוואלט אביסעל וויינען — געווים איז זי אונגליקליך... דער טאטע איז געשטארבען... א יתומה...

זי האט זיך נישט געפיהלט שטארק פאר א יתומה און נישט געקענט וויינען... מענשען מאכען א נעביך פון דעם...

ניין, זי האט נישט געקענט וויינען דערויף.

און דער לעהרער? אפשר דער לעהרער?... אוועקגעפאהרען, געזעגענט זיך, געהאט טרעהרען אין די אויגען... א ליעבענד פאר צושיידט... טרויריג...

ניין, זי האט דערויף אויך נישט געקענט וויינען.

אבער זי איז דאך פארט אונגליקליך... פעטרי, דער אלטער קוטשער האלט ביים שטארבען, אויף די הענט האט ער זי גע־טראגען, געדענקט נאך די באבע.

ניין, זי האט דערויף אויך נישט געקענט וויינען.

אבער אום גאטעס ווילען, איז זי נישט אונגליקליך?... מען דארף לעבען אין א דארף, קומט א לעהרער אראב, אנטלויפט ער באלד... קיינער קומט נישט צוגאסט...

זי האט דערהערט דעם שאפנער'ס קלינגען מיט די קאנען אויסגעמאלקענע מילך — אזוי מאנאטאן... אלע טאג קאנען מיט מילך, אלע טאג גוי'עס מיט היהנער צו פערקויפען!...

אפילו דערויף האט זי נישט געקענט וויינען.

זי האט זיך געטראכט, אז באלד וועט הערמאן חתונה הא־בען מיט דער לעמבערגער כלה און זי... מיט... מיט'ן קארלס־באד'ער... דאקטאר בורג, ניין, נאך א שעהנערען ווי דאקטאר בורג, און רעגינא? — א, רעגינא איז ביי הערמאנ'ען, פיהרט דארטען דיווירטשאפט... הערמאנ'ס פרוי איז א שלעכטע, שרייט אויף רעגינא'ן. און איינמאל הייסט זי איהר געהן... טרייבט זי ארויס... אין א פינסטערער נאכט. עס רעגענט... רעגינא איז דורכ־גענעצט, געהט און וויינט...רעגינא... נעביך...

זי האט זיך צוואויינט.

אז זי האט זיך אויסגעוויינט, האט זי אויף זיך א טראכט

געטהאַן: „נישט גענוג וואָס זי איז אַ גרויסע שעהנהיים, האָט זי נאָך אַ גוט הארץ אויך״...

עס איז איהר מיט אַמאָל געוואָרען לייכט אויף׳ן הארצען, און אַ פריידיגע אונרוה האָט זיך אין איהר צושפּיעלט. איז זי ארויס אין גאָרטען, מיט׳ן וועג האָט זי געקוקט אין די שפּיגלען, גרויסע און קליינע, און געזעהן אין אַלע שפּיגלען, אַז זי איז גראַציעז, און די שלעפּ פּאַסט איהר צו די הירש־לעדערנע שיכלעך.

אויף דער ווערענדע האָט זי בעגעגענט רעגינאַ׳ן, ווי זי רעדט מיט דער דיענסט וועגען מיטאָג. האָט זי געטהאַן אַ פערגלייך איהר הויכע געשטאַלט מיט רעגינאַ׳ס, אַ קוק געטהאַן אויף רעגינאַ׳ס נישט שעהנעם פּנים, געוועזן צופריעדען דערפון און איהר פערריכט די האָר דערפאַר.

רעגינאַ האָט זיך נישט דערפרעהט און נישט געוואוסט וואָס עס איז געשעהן.

אַבער לאַראַ האָט זי איבערגעלאָזט מיט דער דיענסט און אַליין אריינגעגאַנגען מיט אַ שלעפּענדיגען גאַנג אין גאָרטען אריין. זי האָט געוואוסט, אַז דער שלעפּענדיגער גאַנג פּאַסט איהר.

זי איז דורכגעגאַנגען די עפּעל־בוימער, אָנגעריהרט די בעהאַלטענע קנאָספּען, וואָס האָבען שוין ארויסגעשמעקט פון די פּענקים, און זיך אָבגעשטעלט ביי די קאַרשען־בוימער. זי האָט אָנגעבויגען דעם אויבערשטען צווייג, אויף דעם איז געווען געדיכטער צוויט און וועהרענד זי האָט געריסען דעם צוויט, האָט אין איהר עמיצער גערעדט: „מ׳טאָר נישט... יעדעס צוויטעלע וועט זיין אַ קאַרש... ס׳אַז עבירה״... און ווייל עס האָט אין איהר גערעדט, האָט זי געריסען... אַ סך... געפיהלט מיט פערגעניגען די יונגע שטייפקייט פון׳ם צוויט, צודריקט און די פייכטקייט אָבגעווישט אין די האָר.

דער שטילער גערוך פון׳ם צוויט איז איהר אריין אין די אויגען, אין מויל און קלייד.

האָט זי זיך געלאָזט מיט׳ן שלעפּענדיגען גאַנג ווייטער אין גאָרטען, דורכגעגאַנגען די סטעזשקע מיט׳ן באַרען־בוים, ווייטער,

ווייטער, ביז צום ברעג ארטען. דארט האט זי אריבערגעשפאנט דעם צוים און געבליבען שטעהן פון יענער זייט.

א רייטער איז נאר וואס געהאט דורכגעפאהרען דעם וועג, אין א גרינעם אנצוג און געלע רייט־שטיוועל. ער האט געהאלטען א רייט־בייטשעל און געפאכט אין דער לופטען.

האט לארא א קוק געטהאן אויף זיין האלז־און־נאקען און אויפ'ן רייט־בייטשעל און געוואלט ער זאל זיך אומקוקען.

נאר דער רייטער האט זיך נישט אומגעקוקט. די ברוינע זייטען פונ'ם פערד האבען זיך געהויבען אין דער לופטען, און די ערדלע פים האבען געטאנצט אין ווייכען שטויב ריטמיש, עלעגאנט.

פון דער אנדערער זייט דארף האבען זיך דערטראגען די האמער־קלעפ פון דעם שמידט, אז אינדיטשקע איז ארויסגעקומען פון ערגיץ א בעעלטעניש, געמאכט מיט'ן קאפ פאראוים, און צוריק, און דער וועג האט זיך געצויגען פון די אומעטיגע פעלדער אוועק.

לארא האט א קוק געטהאן אויף די הירש־לעדערנע שיכלעך און ווי די שלעפ פאסט צו זיי, און איהרע מיעדע אויגען האבען זיך געצויגען נאכ'ן רייטער מיט'ן פערד, נאר דאס טאנצען פון די ערדלע פים האט אבגעהילכט אלץ ווייטער, ווייטער.

# סטאטיסטיק

לאנג האט זיך ליפמאן ארומגעדרעהט מיט זיין פעטען גוף און מיט זיינע אבגעשפארטע פיער הונדערט דאלער, און געזוכט עפעס א לייטישע ביזנעס; ווייל ליפמאן איז געווען א מענש, וואס דאס האט איהם נישט געפאסט און צו יענעם האט ער נישט געפאסט. ער האט געוואלט עפעס א ביזנעס ס'זאל זיין צו גאט און צו לייט.

ליפמאן איז נאך געווען א בחור. פארוואס? ווייל ער האט געוואלט ארויסהויבען אזוינס.

א לייטישע ביזנעס. ער מיינט נישט קיין גראסערי אדער לאונדרי, ער מיינט עפעס א לייטישע ביזנעס, וואס וועט איהם שטעלען אויף די פיס. טאקע צוליעב א שידוך — וואס איז דא די בושה? וועט ער זיי ווייזען, אז ער וועט דוקא יא חתונה האבען.

ס'האט איהם גוט געקרענקט, ווען מען האט איהם דערצעהלט, אז די מיסים ראזען האט זיך געשלאגען אין מויל אריין: „ליפמאן וועט דאמאלס חתונה האבען, ווען די באבע וועט א מויד ווערען“.

און וועלכע מיסים האט עס נישט געזאגט? אפילו ווען מען האט איהם נישט אבדערצעהלט, האט ער געוואוסט, וואס זיי ריידען, וואס זיי טראכטען, און ער האט זיי דען נישט איינמאל בעוויזען מיט סטאטיסטישע טשיפערן, אז אן ארבייטער טאר נישט חתונה האבען, האט נישט קיין רעכט חתונה צו האבען?

— ליפמאן — האבען איהם די מיססיסען געזאגט — איז א יארדישליווע בחור און קען יענעם אבפיקען די לונג קאלטבלוטיג מיט זיינע טשיפערן.

נאר וואס האט איהם געארט, וואס מ׳האט געזאגט? איהם, מיט זיין קאלטבלוטיג לעבען.

גענוג איז ער זיך אבגעגאנגען צו׳ן אלע לעקטשורס, אז ער זאל קענען א לעקטשור נאכזאגען ווארט פאר ווארט. גענוג האט ער זיך אנגעהערט און אנגעלעזען וועגען פערשיעדענע טשיפערז, כדי ער מיט זיין גוטען קאפ זאל האבען וואס צו געדענקען.

ער האט שטארק געהאלטען פון זיך, און זיין סארט לעבען איז ביי איהם שטארק חשוב געווען, ווייל ס׳איז אזוי צונויפגע־פלאכטען מיט לעקטשורס און מיט סטאטיסטישע טשיפערן. שטארק חשוב איז ביי איהם געווען דאס סארט לעבען זיינס. האט ער עס נאך מעהר ארומגעהובלעוועט, ארומגערונדעט, ווי מען הוב־לעוועט און מען רונדעט ארום א קיילעכדיג פעסיל, אז ס׳זאל זיך אוועקקאטשען. זיין לעבען איז געווען רונד, פונקט ווי דער גוף דער רונדער. און עס האט האט זיך אויך עפעס אזוי אפגעקא־טשעט פון אנדערע מענשענס לעבענס, ווי א פעסיל...

און אלץ דערפאר, ווייל ער האט געוואוסט מעהר פון יעדען איינציגען מענשען די לעקטשורס מיט די טשיפערן; ווייל ווי נאר עפעס, האט ער געטהאן יענעם א פאהר אריין מיט א טשיפער, אז אויף יענעם האט עס א שרעק אנגעווארפען, ווארום וואס וויים יענער וויפיעל קינדער עס ווערען געבארען א יאהר אין כינא?

אזוי האט ער זיך איינגעארדענט דאס לעבען זיינס, קאלט־בלוטיג און געלאסען, און מיט א מין גדלות, אזוי אז מישא פלעגט נישט איינמאל זאגען: „ס׳ברענט אין מיר דער חשק איהם צו געבען א פאר פעטש".

— קום איך מיר צונאסט, איך, ליפמאן, און רייד מיר פאר־וואלימשקע, אז צופלאצט זאל אין אייך ווערען די גאל...

נו, טאקע, וואס זאל ער טהאן? אז ער איז פארט געוואוינט, אז יענער זאל צו׳ן איהם צוקומען: „מיסטער ליפמאן, העלא!" און: „מיסטער ליפמאן, וואס מאכט איהר?"

לאנג האט ער געטראכט צו וואס נעהמט מען זיך עפעס, אז

ס'זאָל פּאַסען איהם און זיין סאָרט לעבען, און געפעלען אויפ'ן שכל: אַ שאַפּ פון עמבראַידערי.

אַ שאַפּ פון עמבראַידערי. אי ס'איז גוט, אי ס'איז שעהן. דאָס פּאַסט זיך גראָדע פאַר אַזאַ מין מענשען מיט אַזאַ סאָרט לעבען. און היינט מיידלעך! ער וועט האָבען צו טהאָן מיט מיידלעך...

האָט ער געעפענט אַ שאַפּקעלע אויף אַ פערטען פלאָר.

איין מאָן איז געווען, דער געשטופּעלטער סעם, און דריי מיידלעך זיינען געזעסען; די שעהנסטע מיידלעך האָט ער אויסגע־קליבען פון אַלע די וואָס זיינען געקומען פרעגען אויף אַרבייט, און אַ בחור האָט ער אויסגעקליבען דעם מיאוס'טען פון אַלע. טאָמער איז עס געווען אַ שעהנער בחור, האָט ער אפילו מיט איהם נישט פערלאָרען קיין צוויי ווערטער, נאָר באַלד געפונען עפּעס אַ תּרוץ.

ווי נאָר ער האָט געעפענט דעם שאַפּ, האָט זיך עפּעס איבער איהם צוגאַסען אַזאַ מין רוהיגקייט. דאָס גדלות האָט זיך שוין אין איהם צושפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט און ער האָט נאָך קאַלטבלוטיגער גערעדט. ער האָט געקראָגען אַ טבע יענעם אריינצוקוקען שטאַרק אין די אויגען, ווען יענער האָט גערעדט, אַזוי אַז יענער פלעגט רויט ווערען, זיך פּלאָנטען און זיך עפּעס דערפיהלט ווי אַ גנב, ווען מען פּאַקט איהם ביי דער האַנד, און כדי נישט אַנצוהויבען זיך מיט איהם, האָט מען איהם צוגעגעבען גערעכט.

איצט האָט ער שוין אַלדינגס געהאַט אין דער ערד און יע־נעם נאָך מעהר געקוקט אין די אויגען. איצט איז שוין קיין סוף נישט געווען צו זיינע לעקטשורס. ער האָט זיך שוין איצט גע־קענט אוועקזעצען און ציהען אַ לעקטשור צוויי שעה אויפ'ן זיי־נער, און אַלץ מיט סטאַטיסטישע טשיפערן. און יענער האָט אויס־געהערט, וואָס־זשע זאָל ער טהאָן? געהן זאָגען ניין? ס'איז דאָך עפּעס אַ טשיפער.

מ'האָט נישט געוואָגט זיך אַ וואָרט אַנצורופען, ווייל ער־

שטענם איז ער טאקע דער גרויסער קענער, און צווייטענס — א באם, א מענש האט א שאפ, מארגען "נעהט מען געבראכען" און מען דארף אנקומען צו'ן איהם נאך א רושאב.

און איהם, ליפמאנ'ען? ווי גוט איז דאס איהם צו דערהערען, ווען ס'מאכט זיך מ'גיט א פרעג הינטער די פלייצעס: „ביי וואס ארבייט ער?" טהוט זיינער — ווער ס'איז דארטען — אן ענט־פער: „נישט קיין ארבייטער, האט א שאפ"... דאמאלס טהוט שוין אויף איהם יענער נאכאמאל א קוק.

א בחור איז ער נעווען, זיינען אלע טירען געווען פאר איהם אפען — אפשר וועט ער נעהמען די, אפשר וועט ער נעהמען יע־נע. אי ער איז שוין נישט קיין יונגערמאנטשיק און האט א פליך?... איז עס דאך דערויף א מאן, א מאן מענ.

אין שאפ זיינען געזעסען די מיידלעך מיט די קעפ ארב איבער די שטיק־ראהמען, געזונגען און געארביים.

און ער, מיסטער ליפמאן, האט זיך נעדרעהט א קאלטבלוטיגער צווישען זיי און זיך געקליבען א כלה שוויינענדיגערהייט. אט א שטיינער די: א רויטליכע, חן־גריבלעך ווען זי לאכט און זינגט „רענטאים", אז ס'טראגט אזש אונטער... און יענע: א לענגליך פנים, אן אדעליגס מיט א ווייסע הויט־פארב און טונקעלע האר. זינגט ציוניסטישע ליעדער. און די מיט די געקרויזטע בלאנדע האר: א מעמבערקע פון א דראמאטישען קלוב, א ברען און זינגט סאציאליסטישע ליעדער. אלע זינגען, אלע זינגען. אין גענאנג דערקענט ער ווען זיי זיינען פרעהליך און ווען — טרויריג.

נאר א שטייגער נעהמען און חתונה האבען מיט איינער פון זיי, האט ער זיך נישט געאיילט. און ווי א סולטאן אין א הארעם, האט ער זיך ארומגעדרעהט צווישען די מיידלעך מיט די אנגע־בויגענע קעפ און געקוקט אויף זייערע האלז־און־נאקענס. וואס האט איהם געארט דער געשטופעלטער סעם? מיט'ן געשטופעל־טען סעם האט ער זיי נישט מורא געהאט צו לאזען.

און די מיידלעך האבען געזונגען. א שטייגער ווען מיסטער

ליפמאַן זאָל זיך פֿערליבען אין דער רויטער? די רויטע וואָלט נישט געוואָלט, ס׳וואָלט געווען צרות, מ׳וואָלט זי געטויט, אי דער טאַטע, אי די מאַמע. אויפּסלעצט וואָלט זי בעשטאַנען — פֿאַרט אַ באָס... און דערנאָך וואָלט ער געווען צו׳ן איהר אַנדערש ווי איצט. ער וואָלט געווען צו׳ן איהר — —

און די רויטע האָט דערנאָך געזונגען דעם רעגן־טאָים אַזוי, אַז ס׳האָט נאָך מעהר אונטערגעטראָגען...

איינמאָל, ווען זי האָט זיך שוין גוט געהאַט איינגערעדט, אַז ער ווערט זי נעהמען, איז זי צו׳ן איהם צוגעגאַנגען און עפּעס אויף איהם אַ קוק געטהאָן—און דערנאָך, ווען זי איז צוריק געזעסען ביי דער אַרבייט, האָט זי זיך געשעהמט דעם קאָפּ אויפצוהויבען— זי האָט מורא געהאַט ער ווייסט שוין אַלדינגס וואָס זי האָט גע־טראַכט.

נאָר ער, צי האָט ער יאָ געוואוסט, צי האָט ער נישט גע־וואוסט, ער איז געווען ווי תמיד קאַלטבלוטיג, פּאַוואַליטשקע און געקוקט יענעם שטאַרק אין די אויגען אַריין.

און די מיידלעך האָבען מיט איהם אַלע חתונה געהאַט און קינדער געהאַט. און ער, צי ער האָט נישט געוואוסט, צי ער האָט נישט געוואָלט וויסען, ער האָט אַלע־מאָל אַדוועָרטייזט נאָך נייע „הענד״, און ווען די מיידלעך זיינען איהם נישט געפעלען געווען האָט ער זיי אַוועקגעשיקט מיט אַ תרוץ.

די דריי מיידלעך זיינען געווען בעשטענדיגע, חתונה האָבען האָט ער מיט זיי טאַקע נישט גערעכענט, נאָר גלאַט וואָס אַרט עס איהם, אַז עס זיצען אַזעלכע דריי מיידלעך אין שאַפּ? האָט ער זיי געצאָהלט „פּעי״ סאַי ס׳איז יאָ געווען אַרבייט און סאַי ס׳איז נישט געווען. ער האָט אויסגערעכענט מיט סטאַטיסטישע טשיפערן, אַז עס לוינט זיך איהם זיי צו צאָהלען...

און דעם מיאוס׳ען סעמ׳ען האָט ער געהאַלטען, ווי מ׳האַלט עפּעס אַ טייערען דימענט. די מיידלעך האָבען טאַקע געהאַט מיט איהם „פֿאַן״. אָבער וואָס פֿאַר אַ „פֿאַן״? געמאַכט חוזק פֿון איהם. און ער — מישטיינס געזאָגט — האָט געמיינט ס׳איז אויף אַן

אמת. און ווען סעם זאל א שטייגער געווען וועלען נאך פינף דא־
לער א רעיז — גיט ער איהם דען נישט?

און ער האט זיך געקענט אויף ווייטער אוועקגעהן איבערדער־
צעהלען א לעקטשור אויסווענינ, איננאנצען אויסווענינ, און גע־
לאסען און קאלטבלוטיג געקענט ריידען, אז: „ווי נאר עפעס א
ראדיקאלע אידעע, ווערט זי פערשפאט און אויסגעלאכט. ער קען
עס בעווייזען מיט סטאטיסטישע טשיפערן“...

און אין שאפ האבען די מיידלאך געזונגען און געווארט ער
זאל קומען זיי נעהמען חתונה האבען. די רויטע האט איהרע אלע
רענ־טאימס אויסגעזונגען, אלע חן־גריבעלעך אויסגעלאכט, אלער־
ליי שמעקעדיגע זייפען אויסגעזייפט... די בלאנדע האט אלע טע־
אטער־וויצען אויסדערצעהלט. אלע פערשייטע שטיק אבגעארבייט.
די מיט'ן ארעליגען פנים האט שטילערהייט אלע חלומות אויס־
געבדענט. ער, דער באס, איז אבער נישט געקומען זיי נעהמען
חתונה האבען.

און ווען ער איז געבליבען אמאל מיט זיך אליין און זיך
ערנסט געגומען טראכטען וועגען א תכלית, האט ער אבגעמאכט,
אז אויף מארגען געהט ער צו צו דער רויטער און זאגט איהר...

אויף מארגען האט ער זיך נישט געקימערט, וואס ער האט
נעכטען אבגעמאכט, און זיך געטהאן זיינס: אוועקגעגאנגען זיך
אין יענע הייזער, וואו מ'האט געווארט ער זאל נעהמען א מיידעל
חתונה צו האבען, און גערעדט פאוואליטשקע מיט סטאטיסטישע
טשיפערן.

איינמאל איז ער געקומען אין שאפ אריין און דערהערט א
בשורה: דער געשטופעלטער סעם איז א חתן געווארען פאר דער
„רויטער“. האט ער דעם געשטופעלטען סעם שטארק געקוקט אין
די אויגען און שפעטער מיט אכט טעג האט ער איהם „געסעקט“
מיט דער רויטער.

דערנאך, ווען ער איז צו זיך געקומען, האט ער אנגעהויבען צו
אדווערטייזען פאר א דריטע מיידעל, עפעס אזא וואס זאל זיך
פאסען פאר א ווייב פון זיינטוועגען. לאנג האט ער אדווערטייזט

און נישט געקענט געפינען — ביז איינמאָל איז אַן אין־דער־פריה איז אַריינגעקומען אַ יונג קינד, אַ שעהנהייט, וואָס האָט „געביט די רויטע אין פיסעס", האָט ער זי אַנידערגעזונצט צו דער אַרבייט און געגעבען וויפיעל זי האָט פערלאַנגט.

פון יענעם טאָג אַן איז ער שוין געשטאַנען אַליין אויפ'ן גע־שטופּעלטען סעמ'ס פּלאַץ און געאַרבייט, און די דריי מיידלער האָבען ווידער גענונגען און געוואַרט.

# ביי דער מיהל

רוכצי האָט גענומען דאָס קוישעלע, וואָס די מאַמע האָט געבראַכט פון לאַשקאַוויטץ, אַריינגעלעגט דאָס רויטע באָד־העמדעלע מיט אַ שמעקענדיגען טאַוועל זייף, גענומען דאָס שירעמ׳ל און געזאָגט: „מאַמע, איך געה מיך באַדען צו דער מיהל“.

— מיט וועמען?... זאָלסט זיך נישט דערוועגען געהן אַליין, דו הערסט?... ביי דער מיהל טראָגט שטאַרק דאָס וואַסער... געה גיכער צום „זברוטש“...

— איך געה צו חנה׳ן, די גאַנצע שטאָדט געהט היינט...

— זאָלסט נישט געהן וויט אין וואַסער, דו הערסט? זאָלסט זיך אָנהאַלטען אָן אַ סלופּ...

די מאַמע האָט איהר מיטגעגעבען צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, צוויי גרייצער אויף קאַרשען, און נאָכגעשריגען זי זאָל זיך נישט זאַמען.

ביי דער שטוב האָט שוין חנה געוואַרט אויף איהר. זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם מאַרק, געקויפט קאַרשען, אַריינגעשיט אין די שקאַרמיצען און זיך געלאָזט געהן פרעהליך דעם לאַנגען וועג אין מיהל אַריין. דער וועג איז געווען אַנגעשיט מיט טיעפען שטויב, דין און פיין ווי מעהל. און די שיך זיינען געוואָרען ווייס. פון׳ם שטויב, פון׳ם זומערדיגען שטויב. אומעדום האָבען זיי בעגעגענט מענשען געהן פון דער מיהל אָדער צו דער מיהל.

רוכצי האָט זיך גע׳חידוש׳ט:

— די גאַנצע שטאָדט געהט זיך היינט באָדען...

— יאָ, די ג אַ נ צ ע שטאָדט...

— די מאמע וויל נאר איך זאל געהן צום „זברוטש", גלייך מיט אלע שלים־מזל׳ניצעס. ביי דער מיהל איז א מחיה, די כוואליעס צעקלאפען די פלייצעס...

— איך האב אויך נישט ליעב ביים „זברוטש", עפעס דאס וואסער שטעהט אויף איין ארט.

זיי זיינען דורכגעגאנגען דעם צווינטער, דערנאך דעם איבער־מילנער׳ס הייפעל אלץ ווייטער, ווייטער. באלד האבען זיי דער־הערט דאס קלאפען פון דער מיהל, אז אז זיי זיינען צוגעקומען צום בריקעל, וואס אונטער דעם רוישט דאס וואסער אין מיהל־ראד אריין, האט רוכצי דערפיהלט א לייכטען קלעם ביים הארצען, ווי איינער וואס דארף ערגעץ אוועקפאהרען, אזא מין קלעם, וואס מען ווייסט נישט וואס ער וויל פון א מענשען...

דאס וואסער אונטער׳ן בריקעל האט געזאטען, געשוימט. רוכצי האט אריבערגעקוקט די פארענטשע. פון יענער זייט איז אנגעקומען א גריון, שטיל וואסער, דער „זברוטש", און געווארען אונטער׳ן ראד א וואסער פון דער מיהל.

זי האט אריינגעקוקט אין מיהל. אין דער טונקעלער מיהל האט זיך געמאלען אזוי פרעהליך — ברויט האט זיך געמאלען. ס׳האט ארויסגעשמעקט קארן, גערשטען, קוקורוזע.

זיי זיינען דורכגעגאנגען די בודע מיט די רעוויזארען וואס היטען די גרעניץ. בורקע, דער פאסט־בעאמטער, איז געזעסען אין א ליכטיגען שטויב־מאנטעל, פאר דער בודע, געקוקט אויף די אידישע מיידלעך וואס געהען זיך בארען, און געסוויסטשעט „דאס פערלארענע גליק".

מיט א האלבען קוק האט רוכצי דערזעהן, אז ער האט גאר ליכטיגע האאר. און זי האט געמיינט, אז ער האט שווארצע... ליכטיגע ווי דער שטויב־מאנטעל.

אז בורקע האט דערזעהן רוכצי׳ן, האט ער איהר נאכגערעדט: „קראסנא"...

רוכצי האט זיך נישט אומגעקוקט, נאר געווארען אנגעצונדען מיט שטאלץ. חנה האט זיך גערושעט.

ביים וואסער זיינען שוין געווען א סך מענשען. דער פלאץ מיט די בוימער פאר'ן וואסער איז געווען פערלעגט מיט אנטועכץ. ביים ברעג און אין וואסער זיינען געשטאנען מיידלעך אין באד־העמדלעך, ווייבער איינגעהילט אין לייליכער, מיט נאקעטע קינדערלעך אויף די הענד.

רוכצי האט דערזעהן זייער שכנ'טע עטי'ן, מיט דעם קליינעם יאסעלע'ן אויף די הענד א נאקעטען. וואס האט געקוויטשעט ווייל די זייף איז איהם אריין אין די אויגען און עטי האט עם איינגענומען: „נארעלע, נארעלע, וואס דו ביזט... שא, שא, אויסבאדעניון... אויסבאדעניון...״ נאר דאס קינד האט מורא געהאט פאר'ן רעש פון דער מיהל, געריסען דאס נאקעטע גופ'ל און געקוויטשעט: „וויניע, וויניע...״

ווייבער לעבען איהר האבען זיך גע'חידוש'ט:

— אזא פיצעל באדט מען שוין?...

— דער דאקטאר האט געהייסען — נארעלע, שא, שא, שא... באדיניון, באדעניון...

די אשר'קע מיט'ן קינד האט זיך געפרעהט:

— אה, א מחיה... מיינער באדט זיך, לעבען זאל ער...

זי האט צונעטוליעט דאס נאקעטע גופ'ל צו זיך, איהר פנים צום קינד'ס טריפענדיג פנימ'ל מיט די אויסגעצוואגענע הערלעך, צונעקלעמט די ציינען ווי א מאמע, און געשריען: „אי, אי, אי, אי...

אז דאס קינד האט חנ'עוודיג געבעבעט, מיט די נייע ציינען, זיך געפאטשט מיט די הענטעלעך אין די בריסטעלעך אריין, און געשריען „בוה, בוה״ — האט עם די מאמע אויפגעהויבען אין דער הויך און זיך געפרעהט:

— גוט, טאטע, גוט?... א לעבען זאלסטו...

און אז'י האט מען אלע מאל נייע קינדערלאך אריינגעטראגען אין קאלטען וואסער, און די קינדערלעך האבען געדרעהט מיט די קעפעלעך, געשריגען „טאי, טאי, וויניע, וויניע״, געציטערט מיט

די ציגגלער איז געוויין און נישט געוואלט, נישט געוואלט, נישט געוואלט זיך לאזן איינגעצען.

און די וואס האבען זיך שוין צוגעוואוינט און טאלאפעט אין וואסער, האבען געוויינט וועו מען האט זיי ארויסגעטראגען און געוואלט צוריק, ווייל ס'איז זיי קאלט געווארען, און די פער־בלאהטע קערפערלער האבען געציטערט; האבען זיי געשטרעקט די הענטלער מיט די בריסטלער צוריק צום וואסער, און פון די קעפ־לער האט נאך ארונגערונען דאס וואסער אויסגעמישט מיט די מילינעם פון די שמעקענדיגע זייפען.

רוכצי האט צונויפגעלעגט דאס אנטהועכץ הינטער א בוים, גענומען די זייף און אראבגעגאנגען אין וואסער אריין.

מיידלער האבען זיך געבאדען פאר־ווייז און אין גאנצע רעד־לער: צו דריי, צו פיער, זיך אלע מאל אונטערגעטונקט מיט אן „אה־ה־ה!" און דער שווערער קלאנג פונ'ם וואסער, ווי פון א טיע־פעניש, האט זיך אויסגעמישט מיט זייער „אה־ה־ה".

רוכצי האט צונויפגענומען די הענט און געפיהלט מיט יע־דען טריט טיעפער, אז דאס הארץ הויבט זיך העכער צום האלז. חנה האט זיך שוין געבאדען און זי גערופען צו זיך, האט זי אבער געוואלט געהן העכער ארויף, וואו ס'איז טיעף.

די סאניכע איז געלעגען אויבענאן ביים לעצטען סלופ, אנ־געשפארט עזות'דיג ווי תמיד, און דאס לייבער האט זיך אויפ־געבלאזען פון די כוואליעס. דארטען, וואו די סאניכע, האבען אלע מורא געהאט צו געהן; די כוואליעס האבען שטארק גע־טראגען פונ'ם ראד גלייך ארויף אויף איהרע פעטע פלייצעס. אז די סאניכע האט דערזעהן ווי רוכצי געהט טיעף אין וואסער אריין, נאך ווייטער פון איהר, הינטער'ן געביש, האט זי איהר נאכגעשריגען:

— רוכצי, געה נישט אזוי ווייט, כ'וועל דערצעהלען דער מאמע'ן, כ'וועל דערצעהלען דער מאמע'ן...

נאר רוכצי האט נישט געהערט, ארונטערגעגאנגען הינטער'ן

געביש, דאָרט האָט זי געוואוסט פֿון אַ שטייז, וואָס איז גע־לעגען האַלב אין וואַסער, אין אַ בעהעלטעניש.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿ׳ן שטיין, מיט איין האַנט אַרומגענומען דעם סלופּ, און זיך אויסגעשטרעקט. די מיהל האָט געקלאַפּט, גערוישט, פּערטויבט די אויערען, זיך אויסגעמישט מיט׳ן קוויטשען פֿון די יונגע מיידלעך, נאַקעטע קינדערלעך.

זי האָט אַרויסגענומען אַ פֿוס און איהם בעטראַכט. דאָס וואַסער האָט אַראָפּגעטריפֿט פֿון דעם ווייסען פֿוס. פּלוצים האָט זי געטהאָן אַ קוק אין די בלינדע פֿענסטערלעך פֿון דער מיהל — ווער ווייסט, אפשר קוקט פֿון דאָרט אַרויס בורקעל... זי האָט בע־האַלטען דעם פֿוס אין וואַסער און זיך נאָך טיעפֿער איינגעזעצט, אַזש ביז די צוויי פּערלעגטע צעפּ זיינען נאַס געוואָרען. — ער קעהר זיך איצט באַדען... אין גרויען שטויב־מאַנטעל... שווימט אַרום, סוויסטשעט... אַ וואַגאַבונד...

זי האָט געשטופּט דאָס וואַסער אַהין און צוריק, און גע־פֿיהלט אַ פּערגעניגען פֿון דער שווערער גלאַטקייט פֿונ׳ם וואַ־סער. עפּעס אַזאַ גלאַטקייט, ס׳האָט זיך איהר געדוכט, אַז די כמאַ־רעס דאַרפֿען אויך זיין אַזוי גלאַט. ס׳לעגט זיך אויף דער האַנט אַזוי רונד גלאַט, ס׳לעגט זיך אויף דער האַנט אַזוי רונד גלאַט, און פּלוצים ווערט עס גאַרינגשט. „קראַסנאַ“.

אַז זי איז אַרויסגעקומען האָט שוין חנה געוואַרט אויף איהר און געהאַלטען ביים געהן, ווייל איהר מאַמע וועט איבערטראַכטען.

די זון האָט זיך אַנגעהויבען אַראָבלאָזען נידעריג צווישען די בוימער. כמעט אַלע ווייבער זיינען שוין געהאַט אַרויס פֿונ׳ם וואַסער. דאָס געשריי האָט זיך אַנגעהויבען איינשטילען. אַ טייל האָט שוין געגעסען דאָס ברויט און פּוטער, און אַלדינגס איז גע־ווען אַזוי פֿריש, די ווייבער האָבען אַלע געשמייכעלט, און ס׳האָט פֿון זיי געשמעקט דאָס וואַסער, די מיהל, און די פּנים׳ער זיינען געווען רוהיג. זיי האָבען געהאַט אַ גוט האַרץ אויף דער גאַנצער וועלט; מיט דער שכנ׳טע, וואָס מען האָט זיך ערשט נעכטען גע־קריגט, האָט מען זיך געוואָלט איבערבעטען; געגעסען מיט אַפּע־

טיט דאס נעשמאקע קארענע ברויט מיט קימעל, די זיסע קארשען, און געטיילט זיך מיט ווילד־פרעמדע.

האבען זיי זיך געלאזט אויף די וועגען אהיים, טייל דורכ'ן צווינטער, טייל דורך דער „בלייך". אז זיי האבען בעגעגענט די מאנסבילען אנקומען פון דער אנדערער זייט, האבען זיי אראבגע־רוקט די טיכלעך איבער די שטערנס. די מאנסבילען האבען גע־שפאנט פריש, קרעפטיג, זיך געאמפערט גוטמוטיג איבער'ן ציוניזם און זיך געלאזט אהיים עסען וועטשערע.

דאס גאנצע שטעדטעל האט זיך אבגעבאדען. דאס גאנצע שטעדטעל האט געשמעקט פון וואסער, פון מיהל, פון פריש ברויט מיט קארשען, און איז געווען חבר מיט איטליכען...

רוכצי איז אהיים געגאנגען מיט נעכע'ן און דער מענדעליכע. פאר'ן אוועקגעהן האט זי געווארפען א לעצטען קוק אויף דער מיהל. פון די בלינדע פענסטערלעך האט שוין ארויסגעוואונקען די נאכט. עפעס האט געפייפט, עפעס האט זיך געריהרט צווישען די בוואליעס, וואס האבען זיך געיאגט פונ'ם ראד... ביינאכט, זאגט מען, איז דאס וואסער ווארים ווי אקרופ, אבער ביינאכט האט מען זיך מורא צו באדען...

אויפ'ן האלבען וועג האבען זיי זיך אבגעשטעלט און אומ־געקוקט אויף צוריק. נעכע האט געזאגט, אז ס'קומט צוריק דער כוח. די בוימער פונ'ם צווינטער האבען געברושט או־אה־ה־ה, או־אה־ה־ה... און רוכצי'ן האט זיך אויסגעדאכט, אז דער כוח וואס קומט צוריק מאכט או־אה־ה־ה, או־אה־ה־ה...

„קראסנא".

נעכע האט גע'טענה'ט שטילערהייט צו דער מענדעליכע, אז זי נעהט קאכען וועטשערע, יונגע באראבאלקעלעך מיט טייגלעך, און יענע האט געזאגט, אז זי וועט קאכען גרינע ארבעסלעך, ס'איז געזונד.

רוכצי'ן האט זיך געדאכט, אז בורקע געהט איהר נאך אין גרויען שטויב־מאנטעל, האט זי זיך נישט אומגעקוקט, טאמער איז עס א ליגען, נאר דער גאנג איז געווארען אומרוהיג. זי האט

אביערגעקעהרט דאַס שירעמ׳ל מיט׳ן הענטעל אַראָב און גע־וואָרפען מיט די טראַלדען אַזוי עזות׳דיג...

דער צוריקגעקומענער כוח האָט איהר געראַשט אין די שפּיץ־פינגער — אָר־אַה־ה־ה, אָר־אַה־ה־ה...

# דאָס גלעזעל

**א שטיק צייט איז געווען אַ רעש אין שטאָדט — אַ קליינינ־** קייט, גיטמאַן, דער גמרא־מלמד אַן אַפּיקורס... וואָס, ווען מען קוקט זיך נישט אַרום בעצייטענס, שמד'ט ער אויס דאָס גאַנצע שטעדטעל.

און געכאַפּט האָט מען זיך דורך בערטשיק'ן. געבענשט זאָל זיין אַ טאַטענס האַנט וואָס שלאָגט, און לערענט צום גוטען; בערטשיק, שוין אַ חתן־בחור'ל פון זעכצעהן, וואָס האָט קליינער־הייד געלערענט ביי ר' גינמאַנ'ען, האָט נישט געוואָלט אויסזאָגען, וואו ער האָט גענומען דאָס דאָזיגע ספר'ל. ערשט, אַז לייב בער האָט איהם דערלאַנגט אַ פּאָר שניט מיט'ן רימעט, האָט ער אַ קוויטש געטאָן: "ס'איז דעם רבינ'ס"...

א ז ו י, דעם רבינ'ס?... לייב בער איז באַלד אַוועקגעלאָפען צום רב, געמאַכט אַ גוואַלד, און אויף מאָרגען האָט מען איהם צולאָזט דאָס חדר, און געסטראַשעט אַרויסצוטרייבען פון שטאָדט.

חיים'ל, דער אינגסטער תלמיד, אַ אינגעלע פון צעהן יאָהר, איז געזעסען ביים טיש און געלערענט. אַז ער האָט דערהערט דאָס גוואַלד, האָט ער זיך דערשראָקען און איז אַנטלאָפען אַהיים גלייך מיט אַלע. שפּעטער אַ ביסעל, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דבורה האָט געוויינט, דער רבי האָט געציטערט ווען די אידען האָבען אויף איהם געשריגען, האָט איהם פערקלעמט ביים לעפעלע. ער האָט ד ע ם רבי'ן ליעב געהאַט — קנייפּט נישט.

ס'האָט איהם נאָך מעהר אָנגעהויבען קלעמען ביים לעפעלע פון רחמנות, ווייל ד ע ר רבי קנייפּט נישט און ער האָט גע־טראַכט, זיך צו'גנב'ענען צוריק, און אַריינקוקען דורד'ן פענסטער

— היינט וועט מען שוין נישט לערנען... מאָרגען אויך נישט...
ער האָט אונטערגעהעפקעט אויף איין פוס, און זיך געלאָזט אהיים.

די מאַמע האָט ער געטראָפען ביים קויבער מיט היהנער־חיים'ל איז געוועז אַ יתום מיט נאָך דריי קליינע שוועסטערלעך און ברידערלעך, און די מאַמע איז געווען אַן עופ־קויפעריו.

אַז די מוטער האָט איהם פּלוצים דערזעהן אין מיטען הע־לען טאָג, האָט זי זיך דערשראָקען, און ווען חיים'ל האָט איהר דערצעהלט, אַז אידען האָבען געשריגען אויפ'ן רבי'ן און מ'האָט איהם געהייסען אהיים געהן, איז זי אַריינגעגאַנגען צו ליבע רחל'ען נעוואהר ווערען, צי איהר שלמה'לע האָט מען אויך אהיים געשיקט.

אויף מאָרגען האָט מען איהם אַנגעדונגען צו ר' זעליג'ען, און אַנגעזאָגט, ער זאָל זיך נישט דערוועגען צו געהן צו יענעם רבי'ן.

איז חיים'לען אַ גאַנצען טאָג נישט אַרויס פונ'ם מוח וואָס מ'האָט איהם אַנגעזאָגט, און ער האָט יאָ געוואָלט געהן אַ קוק טהאָן.

האָט ער אָפּגעוואַרט אַ פּאָר טעג ביז דער רעש איז שטילער געוואָרען, און זיך אָנגעהויבען פער'גנב'ענען ביינאַג מיט וואַרי־מעס, אַדער אויפדערנאַכט נאָכ'ן חדר. ער האָט אַריינגעקוקט אין פענסטער. אַז דער רבי האָט דערזעהן, און איהם אָוועקגעשיקט, האָט ער זיך באַהאַלטען הינטער דער טהיר. אַזוי אַלע טאָג, ביז עס זיינען געוואָרען די גרויסע פרעסט.

האָט ער טאַקע אַלדינגס געזעהן.

דער רבי הוסט נאָך... דאָס לעמפּעל ברענט אהן אַ גלעזעל. קיינמאָל עסט ער נישט... פאַרוואָס עסט ער נישט?... דבורה'ן האָט ער שוין יאָ געזעהן עסען, און דעם רבי'ן נישט... הוילע מאַ־מאַליגע האָט ער זי געזעהן עסען... פע, ווען מען גילט איהם אָב... ער האָט ליעב מיט פּוטער אָדער מיט סמעטענע... און וואָס צו־ברעכט זיך דעם רבי'ן דאָס קול ווען ער רעדט מיט דבורה'ן?... אהי...

איין מאָל, נאָכ'ן אָנבייסען, איז אַ שנעע, ווען דאָס פענסטער איז געווען פערפרוירען, האָט ער אַריינגעקוקט דורכ'ן שליסעל־לאָך, און געהערט:

— טאַטע, ס'געהט אַ שנעע...

דער רבי האָט אויפגעהויבען דעם אַלטען קאָפּ פונ'ם ספר, אַרומ־געווישט די געלבליכע באָרד מיט דער רויטער פאַטשיילע און דאָס קול האָט זיך איהם געבראָכען:

— געה, טאָכטער, צו זלמן מאַטעל'ס, און בעט איהם, ער זאָל מיר אָבשיקען שכר לימוד פאַר אַן אַכטעל זמן... אַ גלעזעל וואָלט מען באַדאַרפט... ס'דושעט מיך... עכהע, עכהע. ע־כ־ה־ע־ע־ע... נאַ... דעם שאַל...

ער האָט אַראָפּגענומען דעם פליט פונ'ם האַלז, און עס דער־לאַנגט דבורה'ן

דבורה האָט געשוויגען, און גענאַנגען מאַהנען, כאָטש חיים'ל האָט געוואוסט ביי זיך, אַז זלמן וועט איצט אויך נישט אָבגעבען... תמיד שיקט מען איהם מאַהנען... אַהי...

חיים'ל האָט זיך באַהאַלטען הינטער דער לייטער, און דבורה איז אַרויסגעגאַנגען.

דאָס לעמפּעל ברענט אַהן אַ גלעזעל... דער ווינט ציהט דעם קנויט אַהין און אַהער... ס'רויכערט... ס'דושעט... שאַ... דאַכט זיך ביי זיי אויפ'ן בוידעם איז דאָ אַן אַלט לעמפּעל... יאָ, ווער ווייסט, צי ס'איז דאָ אַ גלעזעל?... ווער ווייסט...

ער האָט ווידער אַריינגעקוקט, געזעהן ווי דער רבי הויבט זיך אויף און וואַשט זיך צו ברויט. אָט וועט ער עסען... דער רבי וועט עסען... הוסט ער שוין ווייטער...

נאָר, אַז דער רבי האָט אויפגעמאַכט דאָס שאַפּקעלע, האָט חיים'ל נישט געזעהן קיין ברויט... אַ קרושקע נישט... וואָס זוכט ער אין לעדיגען פענדעל?... אויפ'ן הילצערנעם לעפעל איז דאָ אַ שטיקעל פערדאַרטע מאַמאַליגע... דער רבי מאַכט אַ ברכה...

חיים'ל האָט פּאַוואָלי אויפגעמאַכט די טיר.

— רבי...

דער רבי האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן, בעווישט מיט דער פאַטשיילע די באָרד און דאָס קול האָט זיך געבראָכען:

— נישקשה... נשקשה...

— רבי...

די טרערען האָבען חיים'לען געוואָרגען, האָט ער אַרבגעקוקט פערשעהמט צו דער ערד, און דעם רבינ'ס קול האָט זיך נאָך מעהר געבראָכען:

— וואָס טהוסטו דאָ?... האַ?... געה אַהיים, פאָלג וואָס די מאַמע הייסט...

— רבי... מ'האָט מיך אָנגעדונגען צו ר' זעליג'ען...

— געה צו רב זעליג'ען...

חיים'לען האָבען געוואָרגען די טרערען, ער איז געוואָרען רויט ווי אַן עפּעלע, און אָוועקגעדרעהט דעם קאָפּ צו דער טהיר, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דעם וואָרימעס, צוויי שטיקלעך ברויט מיט איינגעמאַכטס און אַנידערגעלעגט אויפ'ן טיש:

— איך בין נישט הונגעריג... זאָל איך קרענקען...

דער רבי האָט זיך אויף איהם געבייזערט:

— זאָל איך שטאַרבען...

— אי... שוטה, שוטה...

— ביי אונז אויפ'ן בוידעם איז דאָ אַן אַלט לעמפּעל.

— מיט אַ גלעזעל?...

— מיט אַ גלעזעל...

גאַנץ פריה איז חיים'ל אויפגעשטאַנען, ארויף אויפ'ן בוידעם, און כאָטש עס איז נאָך געווען פינסטער און ער האָט מורא גע־האָט זיך אַ ריהר צו טהאָן, האָט ער זיך געשטאַרקט, אַלע מאָל אַ קוק געטהאָן אין די פינסטערע ווינקעלעך, און געזוכט צווישען די שמאַטעס. נישטאָ... וואָס וועט ער זאָגען דעם רבי'ן?... אַז ער האָט אומעדום אויסגעזוכט, האָט ער דערזעהן עפּעס לעבען דאַך־פענסטער, ער איז צוגעגאַנגען דאָרטען. דאָרטען איז געלעגען אַן איבערגעקעהרטער קויבער; האָט ער איהם אָוועקגעשאָרט און אַ

זייט און דערזעהן—דאס לעמפעל—ס'איז דא... זיין הארץ האט איין גרויסען קלאפ געטהאן, און דערנאך אנגעהויבען צו האמערען גיך מיט א סך דריבע קלעפ. ער האט אנגעהויבען בעטאפען דאס גלעזעל צי ס'איז גאנץ, נישט צופלאצט, ניין, ס'איז נישט צו־פלאצט... וואס וועט דער רבי זאגען... ווער ווייסט וואס דער רבי וועט זאגען...

ער האט עס ארונטערגענומען הינטער'ן קאפאטקעלע און אראב אונטען. פונ'ם שנעע האבען איהם געשפריצט פייערדיגע פינ־טעלאך אין די אויגען. ער איז געלאפען אין איין דעה, און דאס גדלות, וואס ער טראגט דעם רבי'ן א לעמפעל מיט א ג ל ע ז ע ל מיט א גאנץ גלעזעל, האט זיך איהם געשפארט אין העלזעל און ער האט זיך אונטערגעזונגען.

שלמה פרץ דער שמש האט איהם בעגעגענט:

— מ'טאר נישט זינגען גאנץ פריה, אז מען זינגט גאנץ פריה, וויינט מען דערנאך... וועמען טראגסטו דאס לעמפעל?...

חייל איז געווען אזוי פרעהליך, אז שלמה פרץ מיט'ן בלינ־דען אויג האט ביי איהם געהאט דעם זיבעטען חן.

ער האט זיך געפיהלט ווי א גרויסער, פון איהם האט מען א נויץ... אט טראגט ער דעם רבי'ן א לעמפעל, מיט א גלעזעל...

— וועמען טראגסטו דאס לעמפעל?...

— קיינעם נישט...

— זעה, ווי דו האלסט עס... וועסט עס נאך אראבלאזען... חיים'ל האט זיך געפיהלט באליידיגט.

— ע ר וועט אראבלאזען א לעמפעל? ער איז א קליין קינד?...

ס'האט איהם פערדראסען אויפ'ן שמש, האט ער דוקא נאך מעהר אויסגעבויגען דאס לעמפעל — זאל ער זעהן, אז ער ווייסט ווי צו האלטען א לעמפעל... און ווען ער האט גערעדט מיט'ן שמש פון א חנוכה־דריידעל, איז איהם דאס הארץ געווארען ווי א פויגעלע און עס האט זיך איהם געדאכט, אז אט, אט פליהט עס ארויס... דעמאלט האט ער שוין גאר פערשייט געפאכט מיט'ן

לעמפּעל. פּלוצים האָט עפּעס געטהאָן אַ קראַך — און ביז חיים'ל האָט זיך דערמאָנט וואָס ער האַלט אין דער האַנט, האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַז דער קראַך קומט פון ווייט, זעהר ווייט נאָר וואָס האָט זיך עפּעס ביי איהם אָבגעריסען אין האַרץ?...

דאָס גלעזעל איז אָראָבגעפאַלען און צובראָכען געוואָרען. דער בלינדער שלמה פּרץ האָט זיך דערלעבט אַ נקמה.

— איאַ, כ'האָב דיר געזאָגט דו זאָלסט נישט האַלטען אַזוי דאָס לעמפּעל...

— כי, כי, כי... אוי, וועט דיך די מאַמע איצט שלאָגען... כי, כי, כי... אַז מ'זינגט גאַנץ פריה, וויינט מען דערנאָך...

חיים'ל איז נאָך געשטאַנען דערנאָך לאַנג אויף דעמזעלבען אָרט. אַז ער האָט זיך דערמאָנט האָט ער געהאַלטען דאָס לעמ־פּעל פעסט איינגעקלאַמערט אין די פערבלויטע פינגערלעך און ער האָט דערפיהלט צוויי פערפרוירענע טרעהרען אויף די באַקען.

— אַז מ'זינגט גאַנץ פריה, וויינט מען דערנאָך. גע'הרג'ט זאָל ווערען שלמה־פּרץ... מ'טאָר נישט שעלטען... שאַ... וואָס וועט דער רבי זאָגען?... ווער ווייסט וואָס דער רבי וועט זאָגען...

אַהי...

וואַרימע טרעהרען האָבען גערונען איינע נאָך די אַנדערע, איינע נאָך די אַנדערע ווי באַרבאַלים איבער זיינע אָנגעפרוירענע בעקלאָך ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטהאָן אויף די צובראָכענע שטיקלעך גלאָז, און זיך געלאָזט געהן.

אויפ'ן וועג האָט ער דערפיהלט, אַז יעדער שפּאַן איז איבע־ריג... מ'דאַרף עס שוין נישט, דאָס וואָס ער געהט... אַ לעמפּיל אָהן אַ גלעזעל... אַזאַ האָט דער רבי... דאַרף ער נישט זיינס — ער האָט אויסגעזוכט די טיעפסטע ערטער אין שנעע, און אריינ־געשטופּט די פיסלעך — זאָל ער איינגעזונקען ווערען אויפ'ן וועג... זאָלען זיך די שטיוועלעך צורייסען... נעט ער געהן באָרוויס... וואָס דאַרף ער שטיוועלעך?...

ער האָט געקלאַפּט די שטיוועלעך אַז די שפּיציגע שטיינער וואו ער האָט זיי נאָר בעגעגענט אויפ'ן וועג.

דער לעוויצקי'ס הונט איז אַנטקעגען געקומען און געבילט אויף איהם, ער איז נישט אַנטלאָפען ווי תמיד — הלואי טהוט ער איהם אַ ביס... הלואי, הלואי, גאָטעניו... וואָס וועט זאָגען דער רבי?... ווער ווייסט וואָס דער רבי וועט זאָגען...

און אַז לעבען מילנער האָבען די גענז נאָך איהם אויסגע־שטרעקט די העלזער, האָט ער געטראַכט, הלואי שלינגען זיי איהם איין, גאָטעניו...

אין פאָרהייזעל לעבען דער לייטער איז ער געבליבען שטעהן, און אָראָבגעקוקט אויפ'ן פערשוואַרצטען קנויט — ווי אַזוי האָט ער עס עפּעס אַראָבגעלאָזט, ווי אַזוי?... גלאַט דעפּאַכט דערמיט, אַהין און אַהער... אָבדאָרען זאָלען די הענט וואָס האָבען געפּאַכט מיט'ן גלעזעל... הלואי דאָרען זיי אָב. הלוא, הלואי, גאָטעניו... מיט אַ גלעזעל טאָר מען נישט פּאָכען... נײן, נײן... ס'וועט איהם דושען... גאָטעניו באַוויז אַ נס... נאָך דאָס איינע מאָל... כ'וועל שוין מעהר נישט...

דער רבי האָט איופגעמאַכט די טהיר, און געבליבען שטעהן לעבען איהם, איז ער געוואָרען רויט ווי אַ עפּעלע:

— רבי, כ'האָב... דאָס לעמפּעל...

-- אַהן אַ גלעזעל?...

— אַהן אַ גלעזעל...

## צום לעבען

פליינערהייט שויז, האט חאנציאלע געוואוסט, אז מען טאר נישט וויינען נאך קיין ברוים. אלע קינדערלעך האבען געוואוסט, נאר שמואליק'ל האט יא אמאל א וויין געטאן, א שטי־לען וויין, ווייל שמוליק איז אויך געווען א גוט און פרום קינד, פונקט ווי אלע קינדערלעך.

מען האט נישט געוואוסט איז וועמען די קינדערלעך זיי־נען געראטען, צי אין פאטער, צי אין דער מוטער.ביידע זיינען געווען אזוינע גוטע מענשען, מלאכים.

משה לייב בארנער האט געוואוינט אין א קליין שטיבעלע הינטער'ן בארג, לעבען פאטיק. דאס שטיבעלע האט געהאט א קליין פענסטער'ל, איז עס ארויסגעגאנגען פון יענער זייט פא־טיק, וואו ס'איז געווען „ווישנעוויצקי'ס" גארטען — אזוי האט מען גערופען דעם בית־עולם. זומערצייט האט זיך ארויסגעזעהן פון צווישען די בוימער א גוי'איש אפגעקאלכט שטיבעל, פאר־רויכערט שווארץ פונ'ם רויך. עס זיינען געווען דארטען נאך שטיבלאך. די „זאפאטימשע" האבען עס די גוים גערופען.

אויף דער „זאפאטימשע" האבען געוואוינט לויטער גוים, דוקא מיט גרויסע גערטנער און סעדער מיט גוטע אויבסטען, נאר קיינער האט עפעס נישט געוואוסט פאר וואס אידען געהען נישט שבת אהין שפאציערען, אפילו די אינגלאך „מאקאבונטען" הא־בען נישט געוואלט געהן אהין אויבסט רייסען דערפאר, ווייל דארטען איז געווען „ווישנעוויצקי'ס גארטען", אז מען איז אמאל אהין יא פארבלאנדזשעט געווארען, האט מען זיך דערפיהלט עפעס ווי אין קלעם, ס'איז עפעס בעפאלען

א בענקעניש אהיים, צו דער מאמע׳ז, און מען האט אנגעהויבען צו לויפען אהיים. א ה י י ם.

משה לייב באדנער׳ס פענסטער׳ל איז ארויסגעגאנגען אויף דער זאפאטיטשע, און די קינדערלעך האבען תמיד גע־קוקט אויף די טונקעלע ביימער און געטראכט: ווער ווייסט, אפשר איז עס דער בית־עולם, אפשר איז עס דער בית־עולם...

משה־ליב באדנער האט שוין אליין נישט געדענקט, ווען ער האט חתונה געהאט. ס׳האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז נאך איידער ער איז געבוירען געווארען האט ער געהאט א פולע שטוב קינדערלאך און די קינדערלאך האבען שטיל געוויינט נאך ברויט, אזוי שטיל ווי ער האט א שטייגער געמאהנט א זעקסער׳ל פאר א פעסעל פארריכטען, אזוי שטיל, ווי ז י, פריידע האט איהם געמאהנט אויף אנבייסען די קינדער א קאפ גריץ אפצוקאכען.

קיין הויך ווארט האט מען נישט געהערט פון זייביידע. ווי די טויבען האבען זיי זיך געלעבט. שטילערהייט זיינען זיי הונ־געריג געווען. איטליכער, אפילו די אייגענע משפחה, האט אויף זיי רחמנות געהאט און זיי ליעב געהאט, דערפאר ווייל זיי דא־קוטשען קיינעם נישט מיט זייער ארעמקייט, דערפאר ווייל זיי מאהנען נישט, לייהען נישט ביי קיינעם, ווייל זיי שטארבען שטי־לערהייט פון הונגער. אפילו מישקע־לאה די מארקזיצעריז, וואס האט געוואוינט מיט זיי א טיר לעבען א טיר, און האט זיך מיט איטליכען געקריגט, און געשאלטען די קונים אין מארק, אפילו מישקע־לאה האט אויף זיי רחמנות געהאט.

תמיד האט ער געארבייט, משה ליב באדנער; אזוי ווי אז אקס אין פלוג איז ער געווען איינגעשפאנט. תמיד איז ער גע־שטאנען איינגעבויגען איבער א פעסעל און געקלאפט עפעס אויך מיט שטילע קלעפ — האט זיך אויסגעדאכט — שטילע עהרליכע קלעפ, קלעפ וואס נעהמען ביי קיינעם גארנישט... ס׳האט זיך אויסגעדאכט, אז ער מיט׳ן פעסעל, מיט די רייפען, זיינען איינס.

און זי, פריידע, איז פונקט אזוי געשטאנען ביים פריפעטשיק, און תמיד געבלאזען דאס נאסע שטיקעל האלץ, און קיינמאל האט

עס נישט געוואלט ברענען, און געריוכערט, פאררויכערט דאס שטיבעל און דעם פריפעטשיק, פאררויכערט דאס אָרימע לעבען איהר'ס, און תמיד האט זי געהאט פולע אויגען מיט טרערען פונ'ם רויך. קיין הילף פון די קינדער האט זי נישט געהאט. אהרן, דער עלטסטער, איז געווען ביי פנחס קעלמאן א משרת און צפרה איז געווען אין דער פרעמד, און פון די קליינע פיער איז חאנציאלע געווען די עלטסטע, צעהן יאהר איז זי ערשט אלט געווען.

אזוי האט זיך עפעס געמאכט, אז פריידע, די מוטער איז שטילערהייט געשטארבען, קיינער האט נישט געוואוסט ווי אזוי, נאר ס'איז עפעס נישט געווען קיינעם קיין חידוש. און א געדאנק האט זיך אפגעשטעלט — אז ס'האט געדארפט אזוי זיין, וואס־דען — אז אנטקעגען איז ווישנעוויצקי'ס גארטען, דער בית־עולם, אנקעגען פענסטער'ל איז דער בארג, וואס פיהרט אראפ צו זייער שטיבעל, איז שוין פארוואקסען מיט קראפעווע און מיט „פאלין", אודאי האט זי געדארפט שטארבען, וואס־דען, ס'איז נאר א חידוש, וואס זי איז פריהער נישט געשטארבען.

און דאס זעלבע איז געווען, אז שמואליק'ל האט זיך אנידער־געלעגט אויף שקארלאטינע און איז נישט אויפגעשטאנען. משה ליב באדנער איז געווארען נאך שטילער, נאך עהרליכער, און די קינדער האבען נאך שטילער געוויינט נאך א שטיקעלע ברויט.

די קינדערלאך האבען זיך נישט געהאט מיט וועמען צו שפיעלען, נישט ווינטער און נישט זומער. ביי מישקה־לאה'ן איז נישט געווען קיין קינדער, און ארויף בארג זיינען זיי קיינמאל נישט געגאנגען, ווייל די העמדלאך אויף זיי זיינען שוין געווען צו קורץ.

חאנציאלע איז וואס א יאהר בלייכער און שעהנער געווא־רען. זי האט געקוקט אביסעלע קאסאקי, נאר דאס האט איהר נאך שעהנער געפאסט. זי האט געהאט עפעס אזא בלייך, בע'־צער'ט פנים, אזא'ן עהרליך שעהן פנים, אז אויסגעליטען שעהן פנים פונ'ם שטילען וויינען נאך א שטיקעלע ברויט...

חאנציאלע איז געווארען די מאמע פון די דריי קליינע קינ־

דער, און חאנציאלע האט שוין שטילערהייט געמאהנט ביים מא־טע'ן א זעקסער'ל אויף א קאפ אנבייסען אפצוקאכען די קינדער א קאפעלע גריץ. חאנציאלע איז שוין געשטאנען ביים פריפעטשיק און אונטערגעבלאזען דאס נאסע שטיקעל האלץ, און דאס נאסע שטיקעל האלץ האט א י ה ר שוין ארייגערויכערט אין די אויגען אריין.

זיינען איהר אויגען דערפון אלע מאל טונקעלער און טונקע־לער, און שעהנער געווארען, און דער קאסאקי קוק האט זיך נאך מעהר צוזאמענגעצויגען און ער איז געווען עפעס אזוי סאמעטען־זים און טרויריג.

אזוי סאמעטען־זים און טרויריג איז ער געווען, ווייל ער האט תמיד אריינגעקוקט צווישען די טונקעלע בוימער פון דער זא־פאטיטשע, צו ווישניוועצקי'ס גארטען, צום בית־עולם.

זי האט געצוואגען די קינדער און אבגעווישט די נעזלאך, ווי די מאמע. גאר גלייך מיט די קינדערלאך פלעגט זי זיך שרע־קען פאר'ן ווינטער, ווען דאס פענסטער'ל ווערט פארפרוירען און ס'ווערען בוימער אויף די שויבען און מען זעהט גארנישט, נאר ס'דאכט זיך, אז מען הערט אלע מאל א מבול זיך דורכטראגען.

אז עס פלעגט זיך אמאל א קינד פון א קרוב פארבלאנדזשען, וואס האט געוואוינט אויפ'ן בארג, איז שטארט, איז עס עפעס געווען ווי פון יענער וועלט. חאנציאלע פלעגט קוקען אויף אזא קינד, ווי מען קוקט אויף א מלאך, וואס איז אראפגעפלויגען פונ'ם הימעל.

זומער פלעגען די קינדער ארויסגעהן פאר דער שטוב; זעלטען פלעגט זיך א קינד אראפווארפען ביז צום פאטיק. און ביים פא־טיק איז ערשט געווען אזוי טרויריג, עפעס דאס פאטיק'ל האט אויך געוויינט פון הונגער און ס'איז געלאפען אראב צו דער מאמען.

חאנצי האט געוואוסט, אז ס'איז דא א פעטער אין אמעריקא, און אמעריקא איז א גאלדען לאנד, און אז דער פעטער איז א גאלדענער פעטער, איז זי געוואהר געווארען, ווען

ער האט געשיקט אהרן'ען מיט צפרה'ן צוויי שיפסקארטען. אבער זי האט נישט געטראכט וועגן פאהרען צום גאלדענעם פעטער, דערפאר ווייל זי איז געווען צו גוט, צו עהרליך, און זי האט גאר־נישט געוואלט, וואס מען האט איהר אליין נישט געגעבען.

ווען אהרן מיט צפרה'ן זיינען אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא, האט זיך א וויג געטאן די מרה שחורה, וואס איז געלעגען אין יע־דען קינד'ס הערצעל נאך פאר'ן געבוירען, די מרה שחורה פונ'ם שטיבעל, פון מישקה־לאה'ס שטיבעל האט זיך א וויג געטאן, און ווידער זיך געלעגט אזוי שווער און מוטנע און געריסען די יונגע לעבענס אהין אוועק אויף דער זאפאטיטשע, אויף ווישני־וועצקים גארטען, אויפ'ן בית־עולם... אזוי יאהר איין, יאהר אויס.

נאך איינמאל איז אנגעקומען פון אמעריקא שיפסקארטען פאר זיי אלע, שיפסקארטען מיט געלד אויף הוצאות, וואס אהרן צפרה'ן האבען גענומען ביים פעטער און געשיקט פון אמעריקא ארויסצונעהמען דעם טאטען מיט די קינדער.

שפעטער מיט פיער וואכען האבען די קינדער געהאט גאנצע שיכלער און נייע קליידלאך און אנצוגלאך. משה ליב האט זיך אנגעטון א ניי זשעקעטל, מיט א נייעם הויכען קאפעליוש, אין שטוב אין שוין געלעגען פארפאקט דאס געפעק מיט די לייכטער און מיט'ן בעטגעוואנד און אין די רענצלאך זיינען געלעגען לי־מענעס מיט קנאבעל צו מינטערען זיך אויף דער שיף...

און דיענסטאג אין דער פריה, דעם ערשטען טאג נאך שבועות, ווען די זון האט געשיינט, איז חאנציאלע געגאנגען מיט די קינ־דערלאך ביי דער האנט, צום לעצטען מאל, ארויף דעם בארג מיט קראפיווע און פאלין. פון הינטען איז נאכגעגאנגען משה ליב באדנער.

אז זי איז ארויפגעקומען אויפ'ן שפיץ בארג האט זי זיך אומ־געקעהרט און צום לעצטען מאל א קוק געטהאן אויפ'ן בית־עולם, די ווייסע מצבות האבען זיך געוויסט אין דער זון און געווארפען א מרה שחורה אויפ'ן שעהנעם טאג. נאר וואס העכער זיי זיינען געגאנגען דעם בארג ארויף אלץ אן אנדערער, שעהנערער טאג איז

עס געווארען. די קינדערלאך זיינען נאכגעגאנגען ווי די קליינע שעפעלאך אין דער סטאדע געהען צום ערשטען מאל אין א גרינ פעלד אריין, וואס זיי האבען נאך קיינמאל נישט געזעהן. אזוי איז חאנציאלע מיט די קינדערלאך געגאנגען צום גאלדענעם פעטער, אין גאלדענעם לאנד, קיין אמעריקא...

# דער שלייער

מען האט אריינגעבראכט דעם שלייער מיט די מירטען צו זיי אין שטוב אריין. מאניע האט אונטערגעטראגען א שיסעל מיט וואסער און אריינגעלעגט דארט די מירטען.

ביילע צירעל'ס האט היינט חתונה; אז זי איז א כלה געווא־רען צוריק מיט א פיער וואכען, האט עס ביי דער משפחה אויסגע־וויזען ווי א נס. ביילע איז געווען אן עלטערע מיידעל, און קיינער האט זיך נישט גערעכנט, אז זי זאל חתונה האבען.

— אמת, ער איז אן עלטערער מענש, דערפאר האט ער אבער א קרעמעל פון אלעם גוטען — אזוי האט זלאטע, מאניא'ס מאמע, דערצעהלט.

מאניא האט זיך נישט איבעריג דערפרעהט, ווייל זי האט געוואוסט, אז אויף דער חתונה וועט זי נישט געהן, כאטש זיי זיינען קרובים. פון זינט זייער פאטער יצחק איז פערפאלען גע־ווארען און זלאטע איז געבליבען אן עגונה, האט זי נישט גע־לאזט די קינדער קיין קאפ אויפהויבען. קיינמאל זיינען זיי צו קיין חתונה נישט געגאנגען, קיינמאל נישט געהערט קיין כלי־זמר שפיעלען, נאר פון דערווייטענס. און מאניא האט ליעב גע־האט כלי־זמר. נישט איינמאל פלעגט זי אראפ בייגאכט, עפע־נען דעם פענסטער, און צוהערען זיך, ווי זיי געהען איבער דער שטאדט און שפיעלען, און דערווייטערען זיך אלץ מעהר, און שפיעלען אריין עפעס א טרויריג שטיק אין די פענסטער אריין, אז מענשען זאלען שוין נישט קענען שלאפען די אנדערע האלבע נאכט, און עפעס א קלעמעניש ביים הארצען זאל אנכאפען, אז מען זאל נישט וויסען, וואס מען וויל.

מאניא האט געהאט א חן'עוודיג פיסקעל און תמיד האט אין איהר דאס הארץ געפלאטערט. פאר וואס האט עס געפלא־טערט? — אמאל א קלינגען פון די סערפעס אין א זומער פאר־נאכט — א שעהנער שייגעץ אויף א וואגען היי — א ליעד פון א פלאגער ביינאכט הינטער א פענסטער. תמיד האט זי גע־וואלט געהן אויף א חתונה, און תמיד האט די מאמע ניט גע־לאזט. און וואוהין האט זי יא געלאזט? — אפליו נישט אין א צירקוס, אז עס איז אראפגעקומען. אין שטוב האט זי געמוזט זיצען און העלפען דער מאמע'ן נעהען פרעמד גרעט.

האט זי טאקע נישט געוואוסט, ווי אזוי מען פיהרט זיך צווישען מענשען, און שבת, אויפ'ן פארשפיעל, האט זי געוואלט אליין נעהמען נאך א שטיקעל פלאדען; גוט, וואס די מאמע האט איהר א טרעט געטהאן אויפ'ן פוס.

זונטאג אין דער פריה איז צירעל אליין אריינגעקומען און זיך צוואויינט פאר זלאטע'ן, אז זי זאל כאטש לאזען געהן מא־ניא'ן אויף דער חתונה, ס'האט נישט ווער צו זיין דאס קראנ־צען־פריילין — האט זיך זלאטע מאדנע פערטראכט און גע־זאגט: „כ'וויים" — דעם „כ'וויים" האבען די קלענערע קינדער דערהערט און אנגעהויבען זיך צו בעטען. פעסי, די שכנה און לאה'צי, איהר מיידעל, האבען זיך אויך אנגעהויבען צו בעטען: צירעל האט זיך געווישט די אויגען. נאר מאניא האט געשוויגען; זי איז געווען די עלטסטע און האט שוין פארשטאנען, כאטש אין איהר האט איצט געפלאטערט דאס הארץ, אזש דאס פנים איז בלייך געווארען. זלאטע האט א קוק געטהאן אויף מאניא'ן און געזאגט:

— פרעס דיר אויס דאס קלארענע קליידעל, קראנצען־פריילין...

האט מען אריינגעבראכט צו זיי דעם שלייער מיט די מירטען און אין שטוב איז געווארען אן איבערקעהרעניש: לאה'צי איז צו און ארומגעכאפט מאניא'ן, און דערצעהלט, אז דער נייער פלייטיסט וועט שפיעלען אויף דער חתונה. ווער איז דער נייער

פליטיסט? — א סטודענט, שטודירט אין וויען און שפיעלט פליוט; האט זיך צוקריגט מיט'ן פאטער, איז ער אוועק אין א פרעמדער שטאדט איז געווארען א כלי־זמר, דער פאטער אויף צו־להכעים. אי, שפיעלט ער...

מאניא האט זיך אנגעבויגען צו דער שיסעל און א שמעק געטהאן צו די מירטען. די קליינע גרינע צווייגעלאך האבען זיך אויפגעפרישט אין דער שיסעל, זיך אנגעטרונקען מיט וואסער און צולאזען איבער דער שטוב א גערוך, וואס האט געשמעקט מיט א כלה, א ווייסען שלייער, איינגעמאכטס און א חופה.

רויזע די פריזירערין איז אריינגעקומען מאכען דעם קראנץ. האט זי גענומען שארע פאדים און געפלאכטען די צווייגעלאך, ארומגעמאסטען ארום מאניא'ס קאפ און נאך צוגעפלאכטען ביי'ם שטערן, עס זאל אויסקומען ווי א קרוין; דערנאך האט זי ארויס־גענומען דעם ווייסען שלייער פון א שאכטעל און איהם געטאן א צעווארף איבער דער שטוב, איז געווארען די שטוב פול מיט שלייער און מאניא'ן האט דאס הארץ א פלאטער געטאן — אזוי פיעל שלייער...

איז זי געבליבען שטעהן מיט דרך־ארץ ביז אין די שפיץ־פינ־גער פאר דער ווייסקייט און דינקייט פון דעם שלייער, און אפגע־רוקט די שכנים, וואס זיינען אריינגעקומען, אין די ווינקעלאך פון דער שטוב, און געציטערט, וואס רויזע האט צעווארפען דעם שלייער איבער גאנצער שטוב, געציטערט, טאמער וועט ער זיך אויסשמירען.

— רויזע, דער שלייער וועט זיך אויסשמירען... אונטער־שפרייטען עפעס...

— וואס אונטערשפרייטען?...

— מיין קלארען קליידעל...

— משוג'ענע!...

שפעטער איז געלעגען דער שלייער צעווארפען מיט'ן גרינעם קראנץ און די טראפענס האבען אראפגעטריפט אויפ'ן ווייסען קראנץ.

און מאניא׳ן האט דאס הארץ געפלאטערט, וואס א שלייער איז אזוי, אז ער קען איבערדעקן א גאנצע שטוב, און איז אזוי עפעס... א—ה—ה—ה—ה...

א—ה—ה—ה—ח..·

און אז זי האט געדארפט איבערטראגן דעם שלייער צו דער כלה אין שטוב אריין, האט זי איהם געטראגן ווי מען טראגט א הויך, וואס קען זיך יעדע מינוט צושפרייטען, צוציהען און גארנישט ווערען. און אז זי האט דער כלה דעם קראנץ אנגע־טהאן, האט זי אונטערגעשטעלט איהר קאפ, אז די טראפענס פון די מירטען זאל אויף איהר אראפרינען.

אפגעשפיעלט האט מען אין שטוב ביי דער כלה. מאניא איז געשטאנען אנגעטהאן אין קלארענעם קליידעל ביי א לאמפ, וואס האט איהר פערפלאמט דאס פנים, און נישט געקוקט אויף׳ן נייעם פליטיסט, נאר געהאלטען דעם קאפ אזוי, אז זי האט גע־זעהען, ווי ער קוקט אויף איהר.

קיינעם האט זי נישט געהערט, נאר זיין פליים. האט זי זיך פלוצלינג אנגעהויבען שעהמען פאר דער פליים, זי האט זיך גע־שעהמט, וואס צירעל, איהר קרובה, געהט תמיד אום לייהען א גמילות־חסד צו דערלעגען צום קליימעל, און וואס זי האט נישט א צאהן אין מויל, און וואס לייזער, איהר מאן, האט צו טאן מיט׳ן קארלסבאדער וואסער, און יאסי, איהר אינגעל, געהט מיט א פערבונדענעם האלז.

און זי האט זיך געשעהמט, וואס אלע האבען געוויינט, און עס האט ביי איהר אויסגעוויזען, ווי די זון טהוט א שיין אויף א פערפראָרענעם דאך, און עס הויבט פון איהם אן צו קאפען...

און עס האט זיך איהר אויסגעוויזען אז לייזער׳ס לאנג פנים איז געווארען ווי ראש השנה צו תשליך, דעם ראש השנה, ווען זי האט איהם געזעהען אויסטרייסלען די עבירות אין זברוטש אריין, און אראפגעווארפען אן עול פונ׳ם קאפ, וואס ער איז קווים מיט גאט...

האט זי א קוק געטאן אויף די כלי־זמר, וואס האבען שוין

נישט אין אידישע כלה בעגראבענ, און עס האט זיך איהר אויס־געדאכט, אז זיי שמייכלען אונטער די װאנצעס, און זי האט דער־פיהלט, אז עס איז טאקי אמת װאס מען זאגט, אז דער טראמייט טרובעט: „דיר װעט אויך אזוי זיין, דיר װעט אויך אזוי זיין...
דאס פידעלע װיינט: „אי, װעסטו פערשװארצט װערען!" און דער באס בייזערט זיך: „דוקא אזוי, דוקא אזוי"...

דאס חתן־מאל איז געװען אין פעראיין, און מע איז צוגע־פאהרען אהין מיט'ן פיאקער. מאניא איז געזעסען לעבען דער כלה, און אלע מאל צורעכט געמאכט דעם קראנץ, צונומען איבער די אקסלען, איבער'ן פנים, אויסגעשפרייט איבער די פיס, צו־נויפגענומען ביי די קניה און אלע מאל אפגעװישט א טראפען, װאס האט אראפגעקאפעט פון די מירטען דער כלה אויפ'ן שטערן. זי האט געפיהלט אויף זיך א לאסט גרויס װי די װעלט, זי האט גארנישט געװאוסט, װאס הייסט א קראנצען־פריילין: אפהי־טען דער כלה'ס קראנץ, דער כלה'ס שלייער דארף זי אפהיטען.

און דארטען, אינעװייניג, האט זי װידער גארנישט געהערט, נאר זיין פלייט; געקוקט האט זי אויף איהם נישט, נאר געפיהלט, װי ער קוקט אויף איהר.

אז זי האט געטאנצט לאנסיער, האט זי זיך געבויגען מיט איידעלקייט אין טאנץ פאר איהם, װאס האט געשפיעלט אויף דער פלייט.

איהר איז אויסגעקומען אלע מאל צוצוגעהן צו די כלי־זמר— א קראנצען־פריילין דארף אכטונג געבען, אז אלע זאלען טאנ־צען, האט זי נישט־װילענדיג א קוק געטאן אויף א י ה ם. האט זי געזעהן קאטשאנען־האאר, מיט שװארצע אויגען, און די אונ־טערשטע ליפ א דיקע — און דערפיהלט, װי ער האט זיך אנגע־בויגען צו'ן איהר נאהענט, צו־נאהענט:

— פריילין... זי טאנצען װאונדער שעהן...

און א סך װערטער האט ער דערנאך גערעדט איהר אין אויער אריין, און די װערטער זיינע געװען אזוי היים אין איהרע אויע־רען, ער האט געזאגט אויף עפיס:

— עס איזט יא ליעבער אונזין.

און זיך צולאכט מיט א שטילען כריפ, גלייך פונ'ם הארץ, און איהר איז געווען דאס געלעכטער הייס אין די אויערען, זיי־נען איהר די אויערען רויט געווארען מיט טונקעל בלוט.

„עס איזט יא, ליע—בער אונזין... — ליע—בער..."

לאה'צי איז צוגעגאנגען צו'ן איהר און אוועקגערופען: „כ'דארף דיר עפעס זאגען א סוד" — זי האט אנגעבויגען נעהענטער איהר קאפ — „ער, דער פלייטיסט... געפרעגט אויף דיר, ווער איז דאס מיידעלע? אי, איז דאס א פיין מיידעלע..."

מאניא האט א קוק געטאן אויף לאה'צי'ס פנים מיט די שוואר־צע צייהן, און געטראכט, אז שווארצע צייהן זיינען נאך אלעמען חז'עוודיג...

זי איז צוגעגאנגען צו דער כלה, ארונטערגעלעגט איהר אייגען הייס פנים הינטער'ן שלייער, און צורעכט־געמאכט די מירטען אויף דער כלה'ס קאפ.

פלוצים איז די מאמע צוגעקומען אין וואכענדיגען אנטהו־עכץ און געזאגט, אז עס איז שוין דריי דער זייגער, זי זאל אהיים־גהען, די קינדער האט מען שוין איבערגעטראגען שלאפענדיגער־הייט.

איז זי געבליבען שטעהן ווי אין א טומאן, נישט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהר, און די מוזיק, וואס האט גע־שפיעלט, איז איהר אויסגעקומען פרעמד, און ווייט. פלוצים איז בעשאפען געווארען א גראהער שאפענער פעלץ, א מאנסביל־שער, און מאניא האט אריינגעטאן די הענט אין איהם, געלאזט דער מאמע'ן פערהילען דעם האלז, און עס האט זיך איהר אויס־געוויזען, אז דאס ערגסטע איז, וואס די מאמע פערהילט איהר דעם האלז.

# קארטען

שייקעלע איז אריינגעקומען אין דיינינג רום און צוגע־זעצט זיך צום טיש. חברה האבען שוין געוואלט אנהויבען שפיעלען. מיסטער שניידער האט זיך דערפרעהט:

— אט איז ער דא, דער בעל־הבית.

אלע זיינען געווען פרעהליך און פריינדליך איינער צ.ם אנ־דערען, דערפאר ווייל היינט איז שבת, און מארגען איז דא א גאנצער טאג זונטאג זיך אויסצורוהען. יעדער האט געקוקט אויף די קארטען מיט פרעהליכע אויגען, ווייל יעדער האט געהאפט צו געווינען. ביים ערשטען פערלוירענעם קאן, האט מען זיך געוויצעלט, ביים צווייטען האט מען זיך געוויצעלט, און ביים דריטען האט מען זיך נאך אויך געוויצעלט.

מיני איז געשטאנען לעבען שייקע'ן און איהם אריינגעקוקט אין די קארטען. מיני, א גאלד איז זי... הייסט אינמיסטען קומען די חברה אהער, אז ער זאל נישט אוועקגעהן שפיעלען אין דער פרעמד. די מאמע האט זיך אנגעטשעפעט — ער שפיעלט אין קארטען, דארף מען איהם חתונה מאכען, ס'וועט העלפען, ס'וועט העלפען. ווען נישט פינע'לע, דער שלאק זאל איהם טרעפען, וואלט נאר נישט געווען — א שטיל אינגעל, ווי קומט צו'ן איהם קארטען — אויסגעמארכעוועט איז ער געווארען, יעדעם גלידעל פון די פינגער זעהט זיך ארויס.

שייקע האט א קוק געטהאן אויף זיינע פינגער און געטראכט, אז די מאמע האט רעכט, די גלידלעך זעהען זיך ארויס.

מעהר שפיעלט ער נישט.

אלע מאל האט ער בגנבה א גלעט געטהאן מיני'ס האנד —

יאָ, ווען זי איז נישט אַזאַ שטילע, וואָלט איהם בעסער געווען. ס'האָט איהם געוואָרעמט דער גלאַנץ פון די בלאָנדע האָר, איהר אײדעלער הויט. עס האָט איהם הנאה געטאָן, וואָס ער האָט חתונה געהאַט.

זי האָט איהם געגעבען עצות, ער האָט געפאָלגט און פאַרשפּיעלט. ער האָט געקראָגען לויטער קלײנע קאָרטען, און אפילו אײנמאָל נישט געקענט עפענען דעם שפּיעל. אײנמאָל האָט ער געקראָגען די שפּאָגע קעניגין, האָט ער זיך דערמאָנט אַן אַמאָל, דעמאָלט, ווען ער פלעגט איבערליגען אין די שפּיעלהײזער — דעמאָלט האָט זי איהם געבראַכט גליק — ער האָט זי צוגעצויגען צו'ן אַ „סטרײט פלאַש“ — און געלט געשיט, און דער שוואַרצער בען האָט געדעקט, אַלץ געדעקט — אויך געהאַט אַ סטרײט פלאַש, נאָר אַ קלענערען. אַ ס ט ר י י ט פ ל אַ ש. און דערנאָך, אַז ער פלעגט זי דערזעהן בײ זיך, האָט ער שוין געוואוסט, אַז נאָך איהר וועלען זיך ציהען די קעניגע, די טײז און וועלען זיך אויסלעגען אַזוי, אַז איהם זאָל גליקען. זי פלעגט איהם ברענגען אין איהרע קעניגליכע מלבושים געלט, געלט, געלט, ניין, נאָך בעסערס ווי געלט, טײז, גליק, געווין; ווייל פיער טײז בײ אַ שפּיעלער אין די הענט, זײנען בעסער ווי געלט.

ער האָט זיך דערמאָנט אַן פערשיעדענע מעשיות, וועגען דעם, אַז מען האָט גליק אין ליעבע, האָט מען נישט קײן גליק אין קאָרטען.

— ניין, מיר געהט הײנט נישט, הײנט איז אײער טאָג, מיסטער שנײדער.

ער האָט געקוקט אויפ'ן רויטען קאָרטען־קעניג, וואָס ער האָט מיט אַנדערע קאָרטען ארויסגעוואָרפען אויפ'ן טיש — צוויי הערצער, און צוויי קעפּ געוויקעלט. געוויקעלט ווי אַ קינפּעט־קינד מיט צוויי הערצער און צוויי קעפּ אין קעניגליכע מלבושים, פון גיטער און קרוינען און בלוט. געוויקעלט, אײנגעבונדען, פערשאָלטען מיט די גיטער און קרוינען און בלוט. און ער ווינקט צו'ן איהם מיט ברונז'ע אויגען, און מיט אײנגערינגעלטע האָר,

וואָס פאַלען אויף די אַקסלען: היט אַב, היט אונז אַב... בייט נישט איבער דעם פּלאַץ, וואו מיר גנעהען, וואו מיר קומען... וואו מיר רינגלען, רינגלען, רינגלען אונזערע האָר, וואו מיר, מיר, מיר קומען געוויקעלט, איינגעפּלאַכטען, פערשאָלטען אין מלבושים פון קרוינען און לענדער און בלוט.

און די קעניגינס דרעהען זיך אין אַ קאַדריל, ווייל זיי זיינען פּיער, פּיער, פּיער. טאַנצען אַ קאַדריל געוויקעלט און געפּלאַכטען אין מלבושים פון אינגעלשע הערצער, רויט, בלוי, רויט, בלוי, רויטע הערצער, בלויע הערצער. טאַנצען קאַדריל מיט די צוויי קעפּ, און מיט די צוויי הערצער און ווינקען ברוגז:

— היט אַב, היט אונז אַב, בייט נישט איבער דעם פּלאַץ וואו מיר טאַנצען, טאַנצען, טאַנצען קאַדריל.

— שייקע, וואָס האָסטו זיך אַזוי פערטראַכט?

— גאָרנישט...

— וואָס הערט זיך, שייקע?

ער האָט אויפגעכאַפּט די קאָרטען — אַ זיבעטעל, אַ ניינטעל, אַ פינפטעל.

— מיני, רוק זיך אַוועק אַביסעל, עס איז זעהר הייס.

ליפּסקי האָט זיך צולאַכט:

— אַזוי, גוטער ברודער, דו ביזט שוין חושד דאָס אייגענע ווייב?...

דער אַלטער מיסטער שניידער האָט געהאַלטען אין איין גע־ווינען.

שייקע האָט זיך אויפגעשטעלט:

- איך שפּיעל נישט מעהר.

דער אַלטער שניידער האָט געהאַלטען אין איין געווינען, און דערביי האָט ער דערצעהלט וויציגע מעשה׳לאַך פון דער גמרא, וואָס האָבען געזאָלצען די וואונדען די, וואָס האָבען פערשפּיעלט.

ווידער האָט מען דערלאַנגט קאָרטען. מיסטער שניידער האָט אַ נעהם געטהאָן זיינע קאָרטען, זיי געהאַלטען אַ ווײלע צונויפגע־מאַכט, פּלאַך אויף דער האַנד, און זיי געגלעט, זיך אַרומגעקוקט

און געזוכט עפּעס אַ וויצעל צו זאָגען, דערנאָך האָט ער די פּער־מאַכטע קאַרטען פּאַוואָלי צונויפגעלעגט איינע אויף דער אַנדע־רער, געקלאַפּט אין די עקען, אַז זיי זאָלען אַריין גלייך איינע אין דער אַנדערער, אָבער יעדער האָט געקענט זעהן, אַז ער האָט אויפגעהאַלטען אינמיטען דאָס גוטסקייט וואָס ער האָט ערוואַר־טעט פון די קאַרטען — דערנאָך האָט ער זיי אויפגעהויבען הויך און אַ זייט, וואו ער איז געווען זיכער, אַז מ'וועט נישט אַריינקוקען, און פּאַוואָליטשקע אַרויסגערוקט די שפּיצלעך פון די קאַר־טען. ווי באַלד ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף די שפּיצלעך, האָט ער אַ וואָרף געטהאָן צעהן סענט, און אַ זאָג געטהאָן לאַנגזאַם:

— איך עפען די גיים.

אַלע האָבען געפּעסט, און ער מיט ליפּסקי'ן זיינען געבליבען.

— וועל?

— וואָס האָט איהר?

— דריי דזשעקס.

— טויג נישט היינט... כי, כי... דריי קווינס...

אַלע האָבען זיך גע'חידוש'ט, און ביי שניידער'ן זיינען אויש די אויגען איבערגעגאַנגען פון געלעכטער. די מעשה'לעך פון דער גמרא האָבען זיך געשיטט. שייקע'ן איז איינגעפאַלען, אַז ער, שניי־דער, האָט אַ פּנים ווי אַן אַלטער משומד, און ער האָט דערפיהלט, אַז ער האָט איהם פיינט. שניידער האָט נישט אויפגעהערט:

— איך זאָג... היינט נ י ש ט, אפשר מאָרגען... און אפילו איהר זאָלט האָבען די פיער אייסעס, וואָלטען זיי ביי מיר נישט געטויגט... כי, כי...

ער האָט צונויפגעלעגט דאָס קופּעלע געלט, פּאַוואָליטשקע, פון אונטען די קוואָדערס, די ניקעלס עקסטער און די דיימס עקס־טער און די אויגען זיינען איהם אַלץ איבערגעגאַנגען פון גע־לעכטער.

האָט שייקע'ן פאַרדראָסען, וואָס ער לעגט צונויף דאָס קו־פּעלע געלט, און נאָך מעהר האָט איהם פאַרדראָסען, וואָס ער האָט שפּיציגע פינגער, און די פינגער ציהען זיך אויס, לעגען זיך

צונויף ארום קופקעלע, אהום און ארום, און דאס קופקעלע געלט פאסט אריין אין די פינגער ווי די מאס גענומען. ער האט גע־זאגט:

— מיסטער שניידער, פרעהט אייך נישט אזוי, באלד וועט איך מיך לעבען אייך, וועט איהר פארשפיעלען...

שניידער האט געלאכט און געענטפערט מיט א ליטווישען ענגליש: „וויט דהי גרייטעסט פלעזור"...

— נאך דעם קאן, דערנאך וועל איך מיך זעצען לעבען אייך...

שניידער'ן זיינען די אויגען איבערגעגאנגען פון געלעכטער, ער האט געקוקט אויף די געוואונענע דאלארס און געזאגט אויף ענגליש:

— איי מאן לייק יו, סוד בי „סופערסטיסאס". אין שייקע'ן האט געפלאצט די גאל, און ער האט מיט כעס איבערזעצט אויף ליטוויש: „א מענש ווי דו, זאלסטו גלויבען אין נאריסקייטען"...

ער האט זיך אויפגעהויבען און געזעצט לעבען שניידער'ן.

— איין מאל, וויל איך איהר זאלט פערשפיעלען, דערנאך געה איך צוריק אויף מיין פלאץ...

— אלרייט, וויט דהי גרייטעסט פלעזור.

שניידער האט אביסעל אפגערוקט זיין שטוהל און פאר שיי־קע'ן געמאכט פלאץ. דייוו האט אויסגעטיילט די קארטען. שניי־דער האט געווארט ביז אלע קארטען זיינען געלעגען אויפ'ן טיש, דערנאך האט ער זיי גענומען אין די הענט אריין, און, ווי תמיד צורוקט פאוואליטשקע די שפיצלעך — צוויי דזשעקס — גוט.

ער האט אוועקגעשארט די איבעריגע דריי קארטען און א ווארף געטהאן א קווארטער אויפ'ן טיש:

— „אי אפען דהי גיים".

דערנאך האט ער געהייסען דייוו'ן זיך דערלאנגען נאך דריי קארטען, געלאזט ליגען די האנט אויף די קארטען און געווארפען א קווארטער.

פריעד האט געדעקט. האט מיסטער שניידער נישט אנגעקוקט

די קאַרטען און אַרויסגעוואָרפען נאָך אַ קוואָדער, און אַז פריער האָט געדעקט דעם קוואָדער אויך, האָט ער שוין גענומען פּאַוואַ־ליטשקע די קאַרטען אין די הענט, און פּאַוואָליטשקע צורוקט די שפּיצלעך — דאָס ערשטע האָט ער דערזעהן אַ קעניג, דעם שוואַר־צען שפּאַגע־קעניג, דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגען אַז אַכטעל — אַ כאַליערע אויפ׳ן אַכטעל — נאָך איין דזשעק, וואָלט שוין געווען גוט — נאָר אַ שפּיץ — אַ צעהנטעל — טויג נישט.

— וואָס האָט איהר, מיסטער פריער?

— דריי אַכטלעך...

— ג־ו־ט...

ער האָט אויסגעצויגען דעם „גוט“, און אַלע זיינען געווען איבערראַשט — דאָס ערשטע מאָל, אַז שניידער זאָל פערשפּיעלען אַזאַ גרויסען קאָן.

— ד ר י י אַכטלעך, אויף דריי אַכטלעך נעהמט מען אַזוי פיעל געלט...

— יאַ—פּ...

שייקע׳ן האָט אַ בריה געטהאָן, און עס האָט איהם מיט דער מינוט באַנג געטהאָן אויפ׳ן גאַנצען עסק, ער האָט געטראַכט אויף זיך, אַז ער איז אַ נאַר, אַ גרויסער נאַר, וואָס ער האָט גענדאַרפט דאָס זאָגען, געטראַכט צי מען קען נאָך צוריקכאַפּען — ער וועט זיך פּשוט אויפשטעלען און זאָגען: כ׳האָב געוואָלט איהר זאָלט פערשפּיעלען איינמאָל, האָט איהר פערשפּיעלט, איצט געה איך אַוועק, ס׳וועט בלייבען אַ שפּאַס און שוין. ניין, ס׳איז שוין נאָר נישט קיין שפּאַס, דאָס איז נאָך אַ גרעסער נאַרישקייט — ס׳וועט הייסען, ער טראָגט מיט זיך אום אַ שלים־מזל, און אויב ער געהט אַוועק, וועט עס הייסען, אַז ווייל ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט יענער צוריק אָנגעהויבען צו געווינען, און טאָמער וועט ער טאַקע פערשפּיעלען ווייטער, וועט עס הייסען, אַז זיין אַוועקגעהן העלפט שוין אויך נישט, דאָס שלים־מזל האָט ער שוין איבערגעלאָזט — ניין, זיצען, זיצען, בלייבען זיצען, ער וועט אויסוואַרטען אויפ׳ן צווייטען קאָן, ביז שניידער וועט געווינען, דערנאָך וועט ער

אוועקגעהן, וועט עס הייסען, אז ער טראָגט מיט זיך נישט קיין שלים־מזל ארום; טאָמער איינמאָל, האָט זיך געמאַכט א צופאָל.

שניידער האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט און געשוויגען, נאָר עס האָט זיך איהם דאָס פּנים שוין נישט אזוי געפּרעגעלט און די אויגען זיינען איהם נישט איבערגעגאַנגען פון געלעכטער.

שייקע האָט געקוקט אויפ'ן שווארצען שפּאַנע־קעניג — נישט איבערבייטען דעם פּלאַץ וואו מיר געהן, וואו מיר קומען רינגלען, רינגלען, רינגלען אונזערע האָר. וואו מיר, מיר, מיר קומען גע־וויקעלט, פערפלאָכטען, פערשאָלטען אין מלבושים פון גיטער און קרוינען און בלוט.

— וואו מיר רינגלען, רינגלען, רינגלען...

שניידער האָט געהאַלטען אין איין פערשפּיעלען, מיט יע־דען קאָן איז דאָס קופּקעלע געוואָרען מאַגערער, די פינגער האָ־בען זיך צונויפגעצויגען אַלץ אין אַ ענגערען קרייז, די קוואַדערס זיינען נעלם געוואָרען. איצט האָט שוין שייקע סימפּאַטיזירט מיט די לאַנגע, שפּיציגע פינגער, אויפ'ן קופּקעלע, נאָר עס האָט איהם נישט געהאָלפען, דאָס קופּקעלע איז געוואָרען אַלץ מאַגערער און מאַגערער, ביי שניידער'ן אויפ'ן שטערן האָבען זיך אויסגעלעגט קנייטשען, נאָר גערעדט אַ וואָרט האָט ער נישט, שייקע האָט אויך געשוויגען, געוועזן צונויפגעצויגען אין זיך ווי אַלע דאָ ארום טיש, זיך דערוויטערט מיט פיינדשאַפט פון די אַלע, צו וועלכע ער איז ערשט אזוי פריינדליך געווען, און געלויערט אויף גליק אין די קאָרטען מיט'ן גאַנצען לייב און לעבען. געלויערט, געלויערט, גערופען עס, געצויגען עס מיט זיין קוק, מיט זיין געמיטה, מיט זיין גאַנץ לעבען צו שניידער'ן — עס איז נישט געקומען. ווי אויף צו להכעיס האָט זיך עס באַוויזען, גערייצט און ווידער פאַר־שוואונדען. דערנאָך האָבען זיך די גרויסע קאָרטען אינגאַנצען אויפגעהערט צו באַווייזען.

עס איז אין איהם געווען קאַלט דאָס הארץ. ער האָט צוגעקוקט און געשוויגען, אבער צווישען זיין שווייגען און שניידערס שוויי־גען, איז אַנגעגאַנגען אַ שטילער שמועס.

שניידער׳ס שווייגען האט איהם געשניטען ווי מיט מעסערס, און פונקט ווי ער האט פריהער נישט געקענט ליידען די וויצלעך מיט׳ן ליטווישען ענגליש, אזוי האט ער אויף זיי איצט ארויס־געקוקט.ווי אויף א משיח׳ן האט ער אויף זיי ארויסגעקוקט. נאר שניידער האט געשוויגען.

איהם האט אלע מאל עפטער געקלונגען אין די אויערן — הו־דו! שלים־מזל, קיינער וועט דיך נישט צולאזען לעבען זיך... דאס הארץ איז איהם אלע מאל מעהר איינגעפאלען פון בושה, ער האט געקוקט אויף דער שווארצער שפאגע־קעניגי׳ן און ווער ווייסט, וואס ער האט איהר צוגעזאגט ביי זיך אין הארץ — ווער ווייסט, ער האט עס אליין נישט געוואלט געדענקען, אויף שפעטער געמאכט פון זיך חוזק — א געלעכטער — און די טייז, און די קעניגע האבען געוואונקען ברוגז: היט אב, היט אונז אב... בייט נישט קיין פלאץ, וואו מיר קומען, וואו מיר געהען, וואו מיר רינגלען, רינגלען אונ־זערע האר, וואו מיר, מיר, מיר קומען געוויקעלט אין מלבושים פון גיטער און קרוינען און בלוט...

הלואי וואלט ער איהם געזאגט עפעס — עס איז דורך דיר, ער זעהט דאך, אז עס איז דורך איהם, אלע זעהען, נאר אלע ווילען נישט זאגען, עס איז ביי איהם אין שטוב, ווילען זיי נישט זאגען, נאר זיי טראכטען ביי זיך...

וואלט ער איהם געזאגט: הויב דיך אויף און געה אוועק... האסט מיר צוגעבראכט א שלים־מזל...

איינמאל האט שניידער געוואונען א קאן. האט עס שייקע׳ן אויסגעוויזען ווי א גרויס גליק האט איהם געטראפען, איצט וועט ער שוין אנהויבען צוריק צו געווינען, דאס שלים־מזל האט זיך איבערגעריסען. ער האט אויפגעהויבען די אויגען, ווי איינער פון א גרויס אומגליק, מיט א בושה אין פנים, דער האלז־און־נאקען וואס איז געווען אנגעבויגען, דערשלאגען, ווי פון א צענטען אראבגעדריקט, האט זיך א קאפ אויסגעגלייכט, און דערפיהלט א וועהטאג.

אַז שניידער האָט אַראָפּגענומען די געוואונענע פּאָר ניקעלס פונ'ם טיש, האָט ער אַ וואָרף געטהאָן די געוואונענע קאָרטען אַז טיש מיט אַ „טפו“, ווי איינער וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפען אַ שלים־מזל שוין אויף אייביג; אָבער דעם אַנדערען קאָן האָט ער ווידער פערשפּיעלט, און אַזוי כסדר, ביז צום לעצטען דאָלאַר. אַז זיי האָבען זיך איפּגעהויבען, האָט שייקע אַרויסגעפּלאַצט:

— כ'האָב אייך געזאָגט...

האָט שניידער געענטפערט מיט אַ ליטווישען ענגליש, און די קנייטשען האָבען זיך איהם אויסגעלעגט אויפ'ן שטערען.

אַ מענש ווי דו, זאָלסטו גלויבען אין נאַריסקייטען...

# הינדע גיטעל׳ס שנור

דעם ערשטען טאג ווי נאר הינדע גיטעל האט אראבגע־
בראכט די נייע שנור, איז געווארען א רעש אין שטאדט:
הינדע גיטעל׳ס שנור איז א שעהנהייט.

אז די אלטערקע האט זי צום ערשטען מאל דערזעהן, איז זי
פערציטערט געווארען און האט דערצעהלט די ווייבער, אז זי האט
זי דערפיהלט לעבען זיך מיט איהר ליכטיג פנים, ווי מען דער־
פיהלט א גראפיניע.

האט מען געוואלט וויסען ווי הייסט זי?

— לאנצי.

— לאנצי?

הינדע גיטעל, די שוויגער, איז געווען אן אלמנה און פער־
קויפט מילכיגס אין שטוב. חיים, דער עלטסטער זוהן, האט גע־
שטעלט אלע יאהר א שטאל קיה צו מאסטען און דאס מילכיגס האט
מען פערקויפט אין שטוב.

א חוץ איהם איז נאך געווען שלמה׳לע, א בחור פון זיבעצעהן
יאהר.

אז חיים איז א חתן געווארען אין א פרעמדער שטאדט אריין,
האט הינדע גיטעל זיך געשראקען פון דער נייער שנור, ווייל ווי
נאר חיים האט זי דערזעהן, האט ער שוין נישט געוואלט אב־
טרעטען, אז כאטש עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער שדכן האט
געזאגט א ליגען, קיין נדן איז קיינמאל נישט געווען, האט חיים
דאך נישט געוואלט הערען דערפון, דערפאר האט זי זיך אזוי
געשראקען, הינדע גיטעל, זי האט געטראכט: וואס וועט שוין זיין
שפעטער...

באלד נאך דער חופה האט הינדע גיטעל געמיינט, אז לאנצי וועט זיך אבשערען, האב אבער לאנצי זיך אויסגעצויגען אין דער גאנצער וואוקס, און געזאגט מיט עפעס א מאדנע קול: „ניין", און אזוי איז געבליבען. זי האט זיך נישט אבגעשוירען.

הינדע גיטעל האט געמאכט גוואלדען: סטייטש, ס'איז איהר א בושה צוריקצופאהרען אין שטאדט אריין. איהרע עלטערן האבען זי געבעטען מיט גוטען.

קוים האט די מאמע ביי איהר גע'פועל'ט, זי זאל מיטנעהמען א פאריקעל אנצוטהאן אויף די האר.

נאך דעם ערשטען אין דער פריה, ווי נאר זי איז אראבגעקומען צו דער שוויגער, האט זי בעהאלטען דאס פאריקעל אין א שופלאד אריין, זיך אנגעטהאן א רויטע זיידענע הויב מיט קרעם שפיצען, און זיך אנידערגעשטעלט אין פענסטער ארויסקוקען.

הינדע גיטלען האט עס גוט געקרענקט, ווייל די האר האבען זיך ארויסגעזעהן פון דער הויב, איז זי אומגעגאנגען און געזיפצט, נאר אז זי האט געזעהן ווי א צאפ וואזשעט ארוים פון צווישען די שפיצען, איז זי צוגעגאנגען און איהר געוואלט בעהאלטען די האר:

— מ'טאר נישט, טאכטער מיינע... א אידיש קינד טאר נישט געהן מיט די האר...

נאר אז לאנצי האט דערפיהלט דער שוויגער'ס האנט אויף איהר קאפ, האט זי זיך אויסגעדרעהט, און געטהאן אויף איהר אזא גדלות'דיגען קוק, אז דאס חיות איז ביי יענער ארויסגעפאלען. דערנאך האט זי אויסגערעדט צוויי געצעהלטע ווערטער: „כ'וועל אליין"...

פון דעמאלט אז, האט זי שוין הינדע גיטעל נישט אנגעריהרט.

מענשען זיינען געלאפען קוקען אויף איהר. ווייבער און מאנסבילען האבען זיך גערדעהט מיט אן אויסרייד פאר די פענסטער, געקומען קויפען מילך צו זעהן זי. און ווי נאר מען האט איהר אריינגעקוקט אין פנים אריין האט מען שוין נישט געקענט די אויגען אברייסען.

דער שוחט וואס האט געוואוינט הינטער הינדע גיטעל'ס שטוב און וואס פלעגט געהן אין שלאכט־הויז אריין דורך'ן הינ־טער־געסעל, האט זיך איינגערעדט, אז דורכ'ן שטראס איז נע־הענטער, און געמוזט אלע טאג א קוק טהאן אין הינדע גיטעל'ס פענסטער. אמת איז, אז דאס קוקען איז איהם אויסגעפאלען באַ־קאַם. ער האט זיך אנגעטהאן דערנאך שטילערהייד צרות, גע־פייניגט זיך מיט האלבע טעג פאסטען פאר אן אבקומעניש, נאר קוקען האט ער געמוזט...

אלע האבען געמוזט... אלעמען האט זי געצויגען צום פענס־טער, אז מען זאל קוקען אויף איהר און דערציטערט ווערען...

האבען מענשען געטראכט ביי זיך, אז ס'איז עפעס א מין כשוף, געשושקעט זיך וועגען איהר מיט גלאנציגע אויגען און גענאפט.

אין דרויסען איז זי קיינמאל נישט געגאנגען. תמיד איז זי גע־שטאנען ביים פענסטער, און נישט געטאן גארנישט. א גאנצען טאג האט זי געהאלטען אין איין וואשען די הענט, און געפראשעט דאס זיידענע קלייד. אזש הינדע גיטלען האט פערדראסען:

— אין שטוב, טאכטער, איז אן עבירה צו געהן אין א זיי־דען קלייד, און די הענט דייגע זיינען ריין ווי זילבער, מ'דארף זיך, טאכטער, נישט וואשען אזוי פיעל מאל...

האט לאנצי גענטפערט מיט געצעהלטע ווערטער, אז די קליי־דער האט זי נישט געמאכט פאר דער שאפע, און זיך נאך מעהר געוואשען די הענט. געהיט זיך יענעם אנצוריהרען, אוז, אז זי האט זיך אנגעריהרט, געוואשען, געוואשען און געזייפט מיט שמעקענ־דיגער זייף.

ס'איז דאך איהר עפעס די גאנצע זאך נישט אנגעשטאנען. די שטוב מיט דעם מילכיגען... און ס'איז זי נישט אנגעגאנגען. זי איז תמיד נאר געווען פערנומען מיט זיך, מיט איהר לעבען וואס אין איהר, ווייל אין איהר איז געווען א גאנץ אנדער לעבען, וואס נאר זי האט פערשטאנען, נאר זי האט פערשטאנען פאר

וואס זי נעהט דא אום ווי א פרעמדע, מאוס'ט זיך אלדינגס אנ־
צוריהרען, גלייך ווי אלדינגס וואלט געווען טריפה.

חיים איז געווען א פשוט'ער יונגער מאן, מיט א בלאנד בער־
דעל, און אבגעהיט געטריי דאס געשעפט. ביז אהער, איז ער גע־
ווען א בחור גלייך מיט אלע בחורים, נאר פון זינט מען האט
דערזעהן זיין יונג ווייבעל, האט ער בעקומען אן אנדער אויסזעהן
אין שטאדט. מען האט זיך אנגעהויבען צו'ן איהם מעהר צוקוקען.
אויסהערען איהם מיט דרך־ארץ און איהם קיינמאל נישט אי־
בערשלאגען די רייד. אין אלעם וואס ער האט געזאגט, האט מען
געזוכט א מיין, און זיך געטראכט, אז עפעס מוז פארט אין איהם
זיין, וואס ער האט אזא ווייב.

אידען האבען אנגעהויבען חנ'דלען זיך פאר איהם, געוואלט
זיך אויספיינען מיט קלוגשאפט, און אין ריידען אונטערגעשטעלט
יענעם א פיסעל, געכאפט אין א גרייז, כדי ער, חיים זאל זעהן...
אפשר וועט ער דערצעהלען דעם ווייב...

די אלטער'קע האט דערצעהלט, אז זי האט איינמאל גע־
זעהן דורכ'ן פענסטער ווי זי, ס'יונגע ווייבעל, איז אויפגעשטאנען
ביינאכט, זיך אויסגעפלאכטען די צוויי צעפ, אנגעטהאן דאס
זיידענע קלייד און אריינגעגאנגען אין גלח'ס גארטען, דארטען
האט זי זיך עפעס געפארעט צווישען די בלומען, ארומגענומען
די ראסע און זיך געוואשען דאס פנים... דערנאך איז זי געגאנגען
פון איין גארטען אין אן אנדערען, פון איין גארטען אין אן אנ־
דערען, אזוי א גאנצע נאכט, זיך געפארעט צווישען די בלומען
און זיך געוואשען דאס פנים... וואס דען, נישט אומזיסט איז זי
אזוי ליכטיג...

און טייל האבען געזאגט, אז זי באדט זיך אין מילך... אלע
נאכט באדט זי זיך אב אין מילך... נישט אומזיסט זיינען די
הענט אזוי ריין ווי זילבער...

— האט איהר אליין געזעהן ווי זי פלעכט זיך ביינאכט די
צעפ?

— אליין געזעהן...

— נישט אומזיסט געהט זי תמיד א הויב אנגעטהאן... הינ־טער דער הויב זיינען דא גאנצע צעפּ, נישט אבגעשוירען... א חלול־השם... א אידישע טאכטער...

שלמה'לע, דער אינגערער ברודער, וואס פלעגט זיך צולאכען ביי יעדער קלייניגקייט, איז געווארען עפּעס אויס מענש פון זינט לאנצי איז אנגעקומען אין שטוב אריין. ער האט אויפגעהערט צו עסען צו דער צייט, און געווארען אויסגעבלייכט.

מייסטענס פלעגט ער ווייכען די שטוב. זיך לאזען דורך די גערטנער אין דער אלינע. דארטען פלעגט ער זיך נישט שעה־מען אויפצוהויבען א קאפּ, קיינער האט איהם נישט געקוקט אין פּנים אריין.

לאנצי האט געזעהן, אז ער איז אויס מענש, און געוואוסט פארוואס. זי איז שוין געווען געוואוינט דערצו. פלעגט זי זיך אבגעבען מיט איהם מעהר ווי מיט איטליכען, שאפען זיך מיט איהם.

איינמאל, ווען ער איז געזעסען אין אנדערען שטיבעל, איז אריינגעקומען א מיידעל נאך א קווארט מילך.

אז לאנצי איז צוגעקומען צו'ן איהר נעהענטער, האט זיך דאס מיידעל פערשעהמט פאר איהר גרויס שעהנקייט און באהאלטען דאס קריגעל צווישען די פאלדען פון קליידעל.

שלמה'לע האט געטהאן א שפּרונג אריין פון דער אנדערער שטוב, ארויסגענומען ביים מיידעל דאס קריגעל, און אבגעמאסטען א קווארט מילך.

אז דאס מיידעל האט דערלאנגט לאנצי'ן די זעקס גרייצער, האט לאנצי נישט געוואלט נעהמען און געזאגט צו שלמה'לען:

— נעהם צו...

— נעהמט איהר...

— זאג מיר נישט „איהר", א שוועגערין איהרצט מען נישט...

— נעהם... דו...

ער האט צוגענומען די זעקס גרייצער, און אומגעגאנגען א

גאנצענ טאג ווי צודולט — א שווערגעריין איהרצט מען נישט...
נעהם דו...

ער האט זיך יענעם פארנאכט מעהר צוגעקוקט צו חיים'ען,
ווען ער איז אהיים געקומען, און מאדנע — ער האט דערזעהן
עפעס א נייעם קוק אין חיים'ס אויגען, אזא קוק וואס ער האט
איהם פריהער נישט געזעהן... עפעס איז ער געווארען אזוי סטא־
טעטשנע, חיים... וויל איינרייסען די וועלט... אלע מאל רעדט ער
ווענען לאשקאוויטץ... ער איילט זיך קיין לאשקאוויטץ איהר
ברענגען מתנות...

און זי?... לאנצי... זי קוקט נישט אויף איהם, נאר פראשעט
אלע מאל אב דאס קלייד מיט די הענט, און שארט אפיר די האר
פון הינטער דער הויב... קיין שייטעל וויל זי טאקע נישט טראגען...

איינמאל, אז חיים איז נאך וועטשערע ארויסגעגאנגען אכטונג
געבען צו די קיה, האט זי איהם צוגערופען:

— שלמה'לע... א שיבעל קוועטשט מיך... דאס ווייסע אט־
לעסענע... וועסט עס מיטנעהמען צום שוסטער... יא?...

זי האט ארויסגענומען א ווייס אטלעסען שיבעלע און איהם
דערלאנגט.

— זעהסט, דא קוועטשט מיך... זי האט איהם אנגעוויזען ווי
עס קוועטשט, זיך איבער איהם איבערגעבויגען, און ער האט דער־
שמעקט איהרע האר, איז איהם געווארען פינסטער פאר די אויגען,
און ער האט געוואלט שטארבען...

און זי האט זיך אלץ טיעפער געבויגען איבער איהם מיט'ן
אטלעסען שיבעלע און איהם געלאזט שמעקען איהרע האר...

איהר קול האט איהם א ציה געטהאן:

— שלמה'לע!...

דאס ערשטע מאל ווי זי האט איהם היינט גערופען
„שלמה'לע"..

און דער „שלמה'לע" האט איהם שוין נישט אבגעלאזט...
געוויקעלט זיך ארום איהם ווי א שלאנג, א זיסע שלאנג און
אויסגעצויגען ביי איהם דאס חיות...

ביים שוסטער אין פינסטערן פארהייזעל, האט ער ארויס־גענומען דאס שיכעל פונ'ם שאכטעל, אראבגענומען דעם סא־מעטענעם קאפעליוש און אריינגעלעגט דאס שיכעלע...

דערנאך האט איהם דער שטערן געברענט...

תמיד איז זי שוין דארטען געזעסען ביים פענסטער אין דער הויב און ארויסגעקוקט. אז א אידענע איז אמאל אריינגעקומען נאך מילך, האט זי זיך אויפגעהויבען פונ'ם פענסטער, געטהאן א קוק אויף דער אידענע און אויף די קאנען מילך און ארויסגע־רעדט מיט גדלות:

— מעסט אייך אליין אב!

און אז די אידענע האט זיך פער'חידוש'ט אליין אבגעמאס־טען די מילך, און איהר דערלאנגט די זעקס גרייצער, פלעגט זי זיי אנידערלעגען אויפ'ן קאמאד אין א שעלכיל, דער אידענע אין די אויגען, זיך אבגעוואשען די הענט און צוריק צוגעהן צום פענסטער.

מען האט אנגעהויבען רעדען אין שטאדט, אז דאס, וואס מנחם געהט אום ווי א דול'ער, איז נישט אומזיסט — מנחם זייער שכן...

מ'האט עפטער איבערדערצעהלט ווי זי שטעהט אויף ביי־נאכט, פלעכט אוים די צעפ און געהט אום פון איין גארטען אין אנדערען, פון איין גארטען אין אנדערען.

און די אלטער'קע האט זיך געשוואוירען:

— אליין געזעהן ווי זי וואשט זיך דאס פנים צווישען די בלו־מען ביינאכט... נישט אומזיסט איז זי אזוי ליכטיג...

און אנדערע האבען זיך געשוואוירען:

— זי באדט זיך אין מילך... אלע נאכט באדט זי זיך אין מילך... נישט אומזיסט זיינען איהרע הענט ווי זילבער...

# אָנגעזעצט

קיינער האָט נישט פערשטאַנען פאַרוואָס ברוך־קלמן איז די לעצטע צייט אַזוי אַרומגעגאַנגען — מיט אַ צעררו־דערטען קוק. ער רעדט דען? פייגע זיינע האָט אפילו יאָ עפּעס געזעהען — זיצט ביי די ביכער דורך די נעכט, חשבונ׳ט וועקס־לען אַהין, וועקסלען אַהער.

קולטוס־פאַרשטאַנד — ער האַלט דעם זיגעל פון דער שטאָדט, דערפאַר האָבען טאָקע אלמנות און יתומים איינגעלעגט ביי איהם דאָס לעצטע. ביי ברוך־קלמ׳ען איז זיכער.

שלמה וויינפעלד קומט אריין מיט׳ן ברייטען גוט מאָרגען צו׳ן א י ה ם שפּילען אַ שאָך. וואָס שלמה וויינפעלד איז דאָך אַ מיטגליעד אין וויענער שאָך־קלוב, און אַ חוץ דעם אַליין גביר׳יש, אדיר׳יש, מיוחס׳יש.

פאַרוואָס? ווייל ער איז ברוך־קלמן. ווייל צו׳ן איהם טראָגען אַלע דעם לעצטען גרייצער אריין.

ברוך־קלמן איז געווען אַ איד אַ שוויינער, אַ גדלן, און מ׳האָט נישט געוואוסט, צי איז ער אַ גרויסער איידעלמאַן, צי אַ קלע־נערער. ער האָט געשוויגען.

אָבער אַ בעל־מוח האָט מען געזאָגט, איז ער.

פייגע איז געווען אַ גוט ווייב פאַר איהם, אַ קלוגע אידענע, גערעדט מיט׳ן קוויטש, זיך גוט געפּאַסט צו זיין אַ נגידות, דאָס וואָס זי האָט שטענדיג געהאַט צו טאָן מיט דער דיענסט, און דער בונט שליסלען אין פאַרטוך, האָט זי געמאַכט פאַר אַ ברייטער בעל־הבית׳טע.

און די קינדערלאַך, די דריי קינדערלאַך, זיינען געווען אַזעל־

כע נגיד׳ישע קינדערלאך, מיט ווייסע, פעטע גוידערלאך, און רייכע, צופיעשטשעטע אויגעלעך און מרים׳קע, די איידעלע מרים׳קע, איז געגאנגען אנגעטאן א רויט אטלעסען קליידעלע מיט קרעם־שפיצען. אזוי דעליקאטעטנע.

ברוך־קלמן האט געקענט די וועלט, און וואס מעהר ער האט דערקענט און געזעהן די וועלט, אלץ מעהר האט ער געשוויגען. געשוויגען, אז ער האט דערזעהן, דאס וואסער איז איבער׳ן האלז.

ברוך־קלמן האט געוואוסט, אז מען האלט איהם פאר א בעל־מוח, און פארשטאנען אז א בעל־מוח דארף טראכטען — האט ער געטראכט, אז דאס וואסער איז איבער׳ן האלז, צי דארף מען עס לאזען געהן ווייטער?

אנזעצען.

אנזעצען און בלייבען א קבצן — און שלמה וויינפעלד זאל נישט קומען מיט׳ן ברייטען גוט מארגען, צו׳ן א י ה ם שפיע־לען א שאד...

יא, נאר מיט שכל.

האט ער געטאן מיט איהר א שמועס זיך דורך, האט זי אנ־געכאפט דאס קרעמפען.

אויף מארגען איז מען עפעס פון ערגיץ געוואר געווארען, אז ברוך־קלמן איז אוועק קיין אמעריקא.

מענשען האבען אנגעהויבען צו קומען, קודם מיט א שמיי־כעל, מיט א שמייכעל אויפ׳ן פנים און א קלאפעניש אין הארץ — צי איז עס אמת? ז י י זאגען חלילה נישט, נאר זיי זיינען גלאט געקומען געוואר ווערען. האט זיי פייגע מיט שטארקייט געזאגט, אז ער איז אוועקגעפאהרען אויף א פאר טעג. באלד וועט ער צוריקקומען.

נאר שפעטער א טאג, האבען שוין אלע געוואוסט.

האט עליושקע געכאפט א פורעל, אריין קיין בארטשאוו און אראבגעבראכט א סעקוועסטער צו פענדען — ווי באלד א סעק־וועסטער איז די גאנצע שטאדט געקומען צולויפען. עס איז גע־

קומען אַנטשעלע, ס'איז געקומען נעבע, ס'איז געקומען אַלטער דער וויסער.

מ'האָט גע'טענה'ט:

אַנטשעלע — פאַרקויפט אַראַנזשען מיט לימענעס, אַזאַ'ן איינ־געהויקעטער, פאַרוואַגעלטער בחור, אפשר פון פערציג יאָהר. וואָס אַזאַ בחור מוז שוין נעבעך האַנדלען מיט אַראַנזשען, און דאַרף וואַרטען ביז איינער זאָל קראַנק ווערען, אַז ער זאָל איהם באַ־צאָהלען פיער גרייצער — די לעצטע נשמה פאַר אַן אַראַנזש. תמיד שמעקט פון איהם מיט רפואות־אַראַנזשען.

אַנטשלען אַז מען האָט דערזעהן פון דער וויטענס מיט'ן איינ־געבויגענעם רוקען און דעם קאַרב אַראַנזשען, האָט מען זיך פאַר איהם דערשראָקען. די ווייבער האָבען זיך געוואונשען איהם נ י ש ט צ ו ב אַ ד אַ ר פ ע ן, דאָס קול ביי איהם איז געווען עפּיס אַן אַראַנזש'ענס, אַזאַ, וואָס מען דושעט עס תמיד מיט רפואות — אַ געוואָרגענ'ס.

און דער אַנטשעלע האָט נאָך געהאַט אַ שוואַרצען גע־קרויזטען קאָפּ וואָס איז עפּעס תמיד געווען פאַרמעליגט — און אַ סך האָבען אַנגעוויזען אויפ'ן שטערען, אַז ער איז צעדרעהט, אַז נישט, וואָלט ער נישט געהאַנדעלט מיט קיין אַראַנזשען, קען נישט האַנדלען מיט ציבעלעס, מיט פיש?

דערפאַר האָט יעדער זיך פאַזוואָליעט איהם אויפצונעמען ווי אַ שטאָדטישען משוגענעם. אַז מ'האָט איהם דערזעהן — אַנטשעלע, אַנטשעלע, אַראַנטשעלע.

און אַנטשעלע האָט גערעדט מיט'ן געוואָרגענעם קול און זיך פערענטפערט, אַז ס'איז נישט קיין בושה, הלמאי אַ שמש, הלמאי אַ באַגרעבער?

און דאָס אַנטשעלע האָט זיך אַזוי געפּאַסט צום אַראַנטשעלע.

אַנטשעלע, אַראַנטשעלע, אַנטשעלע, אַראַנטשעלע.

און אַנטשעלע האָט אָפּגעשפּאַרט פון די חולאים פינף־און־זיבעציג ראַניש, און אַריינגעטראָגען צו ברוך־קלמ'ען. מען האָט נישט געוואוסט ווען, און ווי אַזוי.

און אלטער דער ווייסער האט אפגעשפארט הונדערט ראָ־ניש, מ'ווייסט נישט ווי אזוי און פון וואס, און זיי אריינגעטראָ־גען צו ברוך־קלמ'ען.

אלטער דער ווייסער — וואס מ'האט איהם געמוזט אזוי רו־פען, ווייל עס איז געווען אן אנדערער שוסטער, אלטער דער שוואר־צער. אלטער דער ווייסער, וואס ער האט געמוזט אזוי הייסען נישט נאר דערפאר, ווייל עס איז געווען אן אלטער דער שוואר־צער, נאר ווייל ער איז טאקע געווען ווייס, טויט ווי א מת. דאס גאנצע בלוט זיינס איז געלעגען אין די רויטע רעמלעך פון די אויגען.

תמיד איז ער געזעסען אויפ'ן שוסטערישען בענקעלע און געלאטעט און געצילעט די דראטווע, תמיד, ביי טאג און ביי־נאכט. קיינמאל האט מען נישט געהערט פון איהם דעם שוס־טערישען דידל, ,יידל, דידל.

קיינמאל האט ער נישט גערעדט קיין ווארט.

און מען האט זיך גע'חידוש'ט, א מענש רעדט נישט א ווארט און האט פארט א פולע שטוב מיט קינדער. ס'איז געלעגען אויף איהם עפעס א טויטקייט, א שווייגעניש אויף איהם און אויף זיין ווארשטאט. דער שלים־מזל איז אויף איהם געלעגען — און מ'האט עס ארויסגעזעהען אויף זיין פנים, אז ער פארקליינט שיך.

אז אפילו ער זאל שוין נישט פארקליינען, האט ער שוין אויך א שם, אז ער פארקליינט שיך, צו דערפאר, ווייל ער זוכט תמיד א לאטקעלע אבצושפארען, צו גלאט אזוי ,ער מוז פארקליינען — נאר א לאטוטניק איז ער געבליבען.

פארוואס האט ער נישט געזאלט זיין א ווייסער, אז תמיד האט געקרויכערט אין שטוב און די קינדערלעך האבען אין די סטענדלאך זיך געוואלאטשעט, וואס זיינען נאך פאר צוויי יאה־רען קליין געווען, און דאס ווייב האט תמיד געשאלטען לעבען פריפעטשיק, און מ'האט נישט געוואוסט, צי זי שעלט דעם פרי־פעטשיק, צי דער פריפעטשיק שעלט זי.

אלטער דער ווייסער האט נאר געקענט געבען א קניפ שטי־לערהייד.

וואו האט אלטער דער ווייסער גענומען הונדערט ראניש, וואו?

קיינער האט נישט געוואוסט ווען און ווי אזוי, נאר נאך אלע־מען ערשט, איז מען געוואהר געווארען, און זיך גע'חידוש'ט...

עליושקע האט געטאן א פליה אריין מיט דער בראדעווקע און מיט'ן סעקוועסטער:

— וואו זיינען די זילבערנע לייכטער? דאס זילבער וואו איז?

האט פייגע געבראכען די הענט מיט'ן קוויטש:

— מיין ברוך־קלמן איז אוועק קיין אמעריקא... מ י י ן ברוך־קלמן?

און עליושקע מיט דער בראדעווקע האט געשריען:

— דאס זילבער!

נאר ערשט, אז דער סעקוועסטער מיט'ן מעשענעם קנעפעל האט געטאן א געשריי: „דאס זילבער", האט זי געגעבען. אויפגעשלאסען מיט'ן בונט שליסלען פון א ברייטער בעל־הבית'טע, די שאפע מיט די איינגעמאכטסען און מיט גאלע גוטס און ארויסגענומען די גרויסע לייכטער.

ברוך־קלמן איז געלעגען אין קאמער.

— ארויסגעהן. טאן א מאך מיט דער האנט — איך בין דא. נישט אנריהרען די זילבערנע לייכטער, נישט אנריהרען, פאר־כעס — איך צאל באאר...

— איך צאל באאר?

די שווערע, די אמת'ע זילבערנע ליגען אין קעלער בעגרא־בען. און עליושקען קומט אזוי גרוים ווי זיבען הונדערטער.

עליושקע האט ארויסגעטראגען דעם שפיגעל, דאס בעט־גע־וואנט איז שוין נישט געווען. א סך האבען געזאגט, אז מען האט עס אבגעשטעקט ביים שכן, און זיך געקליבען נאך צונעמען, זיי־נען אבער אנגעקומען אנדערע און ערשט נאך די אנדערע, אנ־משעלע און אלטער דער ווייסער.

אין שטוב איז געווארען א שטופעניש, א רייסעניש, א קלאַ־געניש:

— אומגליקליך געמאַכט... געוואַלד... מערדער... רויבער... אלמנות, יתומים.

אנטשעלע האט געטאָן א שטעל אוועק דעם קויש מיט אראַנזשען, און גלייך זיך געלאָזט געהן אין דער ליידיגער קאַנצ־ליי סקאַסנע. אַלע זיינען געבליבען שטעהן און איהם נאַכגעקוקט. אַנטשעלע האט זיך דורכגעריסען צו דער וואַנט, אראַבגענומען דעם גרויסען קאַבינעט־זייגער, איהם אַרויפגעלייגט אויפ'ן אַק־סעל, און זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר. א שטיק שפּינוועבס האט איהם נאַכגעהאַנגען אויף דער פּלייצע.

עליושקע איז איהם פערלאַפען דעם וועג און געוואַלט ביי איהם אַרויסרייסען דעם זייגער, האט אַנטשעל געריסען מיט א שטאַרקער גבורה, געביסען עליושקען און געשריגען מיט'ן דער־וואַרגענעם קול ווי א געקוילעט גאַנז:

— פינף־און־זיבעציג ראַניש, פינף־און־זיבעציג... געלאָפען איבער'ן מאַרק מיט דעם זייגער אויפ'ן אַקסעל און געגרעוועט הויך אויפ'ן קול: פינף־און־זיבעציג ראַניש!

דערנאָך, האט מען דערצעהלט, איז ער שוין תמיד אומגע־גאַנגען איבער'ן מאַרק מיט'ן קאַבינעט זייגער אויפ'ן אַקסעל, ביינאַכט געשלאָפען מיט איהם אין די קאַסטענס צווישען די קצב'ישע קלייטלאך.

ברוך־קלמן איז געלעגען אין קאַמער באַהאַלטען און געהערט ווי אַנטשעלע רעוועט:

— אַנטשעלע מיט די אראַנזשען — א מצוה אויף איהם, געלט ווילען זיי די קצבים, צונויפלעגען געלט, פעט ווערען מיט געלט, שטאַרק ווערען מיט געלט — אַז אַנדערע אַנטשעלעך זאַ־לען קומען צו ז י י איינלעגען געלט, אַז שלמה וויינפעלד זאָל צו'ן איהם קומען שפּיעלען א שאַך... הונדערט־וואַט—נייַן, אַרויסגעהן, טאָן א מאַך מיט דער האַנט — איך בין דאָ. ריהר נישט אָן דעם זייגער, דעם זייגער ריהר נישט אָן. איך צאָל באַאַר.

פינף־און־זיבעציג ראניש?

און אלטער דער ווייסער איז געקומען צוגעהן אין א גריז, איינגעלאפען קאפאטקעלע, אויף איין קנעפעל פערשפילעט, און זיך אנידערגעשטעלט שטעהן לעדיג. — האט מען אנגעהויבען שרייען ער זאל נעמען דעם ווארשטאט און זיך דא איבערטראגען ארבייטען. האט זיך אלטער דער ווייסער איבערגעשראקען, ווייל ביי אלטער דעם ווייסען איז עפעס נישט אויסגעקומען א גרויסע עולה, וואס מ'האט ביי איהם צוגענומען דעם הונדערטער. פארקעהרט, ער האט זיך נאך אנגעטאן דעם קאפאטקעלע, וואס ער געהט ארוים אין איהם שבת אין מארק אריין קנאקען דיניע־קערלעך, צו'ן א נגיד פאסט נישט אריינצוקומען ווי עס איז. ער איז געקומען צוגעהן, און געשוויגען ביי דער טיר, ער האט נישט געוואוסט וואס צו טאן ביי א נגיד אין שטוב.

ערשט, אז מענשען האבען אנגעמאכט א גוואלד, ער זאל אויס־טאן די שבת'דיגע קאפאטע, ווייל מ'וועט מיינען, אז ער איז א נגיד, האט אויף איהם דאס ווייב קוים מיט צרות ארויפגעשלעפט עפעס א צוריסענעם יאק־צי־קאכאם און אבגעריסען די קנעפ־לאך, ער זאל אויסזעהן ווי אן ארימאן. אלטער דער ווייסער האט זיך באמת איבערגעשראקען, וואס מ'האט ביי איהם צוגענו־מען הונדערט ראניש, און אז ער איז געקומען דעם אנדערען טאג צו ברוך־קלמן'ען שטעהן לעדיג, האט ער זיך א רוק געטאן פון דער טיר העכער ארויף צום אלטען קאמאד...

אזוי איז געווען די ערשטע טעג ביז מ'האט איהם אויסגעע־לערענט נאך מעהר קריכען דעם נגיד אויפ'ן קאפ. אלע מאל האט ער זיך אמוואזשעט צו געהן העכער אין שטוב. ער האט באקוקט די ליידיגע ווענט, און געזוכט עפעס וואס צוצונעהמען. ער האט דערזעהן הינטער'ן קאמאד א שטייסעל און געווארפען אויגען אויף דעם, אבער צונעהמען עס ווי אנטשעלע האט ער נישט געקענט, נישט געקענט.

פייגע, די ברייטע נגידות מיט די שליסלען אין פארטוך, האט אלע מאל געקראגען דאס קרעמפען, מיט א קוויטש.

צו ביסלעך האט מען אלטער דעם ווייסען אויסגעלערענט ריידען הויך — דאס ווייב האט איהם אלע טאג אויסגעסטראיעט מיט א נייעם מענה־לשון, אפגענומען חשבון, וואס ער האט גע־רעדט, און ווי אזוי ער האט גערעדט. או עס איז איהר נישט גע־פעלען, האט זי איהם געשאלטען.

האט ער זיך געמענשעלט, געמענשעלט, אלע טאג געווארען עזות׳דיגער און אנגעהויבען רעדען מיט א דין קול׳כעל.

—וואו—איז—מיין—געלט?

און עס איז געווען אזוי מאדנע, וואס אלטער דער ווייסער רעדט, האט צייט צו רעדען, קומט אהער שטעהן לעדיג, האט מען איהם געראטען איבערצוטראגען דעם ווארשטאט אהער, און זיך דא זעצען ארבייטען, דא איז זיין היים. איז ער שוין דעם אנ־דערען טאג אריין מיט א גרעסער גערודער, מיט א זאמאד נאך פון דרויסען, אפילו נישט געזעהען ווי אימיצער איז ארייננגע־לאפען זאגען, אז ער געהט, מען זאל זיך באהאלטען.

ער איז אריין מיט א זאמאד און א כאפ געטאן דאס שטייסעל, פון הינטער׳ן קאמאד, געשטאנען ביי דער טיר, און געווארט מען זאל עס ביי איהם צוריק אויסכאפען. נאר אז ער האט געזעהן, אז קיינער כאפט ביי איהם נישט דאס שטייסעל, האט ער זיך דער־שראקען פאר זיך, און פאר זיין צוגענומענעם הונדערטער און אנ־געהויבען שרייען מיט אן אלטער דער ווייסערישען קול:

— מיין בלוט... מיין ב—ל—ו—ט!...

און עס איז עפעס אויסגעקומען אזוי מאדנע, וואס אלטער דער ווייסער האט בלוט.

וואו האט אלטער דער ווייסער גענומען בלוט?

און ברוך־קלמן איז געלעגען אין קאמער.

— אלטער דער ווייסער וויל פעט ווערען דורך געלט... וויל שטארק ווערען דורך געלט... אז אנדערע ווייסע אלטערס זאלען קומען צו׳ן איהם זיך חנפה׳נען איינלעגען געלט, זאגען דעם ברייטען גוט־מארגען. און קומען צ ו׳ן א י ה ם שפילען א שאך.

נייז, ארויסנעהן, טאָן אַ מאַך מיט דער האַנט: איך בין דאָ. נישט אָנריהרען דאָס שטייסעל, דאָס שטייסעל נישט אָנריהרען... איך צאָל באַאר...

אַ הונדערטער?

# מאַנדלען

הינדע איז געגאַנגען אונטערגעשאָרען די האָר האַלב־קורץ און תמיד געשמייכעלט צו די געסט אין שענק מיט אַ איינזייטיגען שמייכעל.

דאָס, וואָס דער קורץ האָט זיך איהר געוואָרפען אויף דעם שטערן, האָט איהר שטאַרק געפּאַסט. מען האָט זי געהאַלטען פאַר אַ ווילדע ציג, און אַלע האָבען זי ליעב געהאַט, אפילו די וואָס האָבען זי פיינט געהאַט.

אַ חוץ איהר איז געווען נאָך אַ שוועסטער, ווען די מוטער, גיטעל די אלמנה, פלעגט שעלטען.

זי האָט געהאַט אין זיך מאָדנע שטיק. חברה זיינען אַלע גע־ווען פאַר איהר די כפּרה און געפאַלגט זי אין פייער. מיט דער מוטער איז אויך אַזוי געווען: ווער האָט צו אַלעם ערשטען גע־קראָגען אַ פערזיאַנער מיצע מיט אַ קאַליע? — הינדע.

און דאָס מיצעל האָט איהר געפּאַסט אויפ'ן האַלבען קורץ.

אַמבעסטען אַז אויפדערנאַכט, ווען די כלי־זמר זיינען געזע־סען אין שענק און זיך געקליבען געהן צו'ן אַ קריסטליכען באַל, פלעגט הינדעל טהאָן אַ פליה אַריין מיט אַ צופּאַטעלטען קורץ, אַ כאַפּ טהאָן מענדלען, דעם שוואַרצען קאַטער, און „געהן" אַ וואַלצער.

תמיד פלעגט זי אַרומטראָגען אַ פולע קעשענע מיט מאַנד־לען. חברה אין שענק האָבען זיך געשושקעט, אַז זי גנב'עט געלט פונ'ם טישקעסטעל, און אַז ביילע פלעגט זי פּאַקען עסען מאַנד־לען, פלעגט זי צוקלאַמען די צייהן.

— ברענען זאָלסטו ווי אַ ליכט...

איצט, פון זינט ס'האבן זיך אנגעהויבן די ווארימע טעג — זאגט די מאמע — איז זי געווארן נאך ערגער, און פון זינט זי האט בעניית דאס ליכטיגע, פערקאלענע קליידעל מיט די בליה־מעלער, זאגט ביילע, אז זי וועט דאס אידישקייט נישט אויס־האלטען: נאר באדען וואלט זי זיך געלאפען...

היינט דארף לייבצי קומען איהר אנקרויזען די האר. ער האט איהר צוגעזאגט. די מאמע מיט ביילע'ן זיינען אוועקגע־פאהרען קיין לאשקאוויץ, און זי איז אליין. זי האט געזונגען א פויליש ליעדעל פול מיט „קאכאם", און אלע מאל גענוקט אין פענסטער צי לייבצי געהט שוין.

לייבצי... ער איז דאך געווען אין וויען... א פריזער... תמיד שמעקט פון איהם...

ביי א טישעל זיינען געזעסען אהרצי און וועלוועלע כלי־זמר און געקנאקט דיעניע־קערלעך. בנימין איז צוגעקומען:

— 'כער א פאר קערלעך...

— כ'האב נישט...

—'בער, גע'הרג'עט זאלסטו ווערען...

— נא, ווער דערווארגען...

— נישט מעהר כח אויף דיר...

אהרצי האט געפויקט אין טיש מיט'ן קולאק:

— דאך־טשאך־טשאך, דאך־טשאך־טשאך טשאך...

וועלוועלע האט א געשריי געטהאן:

— הינדע, א „פערטעלע"!...

— קוק איהם נאר אן. קראנק ביזטו צו נעהמען א צוויי פלעש־לעך „אקאטשימער"?...

— אנדערש נישט געוועהנט...

— טא־דידל, דידל, דידל דאם, ראך־טשאך־טשאך, ראך־טשאך־טשאך...

הינדע האט צוגעבראכט א פערטעל ביער.

— הינדע... האסטו שוין געהערט דאס נייע ווערטעל?...

— ניין.

וועלוועלע האט געטהאן א שטורקע בנימין'ען מיט דער האנד:

— זאג איהר...

— הוקעטש! הוקעטש! האסט א מאמ־ען?...

וועלוועלע האט געענטפערט:

—הא־הא...

— דאס איז דאס נייע ווערטעל?...

זי האט געטאן א קניפ וועלוועלע'ן אין ארים, א פריציש קני־פעל, אז יענער האט זיך אזש אווארף געטהאן, אוועקגעטאנצט און אריינגעכאפט א מאנדעל אין מויל אריין.

— א כאראבע אויף איהר... דו זעה, ווי זי כראמטשעט די מאנדלען... גנב'עט פונ'ם טישקעסטעל... אז די מאמע מיט ביילע'ן זיינען אוועקגעפאהרען קיין לאשקאוויץ...

— וועט זי שוין דא מאכען שווארץ שבת...

א רעוויזאר מיט בלאנדע פיינע האר און וואנצעס איז אריינ־געקומען און זיך אנידערגעזעצט הינטער'ן שפאניער־ווענטעל.

הינדע האט איהם דערקענט, דאס איז דער נייער רעוויזאר, וואס מ'זאגט אויף איהם, אז ער שפיעלט פידעל. ער איז געקו־מען פון ניוורע דא שטעהן.

— פרייליין, א פערטעל ברינדזע...

אז זי האט איהם צוגעבראכט די ברינדזע, האט ער זי גע־וואלט נעהמען אויפ'ן שוים. האט זי זיך געטהאן א דרעה א וואל־צער און געזונגען דעם „קארניוואל פאן ווענעדיג“. ער האט דער־זעהן ווי דער קורץ ווארפט זיך איהר אויפ'ן שטערן.

— פרייליין, קום צו מיר...

— וועסטו מיך אויסלערנען שפיעלען אויפ'ן פידעל?

דער קוק האט איהם געבלענדט:

— יא, קום אהיים צו מיר... כ'וועל דיך לערנען שפיעלען... האסט ארטיסטישע האר, ס'וועט דיר אזוי פאסען דער פידעל!...

— כ'וועל קומען.

זי איז ארויסגעלאפען אין פארהייזעל. ראובן, האט זי גע־וואוסט, דארף באלד קומען עסען וועטשערע.

ראובן איז געווען דער נייער איידעם, וואס זיידע האט אראפּ־געבראכט פון קאלאמעא.

ער איז אין דער באנק, און אלע טאג קומט ער צום שווער עסען וועטשערע. אזעלכע דערשראקענע אויגען, פייכט און טונקעל, ווי צוויי בעכערלעך שווארצען וויין. וואס דערשרעקט ער זיך פאר איהר?... — תמיד דערשרעקט ער זיך פאר איהר...

דאס ערשטע מאל, אז ער האט האט דערזעהן, ווי זי האט זיך גע־נומען קוקען אויף איהם, האט ער גיך אוועקגעכאפּט די אויגען און איז אראפּגעלאפען די שטיגען, נאר ביסלעכווייז האבען זיי זיך צוגעוועהנט: אלע טאג טהוען א קוק איינער אויפ'ן אנדערן.

היינט וועט זי איהם איבערשרעקען...

זי האט זיך בעהאלטען הינטער די טרעפּ און אז זי האט דערקענט זיינע טריט, האט זי געטהאן א מאך: „טא"...

אז ער האט זי דערזעהן ווארטען, איז ער געבליבען שטעהן און גערעדט צו'ן איהר — דאס ערשטע מאל — ווי מען רעדט צו דער וואנט:

— וואס שטעהט זי דא, וואס? זי האט נישט וואס צו טהאן אין שטוב?... שטעהט...

האט זי געטהאן א שפּרונג צו'ן און איהם אריינגעשטופּט א מאנדעל אין מויל אריין.

ער איז געבליבען שטעהן דערשראקען, מיט איהרע פינגער אויף די ליפּען און זי איז אנטלאפען אריין.

פארוואס מוז זי טאקע אויף איהם תמיד קוקען, האט זי אליין נישט געוואוסט. ס'האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז זי וועט אנ־כאפּען די אויגען, ווי צוויי בעכערלעך וויין, און אויסטרינקען. און דערנאך? דערנאך גארנישט, שוין...

זי איז אריין אין שיינק און געטראפען לייבצי'ן ווארטען מיט דעם שאכטעל קרויז־שערען און ספּיריטוס און פּערפיומען — ער וועט איהר אנקרויזען דעם קאפּ...

— לייבצי... וועסט מיר אנקרויזען דעם קאפּ?...

זי האָט איהם דערלאַנגט אַ פּאָר מאַנדלען און אַליין גע־כראַמטשעט.

לייבצי איז איהר נאָכגעגאַנגען אין שטיבעל און איהר גע־קרויזט די קורצען. ער האָט זיך געבויגען איבער איהר און גע־נומען איהרע קורצען אין די הענד אריין. האָט זי דערפיהלט זיין ווייכע שמעקענדיגע האַנט צווישען איהרע קורצען, ווי אַ פּלע־שעלע פּערפיום, וואָס רינט איבער די האָר, איבער די אויגען. איבער׳ן מויל.

זי איז געוואָרען מיעד פון פערגעניגען און געלאָזט קיצלען לייבצי׳ס שמעקענדיגע הענט איבער איהר שטערן, אויערען, מויל.

— הינדעלע... האָסט נאָך אַ פּאָר מאַנדלען?...

אַז זי איז געזעסען ביי איהם אויפ׳ן שויס, האָט זי זיך צו־געטוליעט צו איהם ווי אַ קליין קינד, מיט צוויי פויסטען צום האַרץ, און זיך געלאָזט בויגען.

לייבצי האָט געציטערט. זי האָט דערפיהלט מיט איהרע באַ־קען, אַז דאָס בלוט וואָס איז איהם אריין אין פּנים אריין, שמעקט פון איהם... דאָס בלוט שמעקט... האָט זי זיך געטוליעט צו איהם ווי אַ קליין קינד, און געוואָלט אַרויסשמעקען דאָס בלוט, דאָס גאַנצע לעבען פון איהם...

לייבצי האָט זי אַרומגעטראָגען אויף די הענד און גערעדט ווי פערריקט: גליק מיינס... גליק מיינס...

דערנאָך האָט ער זי גענומען אויף אַן אַקסעל, און זי האָט זיך אָנגעהאַלטען מיט די הענד אַן זיין האַלז.

— וועסט מיך מיטנעהמען קיין וויען?...

פּלוצים איז געוואָרען אַ רעש אין דער אַנדערער שטוב. די מאַ־מע איז געקומען. זי איז אריין אין שיינק. גוים זיינען געווען, גע־וואָלט טהעע מיט רום. און די מאַמע האָט געקרעכצט, אַז זי איז צובראָכען פון דער פּוהר. געשאָלטען די מויד, וואָס איז געבלי־בען דאָרטען. געשאָלטען לאַשקאַוויץ מיט דער גאַנצער וועלט.

וואס אין איהר איז דא, גאר גנבים, מערדערס, אי ווער איז מיר,
— און געהייסען זיך דערלאנגען א פערטעל גענזענס.

הינדע האט זיך ארויסגעכאפט פון דער שטוב און זיך אויפ־געזעצט אויף דער רויטער פריצטע׳ס פוהר. און אז זי האט דער־הערט די מאמע׳ן זי רופען האט זי זיך איינגעגראבען אין היי.

צוריקגעקומען איז זי פארנאכט מיט א קרענצעל וויינפער־לעך אין די האר, און אויף די אויערען וויינפערלעך—אוירינגלעך.

די יונגען האבען געצופט פון איהר די וויינפערלעך און אריינ־געכאפט אין מויל אריין. און הינדע האט געהוליעט, און דער קורץ האט געהוליעט.

נאך געסט זיינען שוין געווען, און אלעמען האט געבליאס־קעט דער קוק אויף הינדע׳ן. ס׳איז געווען דער דירעקטאר, דער בלייכער שול־לעהרער, וואס געהט אנגעטהאן אין א שווארצער פעלערינע מיט אויגען־גלעזער, און מוז צוליעב טהאן דעם די־רעקטאר און אויך געהן שכור׳ען, אז יענעם זאל זיין היימליכער.

זי האט אבגעווארט א מינוט, ווען די מוטער האט זיך פער־דרעהט, ארויסגע׳גנב׳עט א פאר זעקסערלעך פון׳ם טישקעסטעל און זיך ארויסגעכאפט. צו חאנצלען איז זי אריין מיט דער היג־טערטיר און זיך געהייסען אריינשיטען אין קעשענע א האלב פונט געברענטע מאנדלען.

זי האט גענומען באסי׳ן אונטער׳ן ארים און אראב שפא־צירען צום זברוטש. אין דרויסען איז שוין געווען טונקעל און הינדע׳ן האט עפיס באנג געטהאן. זי האט זיך דערמאנט אן ראובנ׳ען, אן לייבצי׳ן, און ס׳האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז זי האט עפעס פערפעהלט, געיאגט זיך נאך עפעס און נישט גע־כאפט, האט איהר נאך מעהר באנג געטהאן. פלוצים האט זי דער־הערט שפילען פידעל. אה, דעם גלח׳ס גארטען... דער רעוויזאר וואוינט דא... זי האט איבערגעלאזט באסי׳ן און אריינגעשפרונ־גען אין גארטען איבער׳ן פלויט. דער רעוויזאר האט געשפיעלט א ליעד.

הינדע איז געבליבען שטעהן הינטער איהם פערשעהמט. אט

דער רעוויזאר'ל, וואס זיצט ביי זייער שיינק-טישעל און עסט ברינזע מיט ביער, אט דאס איז ער?...

זי איז גשטאנען פערשעהמט.

אז אנדערען וואלט זי געווען פערשטעלט די אויגען, וואלט געהאנגען זיך איהם אויף די אקסלען — איינס, צוויי, איינס, צוויי — —

ער האט זיך אומגעקוקט:

— א, פריילין הילדא...

הינדע האט געזעהן, אז ער איז א שעהמעוודיגער, נישט ווי אנדערע, און אנגעהויבען ארומטאנצען ארום איהם.

דערנאך, אז זי איז געזעסען ביי איהם אויפ'ן שויס און איהם געהאדעוועט מיט מאנדלען, האט זי איהם געצופט די בלאנדע פיינע האר און געוואלט כאפען דאס ליעד, וואס ער האט גע-שפיעלט אויפ'ן פידעל. זי האט געוואלט כאפען דאס ליעד, נאר ס'האט זיך ארויסגעגלימשט. אט האט זיך געדאכט איז עס אין די אויגען, אט אין די פיינע האר, אט אין די ליפען בעהאלטען, אין די וויינע וואנצעס... זי האט זיך געקארטשעט ווי א פיאווקע נאכ'ן ליעד... אויסציהען דאס ליעד פון איהם. און דערנאך? דערנאך גארנישט, שוין...

# אין דער נאַכט

ער איז געבליבן שטעהן און אַריינגעקוקט אין ווייז־קעלער. עמיצער האָט געעפענט די טיר און עס האָט זיך דערהערט אַ פרעהליך זשומען, אויסגעמישט מיט די שפרינגענדיגע טענער פון אַ צימבעל — נאָ, מ׳מעג שוין אַריינגעהן, ס׳זיינען שוין דאַ געסט.

איז ער אַריינגעגאַנגען.

קאַפּעל איז געווען אַ בחור פון פערציג יאָהר, און אויסגעזעהן מיט צעהן יאָהר עלטער, און כאָטש ער האָט געאַרבייט און פערדיענט נישקשה, דאָך איז אין איהם תמיד געווען עפּעס אַ מין אומרוהיגקייט און עפּעס אַ מין נישט־זיכער זיין איז איהם געלעגען אויפ׳ן פּנים. ס׳האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואַרט אויף עפּעס. תמיד האָט ער געהאַט אַ פּאָר צונויפגעצויגענע איבערגעשראָקענע ברעמען און אַ נערוועזן קוק.

אַ סך האָבען געזאָגט, אַז ס׳איז דערפאַר, ווייל ער קען זיך נישט צוקלייבען קיין כלה. אַנדערע האָבען געזאָגט, ס׳אַ ליגען, אַ נעכטיגער טאָג, מען וויל איהם נישט. דריי שדוכים אָפּגעלאָזט, און מען האָט זיך גע׳סוד׳ט: דאָקטוירים, אַ פעהלער...

דאָס איז אָבער געווען נאָר בייטאָג. איז געקומען דער אויפדערנאַכט, האָבען זיך די דערשראָקענע ברעמען אויסגעגלייטערט, די אויגען האָבען זיך איהם צושפּרייט, גרעסער געוואָרען און געקוקט זיכער. קאַפּעל איז געווען אַ נאַכט־מענש, בייטאָג האָט ער געהאַט אַ פּנים ווי אַ יתום, אַז איבערגעשראָקענער, ווען דער ליכטיגער טאָג לויפט נאָך, און וואָס די נאַכט נעהמט איהם ווי אַ מאַמע אונטער׳ן פאַרטוך, און דעקט איהם צו.

דערפאר איז ער שפעט אויף געווען. איז אויסגעקומען, אז בייטאג איז ער אומגעאנגען פערשלאפען, מיעד, און ביינאכט איז ער געווען וואך, ריהרעווריג.

ער האט שטארק ליעב געהאט שמחות, דערפאר ווייל זיי זיי־נען מייסטענס ביינאכט. דעם טאג, ווען ער האט געפיהלט א שמחה, איז ער אומגעגאנגען גאר אן אנדער מענש. איז, אז ס'איז ערגעץ אויסגעקומען א חתונה ביי א בעקאנטען, פלעגט ער שוין פריהער מיט א צייט געהן געוואר ווערען, וואס פאר א חתונה ס'איז. אין א האל, צי „פרייוועט". טאמער פרייוועט, איז ער נישט צופריעדען געווען: פרייוועט — ס'איז זיך נישטא וואו אויסצור־דרעהען. מ'שטעלט גיך די חופה, און אז די חופה איז שוין אפ־געשטעלט, איז גוד־באי טשארלי... כאפט מען שוין אריין די חופה־וועטשערע, און דערנאך געהט עס שוין איינס, צוויי. אזא חתונה ציהט זיך העכסטענס ביז איינס.

ווער שמועסט, אז מען מאכט נאך אין א שוהל, איז גאר א פערשלעפעניש. דאמאלסט זוכט ער מיט אלע כחות איבערצורעדען דעם מחותן:

— איהר מעגט זיך זאגען וואס איהר ווילט, איך פערשטעה נישט... מ'מאכט חתונה דעם ערשטען קינד... נעהמט מען און מ'מאכט א פערשלעפעניש, ווי אין דער היים אן ארים־בחור.

געוועהנליך פלעגט זיך דער בעל־הבית נישט לאזען איבער־רעדען, ווייל ס'איז פשוט נישט געווען אין זיין מאכט, און דאס פלעגט ער טאקע געבען קאפלע'ן צו פערשטעהן:

— איהר ווייסט דאך, אמעריקא... קינדער מאכען זיך אליין חתונה... גיבען זיך אליין נדן... איהר ווייסט דאך, אין דער היים איז אן אנדער וועלט... דער טאטע האט אויך א שטיקעל דעה... אבער דא...

פלעגט טאקע קאפעל א קוק טהאן מיט פעראכטונג אויף אזא שטרויענעם מחותן, און זיך טראכטען: בע... ער אליין וואלט נעבער אויך געוואלט א טענצעל... זיך משמח זיין... איז ערשטענס פרעגט מען איהם נישט קיין דעה, און צווייטענס, טאנצט זיך

איהם נישט; וואס איז מיט איהם די שמחה... ווענינער א „פיידע״ ברעננער.

היינט איז גאר עפּעס אנדערש: בענצי דער קלאָוקס-מאַנו־פעקטשורער מאכט חתונה. זיינער א לאנדסמאן... ער געדענקט אפילו נאך בענצי׳ן, ווען ער האט געטראגען די שטיוועל אויף די פּלייצעס. היינט איז בענצי — בענצי, און נעהמט א פיינעם איי־דים, א נאָטארי פּאַבליק... אפילו שוין אן אלטע מויד, אן אבגע־שלאגענע הושענא, נאר דער טאטע פּערלאַטעט מיט טויזענדערס... גיט מען א סאפּער דא אין א ווייַן-קעלער. דער חתן איז אן אמע־ריקאַנער, טהוט נאך די מיליאַנערען.

דאס ערשטע אז ער איז אריינגעקומען, האט קאפּעל זיך גע־קויפט א בלום ביים באי, וואס האט ארומגעטראגען בלומען צו פערקויפען, זיך אריינגעשטעקט אין לאץ, און זיך צוגעלאזט צו די חתן-כלה אבגעבען מזל-טוב. נאר אזוי ווי זיי זיינען געזעסען ערגעץ אויבענאן, פערשפּארט, און ער האט נישט געקאנט צוטרע־טען, האט ער בלויז א שאקעל געטהאן צו זיי מיט׳ן קאפּ און האט זיך אנגעהויבען ארומדרעהען.

קאפּעל האט פיינט געהאט צו זיצען אויף אן ארט, ער האט ליעב געהאט זיך צו רעש׳ן. ביי איהם איז דאס ליעבער געווען, ווי אוועקצוזעצען זיך אויף אן ארט און אבעסען. ער האט געוואלט פיהלען, אז ער איז אויף א שמחה. דערפאר איז ער תמיד געווען דער בעסטער, ניצליכסטער גאסט אויף א שמחה.

איצט איז ער אומגעגאנגען אן „אבגעשייוועטער״, אן „אבגע־שיינטער״, מיט אן אונמעכטיגען שמייכעל, וואס האט דערמאנט אן א מענשען, וואס ליגט אין א ווארימער וואנע און ס׳איז איהם זעהר גוט. און אלדינגס האט מען ביי איהם איצט געקאנט פועל׳ן. טאמער האט עמיצער געמאכט א קרומע מינע, איז ער באלד גע־ווען אויפ׳ן פּלאץ און יענעם צופריעדען געשטעלט. יעדען האט ער געקוקט אין דער מינע אריין און געשלונגען דעם פערגעניגען שלוקווייז, ווי ער זאל מורא האבען, אז ער וועט עס מיט אמאל אויסנוצען.

זיידעל האט זיך געטהאן א רוף אן:

— קינדער, איהר ווייסט וויפיעל דער זייגער האלט? אנו, ראט... שוין צוויי דער זייגער...

זיידעל — קיינער ווייסט נישט ווי פיינט ער האט איהם, זיידלען. וואס איז דא דא צו רעדען, א מענש מיט אן אבגעפרעסען פנים, וואס געהט זיך לעגען אלע טאג צעהן, אקוראט צעהן א זייגער שלאפען. זעה, וואס פאר א פנים דאס האט...

א פאר מענשען האבען זיך אויפגעשטעלט צו געהן, און קאפ־לען איז געווארען קאלאמוטנע. ווען ער זאל איצט קאנען, שטעכט ער איהם, זיידל׳ען אריין א מעסער... אזא מיאוס׳ע בריאה... תמיד קוקט עס אויפ׳ן זייגער... און וואו א שמחה וואקסט ער אויס... זעה ווי דאס ציטערט אין בעט אריין... האט מורא, דאס קיילעכ־דיגע פנים וועט קאליע ווערען...

האט ער זיך אנגערופען מיט א בייזען קול אויף זיידל׳ען:

— ווער עס וויל געהן, זאל זיך געהן, מען האלט קיינעם נישט צו...

האט זיידעל זיך טאקע אויפגעשטעלט, זיך אנגעהויבען אנצו־טהאן און געשלעפט אנדער אהיים, בזה הלשון:

— כ׳לעבען יענקעל, קום אהיים... ס׳איז שוין צוויי דער זייגער...

האט עס קאפל׳ען אונטערגעטראגען: מילא, ווילסט אליין געהן, ברעך רוק און לענד, אבער שלעפען יענעם... זעה נאר, אט שטעלט זיך שוין אויף הירשקאוויץ מיט דער אידענע, אט הויבט זיך שוין אויף דוד... נאר דריי ווילד־פרעמדע געסט האבען זיך אויפגעשטעלט...

קאפעל האט זיך געטהאן א שטעל אנידער ביי דער טהיר, צושפרייט די הענט, און קיינעם נישט ארויסגעלאזט:

— איך לאז קיינעם נישט ארויס... אז ביי אזא שמחה זאל מען נישט פערברענגען... בענצי מאכט חתונה אן ערשטלינג... איך דארף אייך נישט דערצעהלען, אז בענצי איז אונזער אלע־מענס בעסטער פריינד, א געאכטעטער מעמבער אין פעראיין;

בענצי האט פערדיענט, אז מען זאל זיך פרעהען אויף זיינער א שמחה...

בענצי, וואס איז שוין אליין געווען טויט־שלעפעריג און גע־דאנקט גאט, וואס מען הויבט שוין אז צוגעהן, האט געווארפען אויף קאפל'ען אן אויסגעמוטשעטען קוק און געזאגט:

— וואדען, איך זאג זיי דאך...

האבען זיך א פאר אפגעשטעלט, און די איבעריגע האבען זיך פארט געריסען ארויס. און זיידעל האט אונטערגעהיצט:

— קינדער, א פערטעל נאך צוויי. איהר הערט, א פערטעל נאך צוויי...

קאפלען איז געווען, ווי עמיצער זאל איהם שניידען דאס הארץ מיט א מעסער. און ווי עמיצער, ביי וועמען מען וויל דאס לעצטע צונעהמען, האט ער זיך פערטהיידיגט, נישט געלאזט. מיט צושפרייטע הענט איז ער געשטאנען ביי דער טהיר, און דער בעטענדיגער, דערשראקענער קוק האט איטליכען ווי גע־צוואונגען צו בלייבען. האבען זיך אלע צוריק אויף זייערע פלעצער צוריקגעזעצט, און דער צימבאליסט האט אויפ'ם ניי געמוזט שפיעלען.

קאפעל האט געצויגען פון זיך די קליי, איינפאך מיט די אוי־גענע הענד ארויסגעריסען און עס אוועקגעגעבען צו די מענשען.

ער האט אויסגעליידיגט די קעשענעס, געמאכט א קאלעשאן, בעצאהלט די קלעזמער זיי זאלען נאך בלייבען, געשטעלט וויין אויף זיין איינענעם חשבון... דערביי האט ער די גאנצע צייט גע־מוזט שטעהן אויף דער וואך און היטען יעדענ'ם מינע, צי הויבט מען זיך נישט אויף...

האט זיידעל געטרונקען קאפעל'ס וויין, און אלע מאל איהם א שטאך געטהאן ווי מיט א שפיעז:

— קינדער, ס'איז האלב נאך צוויי... קינדער, ס'איז דריי... קינדער, ס'איז האלב נאך דריי...

האט קאפעל געזאגט וויצען, דערצעהלט מעשה'לעך, וואס ער האט זיך אנגעהערט שויז געננג אויף זיין לעבען. און אז דאס

אַלדינגס האָט זיך אויסגעשעפּט. האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דער־מאָנען גאָר אַלטע וויצן, וואָס די באָבע האָט נאָך דערצעהלט. די וויצן האָט ער איבערגעניצעוועט, פּערלאַטעט, אַראָבגענומען, צוגעלעגט. האָט ער טאַקע געהאַלטן די מענשן אויף'ן שטריקעל, קאָנטראָלירט זייער יעדע בעוועגונג, יעדע מינע, און טאָמער האָט זיך עמיצער אָנגערופן עפּעס מיט אַ וואָרט, וואָס האָט געקאָנט ברענגען אויף'ן געדאַנק וועגן אַהיים־געהן, אָדער וועגן דעם, אַז עס איז שוין שפּעט, האָט ער דאָס וואָרט פּערטושט, פּערבעט, דערטרונקען.

האָבן איהם די געסט געקוקט אין מויל אַריין, געזאָגט אויף איהם, אַז ער קען פּרעהליך מאַכען אַן עולם, גע'חנפ'עט און זיך געלאָזט נאָך אַמאָל אַריינשלעפּען אין רעדעל אַריין, זיך פּערגע־סען און פּרעהליך געווען.

פּלוצים האָט זיך זיידעל, וואָס איז שוין געווען טויט־שכור, אָנגערופען:

— קינדער.. איהר ווייסט... ווי שפּעט... ס'איז?... אַנו... ראַ־אַ־אַט...

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ שכור נעלעכטערל.

אַלעמענס אויגען האָבן אויף איהם אַ קוק געטהאָן.

— פינף אַ זייגער... כי־כי... ס'טאָגט שוין... — האָט ער אָנ־געוויזען אין די פענסטער.

האָבן זיך די געסט אַלע ווי איינער געטהאָן אַ הויב און זיך גענומען אַרויסשטופּען פון די טירען.

קאַפּעל איז געשטאַנען ווי נעפּלעפּט און געקוקט מיט פּער־לאַפּענע אויגען אויף זיידלען און אויף דער שמחה וואָס אַנט־לויפט, וואָס ווערט אַנטרינען גלייך מיט דער נאַכט. ער האָט אַ קוק געטהאָן אין פענסטער — יאָ, ס'טאָגט שוין.. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. די טישלעך זיינען געשטאַנען מיט לעדיגע טעלער, גלעזער, פּלעשער. דער בעל־הבית איז צוגעגאַנגען און אויסגעלאַ־

שען די נאז. ער איז געבליבען שטעהן אין דער פינסטער און גע־
זעהן ווי דער יונגער טאג רייסט זיך אריין דורך די פענסטער.

האט ער זיך אנגעטהאן דעם מאנטעל, אויפגעשטעלט דעם קאלנער און כאטש ס'איז אין דרויסען שוין געווען זומערדיג, איז ער ארויסגעגאנגען ציטערנדיג אין דרויסען.

ער האט זיך ארומגעקוקט. דער יונגער טאג האט זיך אנגע־רוקט אויף זיין נשמה ווי א כמארע. און ווי עמיצער זאל איהם וועלען איינשלינגען, האט ער זיך ארומגעקוקט אין וועלכער זייט אריין ער זאל אנטלויפען, און זיך פארקירעוועט אין א גאס, וואס איז נאך געווען אנגעלאדען מיט פינסטערניש. און מיט צונויפ־געצויגענע איבערגעשראקענע ברעמען, ווי א יתום, וואס מען האט אוועקגעריסען פון דער מאמע'ס פארטוך, האט ער זיך געלאזט נאכגעהן דער נאכט...

# שוסטעריי

קענען האט ער געקענט די מלאכה, נאר נישט מעהר. ער האט קיין מזל נישט געהאט. זי פלעגט אויך זאגען: „אז דאס מזל איז אין ד'ערד"... דאס מזל איז טאקע געווען אין דער ערד — ער האט עס שוין לאנג געוואוסט — נו, וואס־זשע האט ער טאקע געזאלט טהאן דערצו? שעלטען גאט איז מאטען אריין? מ'איז דאך עפעס א איד נישט צו פערזינדיגען. און דערצו נאך א בעל־בטחון אויך... מ'האפט דאך: אי וועה איז מיר, טאמער היינט, טאמער מארגען.

אזוי, אזוי.

דאס שוסטעריי איז א מלאכה וואס א [illegible] הענט און פיס, און לייב און לעבען. דארף מען דערצו נאך צולעגען נישט נאר דאס געזונד אליין, נאר כוח און מוח. דאכט זיך וואס איז דא די מלאכה, קלאפסט פלעקלעך — פונדעסטוועגען, אז דאס פלעקעל איז נישט ווי ס'דארף צו זיין — פלעקעלט דיר שונאי ציון אין הארץ און אין דער לונג. נאר גארנישט, אז דאס פלעקעל איז אזוי ווי ס'בעדארף צו זיין, ווערט ער נישט פערשווארצט? אי, אי, אי, ווערט ער פערשווארצט. אויסגעריסען די שונאים. אזא מכה זאל זיך זעצען די שונאים אין האלז...

נאר אן איידעל געפיהל האט ער... דאס זאגען אלע, כאטש ס'שטעכט געווען ראובעלע „גוי" אין דער לענג און אין דער ברייט. ע ר האט אן איידעל געפיהל, כאטש וואס ביי ראובעלע „גוי" איז דא ארבייט צוזעצטערהייד. דאס איידעלע געפיהל האט ע ר.

לייזער'ן אוועקגעשיקט שטודירען האט ע ר.

אַט, אַט, נאָך צוויי וואָכען קומט ער שוין אַהיים אויף וואַקאַנץ.

ווי אַזוי איז עס איהם איינגעפאַלען אַזאַ זאַך? אַ זאַ זאַך?... וואָס אַלע אויפ'ן שטראָם האָבען געלאַכט אין די פויסטען, ווען זיי האָבען דערהערט—אַ שוסטערוק פאַרגינט זיך... צי ווייסט ער מיט וואָס דאָס שמעקט — און אָבגעטראָגען האָט מען איהם נאָך ווי מ'האָט גערעדט הינטער די אויגען:

— אַן עזות פון אַ שוסטערוק, נאָכצוטאָן דוד'ל שעהנבערג... נישקשה, נישט ער וועט זיך נאָך קראַצען... ער וועט נאָך האָבען צו זינגען און צו זאָגען... די אויגען וועלען איהם נאָך גענוג אַרויס־קריכען, ביז ער וועט דערזעהן אַ זוהן אַ דאָקטאָר...

מ'האָט איהם געוואָלט איינשלינגען. און ער האָט געקוקט יע־דען אונטערטעניג אין די אויגען אַריין, גלייך ס'וואָלט געווען זייערע צוואַנציג רייניש אַ חודש. זייער אָפּגעשפּאַרט שטיקעל ברויט פונ'ם מויל. ער האָט געקוקט אין די אויגען אַריין און גע־וואַרט, געוואַרט אויף אַ גוט וואָרט, אַז אימיצער זאָל איהם זאָ־גען, ס'איז נישט אַזאַ'ן עולה, וואָס ער, אַ שוסטערוק, האָט אַזוינס אויפגעטהאָן, אָוועקגעשיקט אַ קינד שטודירען...

נאָר קיינער האָט איהם נישט געזאָגט דאָס גוטע וואָרט, און יעדער האָט איהם אָנגעקוקט נאָר דורכצושטעכען, וואָס ער, אַ שוסטערוק, האָט גענומען און געטהאָן אַזאַ זאַך.

נאָר איצט, אַז ער האָט שוין ברוך השם דורכגעשטופּט אַ יאָהר, אַ גאַנץ יאָהר — אַ גאַנץ יאָהר צו צוואַנציג רייניש אַ חודש, חוץ אָנטועכץ און ביכער — און לייזער וועט שוין אַט, אַט אַהיים קומען מיט די צוויי ווייסע פּאָסיקלעך... וואָס איין קלאַס האָט ער שוין געמאַכט, נאָר ס'איז אַזוי, אַז נייטיש, מ'געהט אַריין אין אַן אַנדער קלאַס מעג מען זיך שוין צוטשעפּען נאָך אַ פּאָסיקעל אויפ'ן קאָלנער — איצט, וואָס אַט, אַט קומט ער שוין אַהיים לייזער, האָבען שוין אויף איהם אַ סך אָנגע־הויבען צו קוקען מיט מילדערע אויגען, און אַ פּאָר האָבען שוין אַפילו געפרעגט: „ווען, זאָלט איהר מיר געזונט זיין,

קומט ער שוין, לייזער, אהיים אויף וואקאנץ?" אדער: „איהר מוזט זיך שוין רעכטען אויף א גאסט, באלד, באלד..." און איי־נער האט שוין געזאגט: „די שונאים אויף צופוקעניש"... דאכט זיך לייבעלע סטאליר האט עס געזאגט — האט אויך אן איי־דעל געפיהל, דער לייבעלע סטאליר — אי, פארוואס האט ער נישט ארויסגעוויזען דאס איידעלע געפיהל דעמאלט, ווען איטלי־כער האט איהם געוואלט אויפעסען, וואס ער האט געטהאן  א ז א זאך?... גארנישט, אז ס'געראט, בלייבט מען א חכם...

די צוויי וואכען האבען זיך לאנג געשלעפט, זיי האבען זיך גארנישט געוואלט ענדיגען — א חודש? אז ביי יעדען מאל דורכ־שלעפען די דראטווע האט ער געטראכט דערפון, און, ס'איז געקו־מען דער שבת, און די שווארצע שוסטערשע הענט זענען געלע־גען אבגעוואשענע אין די שוסטערשע קעשענעס, און גארנישט געטאן, דעמאלט האט ער ליעב געהאט א קוק צו טאן אין שפי־געל, ווי אזוי זעהט אויס זיין לייזער'ס טאטע, דעם סטודענט'ס טאטע, צי פאסט ער פאר לייזער'ן. און, אז ער האט געקוקט און געקוקט, געזוכט און געזוכט עפעס א חסרון אויף לייזער'ס טא־טען, אויף לייזער'ס טאטענ'ס פנים, האט ער פלוצים זיך אפגע־שטעלט אויף דער נאז. די נאז, די שוסטערישע נאז וואס האט זיך לעצטענס גענומען קירעווען ארויפצוצו...

פארוואס זאל זי זיך קירעווען ארויפצוצו?... וואס איז, די עלטער איז אויף איהם ארויף? און אז מען ווערט עלטער? שטראם גראם מאד מיר א לעדערנעם ספאדיק — דארף זיך די נאז קירעווען ארויפצוצו?... מה־דאך וויפיעל מענשען עס ווערען אלט, נו? אט איז אזש חיים בער'ן אריינגעוואקסען די נאז אין די וואנצים, פארוואס? ווייל איהם וואקסט זי אראבצוצו...

אלא, וואס זשע דען?... שוסטערישער מוח, סמאלע־קאפ, פא־רעשווע, פארוואס זאלסטו דא נישט פערשטעהן?... ווייל דו זיצט ביי דער ארבייט און טהוסט א וויש מיט דער אנדערער זייט האנד די נאז, כדי זאלסט נישט אויסשמירען מיט דער שווארצער האנט — איז דעפאר... איז דערפאר?... איז דערפאר, איז דערפאר... ווי

קען דאס געמאלט זיין, אז ס'איז בעשערט א זאך צו וואקסען ארויף, ווי קען דאס וואקסען אראב ?... ס'איז דאך עפעס א גאט־זאך, וואקסעניש — דאס האט דאך עפעס צו טאן מיט גאט... ווי קענסטו גאר אויף א רגע טראכטען, אז... שוסטערישער מוח... א שטייגער, אז ס'איז אנגעצייכענט א זאך עס זאל וואקסען ארויף, קען עס דאך נישט וואקסען אראב ?... ס'ווערט דאך אנגעצייכענט דארט א ו י ב ע ן ווי א נאז זאל וואקסען... היינט ווי קען קומען א מענש, און זאגען, אז דערפאר און דערפאר... שא, פאר אזעלכע אפיקורסישע מחשבות, שמייסט מען אין גהינום. זעהסט דאך אבער... געדענקסט זיך נישט פאר א געזונטען בחור מיט א נאז, ווי ביי אלע מענשען ?... שא, מ'דארף „זי" א פרעג טאן:

—פעסי, זאג מיר נאר, דו געדענקסט מיך נאך פון בחור־ווייז ?...

— וואס איז דען, וואס איז דיר פלוצים איינגעפאלען מיצקע דרינען ?... מעהר זאל מיר שוין נישט פעהלען... אז ס'געהט איינעם גוט, געהט ער אויפ'ן אייז טאנצען, וואס האסטו דיך עפעס פלוצים דערמאנט ווען די באבע איז א מויד געווען ?...

— זאג מיר נאר, כ'האב תמיד געהאט אזא נאז, צי נאר איצטער ?...

— א שווארצער חלום צו מיינע שונאים'ס קעפ, וואס ס'האט זיך מיר גע'חלומט די נאכט, און יענע נאכט... ביזטו משוגע, צי מעטערע, וואס האסטו דיך עפעס אנידערגעשטעלט און פרעגסט קלאץ־קשיות ?... הא ?... געה ברענג א קאן וואסער פון דער קרע־ניצע, דאס פעסעל איז טרוקען, ס'וועט צולעכצט ווערען... כ'האב שוין מעהר נישט וואס צו טאן, נאר זיך אנידערשטעלען טראכטען ווי אזוי די נאז איז ביי איהם געווען בחור־ווייז. מעהר קיין דאגות זאל איך נישט האבען רבונו־של־עולם, דאס זאל מיר זיין די לעצ־טע דאגה... נעהם בעסער געה און זעה, אז לייבעלע סטאליר זאל הינטערשטעלען א פיערטען פוס הינטער'ן טיש, לייזער'ל דארף באלד אהיים קומען... — — — —

אז לייזער איז געזעסען דעם ערשטען שבת ביים טיש שוין מיט פיער פיס, האט זיך איהם דער פאטער געשעמט צו קוקען אין די

אויגנן אריין. און לייזער, לייזער מיט די צווי פּאַסיקלעך אויפ׳ן קאַלנער, איז געזעסען ביים טיש, ווי ס׳דאַרף זיצען איינער, וואָס האָט שוין אליין אַ פּאָר לעקציעס און זאָגט נישט אויס, אַז ער איז הונגעריג.

בעשטענדיג האָט ער געקוקט אין דער זייט אריין... ער האָט דערציילט דעם פאָטער — און אלץ געקוקט אין דער זייט אריין — אַז ער איז דער בעסטער אין לאַטיין. האָט דערנאָך דער פאָטער נאָכדערציילט אין שניידערשען שוהל׳כעל, אַז „ער איז דער בעסטער אין „ליטיין" און, אַז ער האָט אויסגערעכענט די נעמען פון די פּראָפעסאָרען, און וועלכער ס׳איז אַ שלעכטער, און וועלכער ס׳איז אַ גוטער. האָט דערנאָך דער פאָטער נאָכדערציילט אין שניידערשען שוהל׳כעל וועלכער עס איז אַ גוטער, און וועלכער ס׳איז אַ שלעכטער, אַ מיתה־משונה זאָל ער איינגעהמען, און די מאַמע האָט דערציילט אין דרויסען אויף דער באַנק, אַז איינער איז אַ גוטער, מאריך ימים זאָל ער זיין, און איינער איז אַ שלעכ־טער, ס׳זאָל איהם אויסכאַפּען.

אַז די שוסטערקע האָט דערלאַנגט אַ טעלער מיט רעטעך מיט ציבעלעס, האָט עס חיים׳ען אַ שניט געטאָן אין הארצען, — אַ סטודענט, אַן איידעלען מענשען, גיט מען רעטעך מיט ציבעלעס. זיין איינענעם טעלער האָט ער אויפגעגעסען מיט אַ בושה אין פּנים און אַ וועהטאָג אין הארצען, מיט אראָבגעלאָזטע אויגען, און געהיט נישט צו כראַמטשען צו שטאַרק דעם רעטאַך.

איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז דער ביסען האָט איהם גע־וואָרגען אין האַלז.

און נאָכ׳ן עסען האָט ער איהם אַ פרעג געטאָן מיט אַ קלאַפּע־ניש אין הארץ: „ווּעסט אַביסעל ארויסגעהן אויפ׳ן שטראָם?"...

דאָס הארץ האָט זיך איהם געשראָקען — ווער ווייסט וואָס ס׳וועט זיך היינט טאָן אויפ׳ן שטראָם... ווייל דער עיקר איז דאָך טאַקע נאָר געווען דער שטראָם... די רעדלעך מיט מענשען אויפ׳ן שטראָם, לייבעלע סטאָליער, דער, יענער. גאָט־צו־דאַנק, דערלעבט

זיך זאָל זיין ווי ז י זאָגט, ס'זאָל נאָר נישט געשעהן קיין עיז־הרע... ער גלויבט טאַקע נישט דערינען, נאָר ער ווייסט? —

גענוג, גענוג, האָט מען איהם מען איהם פערצאַפּט דאָס בלוט, אַז ער פּלענט צוקומען צו'ן אַ רעדעל אויפ'ן שטראָס, גענוג האָט מען איהם אוועקגעריסען, איבערגעשלאָגען די רייד, נישט געלאָזט אַ וואָרט אויסרעדען — פאַרוואָס? ווייל ער איז אַ שטילער, שטופּט זיך נישט, ווי ראָוב'על'ע „גוי" מיט דעם קולאַק, וואָס יענער האָט אַ שמאַטע אין מויל, קען קיין צוויי ווערטער נישט צונויפלעגען, דער בורילע, און אַז עמיצער רעדט אַרוים עפּעס אַ וואָרט, מאַכט ער באַלד „מיסטראַם אַזוי", וואַ־דען", נאָר גאַרנישט, אַז יענער האָט אַרבייט צעזעצטערהייד, דאַרף ער שוין נישט קענען רעדען — רעדט שוין פאַר איהם דאָס טריפה'נע מויל זיינס...

און וואָס דאַרף ער שוין איצט אַ רעדעל, וואָס?... דאָס רע־דעל וועט זיך שוין איצט שטופּען צו'ן איהם... ס'וועט זיי די אויגען אַרויסקריכען.

ער האָט זיך נאָך מעהר פערשעהמט, און אַזש נישט געקענט רעדען פון דאַנקבאַרקייט צו לייזער'ן, וואָס לייזער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ טאַטען פון אַ סטודענט. און, אַז ער האָט שוין יאָ גערעדט צו'ן איהם, איז דאָס קול געווען הייזעריג, דערפאַר ווייל ער האָט עס געוואָלט מאַכען איידעל, און עס דערשטיקט צוליעב דעם קינד דעם איידעלמאַן.

— לייזער... דאַרטען וואו דו... שטודירסט... איז שוין דער שטראָס אַ קאָפּ שעהנער.

לייזער האָט געקוקט אין דער זייט אַריין און נישט געענט־פערט, חיים האָט געוואוסט פאַרוואָס ער ענטפערט נישט, וואָס וועט ער געהן ענטפערען, וואָס? אויף אַלעמען ענפערען — ז י י ריידען געצעהלטע ווערטער.

שפּעטער אַ ביסעל האָט ער זיך איהם שוין גאָר אינגאַנצען געשעהמט צו רופען ביים נאָמען, און איינמאָל האָט ער זיך גע־כאַפּט, אַז ער איהר'צט איהם...

דורד'ן שטראס איז ער געגאנגען די הענט פארלענט אויף הינטען און כאטש ער האט געפיהלט יעדען איינעם וואס שטעהט אויפ'ן שטראס, און כאטש ער האט געקענט אויסרעכענען קינד און קייט ווער ס'איז געשטאנען אין די רעדלעך, האט ער פונ־דעסטוועגען נישט געזעהן. ער האט געהאלטען די אויגען אויס־געשטארטשעט אויבען אין טויער אריין, גלייך אויבען אין טויער אריין, נישט אהער, נישט אהין, און געקוקט עפעס אויף א שפיץ פון א קוימען, פון עליושקע'ס קוימען.

דאס שווערקייט פון יעדען איינעמ'ס אויגען, פון יעדען איי־נעם, וואס איז געשטאנען אין רעדעל, האט איהם ווי עפעס צו־געקוועטשט צו'ן א וואנט, די שפען וואס ער האט געטאן אויפ'ן שטראס, זענען עפעס נישט געווען זיינע שפען, טאמער האט ער געשטעלט דעם פוס אהער, האט זיך איהם אויסגעראכט, אז מען דארף איהם גאר שטעלען פונקט פארקעהרט, און ער האט זיך עפעס געשעהמט, ניין, די פיס האבען זיך געשעהמט.

און ווען ער האט דערפיהלט אין זיך אזא גדלות מיט א פרייד, אז עס האט זיך איהם געוואלט א געשריי טאן: „א רוח אין קהל'ס טאטען"— הויך א געשריי טהאן, אז די גאנצע וועלט זאל דערהערען, דעמאלט האט ער געזאגט: „הע... הי... וואס־זשע רעכענט איהר... רעכענסטו... וויפיעל מיין איך רעכענסטו דא צו פערבלייבען ?..."

לייזער האט איהם דאס ערשטע מאל גלייך אנגעקוקט:

— כ'וויים די שטוב איז ארים... אז ס'איז פאר דיר צו שווער, קען איך אוועקפאהרען אפילו איבער־אכטאג... כ'קען איצט אויך קריגען לעקציעס...

— אי, ווען איז מיר, חלילה... ער האט עס נישט געמיינט, פערקעהרט און פערקעהרט... ער האט נישט געוואלט זאגען דאס— גלאט אזוי געפרעגט... אדרבה... ברוך הירש האט מיט איהם שוין געשמועסט וועגען אנדינגען די קינדער שטיוועלעך אויפ'ן ווינטער, און ווי וועט ער נישט געבען אן „אדרוף", ער ווייסט — ער זאגט

שוין נישט קיין סך, ווי וועט ער נישט געבען אַן „אדרוף" אַ דרייערל?... אַי, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט? ער זאָל אַזוי און אַזוי, צי האָט ער עפּעס געמיינט — נאָר גלאַט, מ'גערעט, מוז מען דאָך עפּעס רעדן.

און, אַז ער איז געגאַנגען צוריקוועגס דעמזעלבן שטראָס, איז איהם שוין נישט באַקומען, און ער האָט כסדר געקוקט אויפ'ן זוהן'ס בלויען פּאַט אַרום אַרבעל, ווייטער נישט, נאָר אויפ'ן בלויען פּאַס, און נישט אַ פּינטעל געטאָן מיט אַן אויג, אוים מורא, אוים חרטה, ווי איינער וואָס אַט האָט ער ערשט געהאַט עפּעס אַ טייערן אוצר, און אַט האָט ער עס צובראָכען...

און — אפשר האָט ער בעליידיגט דעם זוהן, און — אפשר האָט זיך חלילה דער זוהן געפונען בעליידיגט, און — אַ מצוה אויף דיר, שוסטערישער מוח, פּאַדעשווע, געהסט מיט אַן עדעלען מענשען, ביים דיר אָב די צונג, איידער דו רעדסט אַרוים אַ וואָרט... איהם קומט אַזאַ זוהן עס פּאַסט איהם ווי אַ חזיר אַ קרענציל און אַ מצוה אויף דיר, אַ מענש טאָר זיך נישט פרעהען, טאָר נישט שעלטען אין קהל'ס טאַטען, אַ מענש טאָר ביי זיך נישט זיין גרוים, אַ מענש דאַרף אַנבויגען דעם קאָפּ, זיין אַ נכנה צו יעדען איינעם — אַט אַזעלכען העלפט גאָט.

— הע, טאָמער מיינסטו חלילה, אַז כ'האָב עפּעס חלילה געמיינט... הע...

אַז לייזער האָט איהם איצט נישט געענטפערט, איז עס אויף איהם שוין געפאַלען שווער ווי אַ צענטען.

ער איז געגאַנגען אַ דערשלאָגענער, און ס'האָט איהם באַנג געטאָן וואָס די ערד טהוט נישט יעדען שפּאַן זיינעם אַ קנאַק הינטערווייַלעכס אין דער פּאַדעשווע מיט אַ האַמער, אַז די פיס זאָלען זיך איהם צובלוטיגען און אַרויסרינען איבער די פּאַדעשוועס אַריבער, דעמאָלט וואָלט איהם לייכטער געוואָרען, ועמאָלט וואָלט ער, לייזער, געזעהן, אַז ע ר איז נישט שולדיג ס'האָט זיך עפּעס אַזוי אַרויסגערעדט.

— הייסט עס, קען איך יא דא בלייבען איבער וואקאנץ?

חיים האט ארויסגערעדט מיט'ן געזונט און מיט'ן לייב, און מיט'ן לעבען:

— אד!

# דער ערץ-בישאף

אין סקאלא האט מען יא געוואוסט, אז עס קומט אראפ אן ערץ־בישאף, נור מען האט נישט געמאכט קיין גרויסע צימעס דערפון; ערשט אז מען האט דערזעהן ווי מען בויעט טויערען פון סאסנע־בוימער ביים ארייןפאהר, ערשט דאמאלס האט מען אנגעהויבען צו שמועסען וועגען דעם אויפ'ן שטראס.

מאטקעלע געלער, וואס זיין ברודער איז א גאנצער מאכער אין בורגער־אמט, האט געגעבען צו פארשטעהן: „הפנים זיי וויסען דען פון זייערע הענד און פיס? אן ערץ־בישאף מיינען זיי, איז עפיס א סמארק'יל! ביז מען דראפעט זיך ארויף אזוי הויך... אז קודם דארף מען אויסשטודירען אויף גלח, ווייל א גלח ווערט מען אויך נישט געבוירען, דערנאך נעהמט א קאנאניק, דערנאך אן אויבער קאנאניק, דערנאך געהען עפעס „עלטסטע“ וואס ער האט איצט, ערשט נאר וואס געוואוסט און שוין פארגעסען. — אה, שטשעזנע — און דערנאך ערשט געהט א בישאף, און ערשט דערנאך, העט־העט נאכ'ן בישאף געהט אן ע ר ץ ־ ב י ש א ף...

פאר וואס ס'קומט אראפ אן ערץ־בישאף קיין סקאלא, האט מען זיכער נישט געוואוסט. איינער האט געזאגט, אז אן ערץ־בישאף קומט אראפ אלע פופציג יאהר, און איינער האט געזאגט, אז ער קומט נאר ווען מען בויט א קלויסטער. העניך שדכן, וואס איז געשטאנען דערביי, האט א קוק געטאן אויפ'ן אלטען קלויסטער, און זיך געטראכט, ס'וואלט נישט געווען קיין קרומע זאך, די שטאדט דארף טאקע האבען א נייעם קלויסטער. אין דער זייט האט ער אויסגעשפיענע, נאר ביי זיך האט ער געטראכט — אליי א ניי מלבוש, די שטאדט וועט ווערען לייטישער, מעהר ציווילי־

זירם, ווייל ער, העניך האָט געוואוסט וויפיעל שרוכים עס זיי־נען אָפּגעגאַנגען נאָך דערפאַר, ווייל סקאַלאַ איז נישט קיין ציווי־ליזירטע שטאָדט.

הכּלל, די סבּרה איז העניך'ן מעהר געפעלען געוואָרען. האָט ער אָנגעהויבּען איינצורעדען איטליכען, אַז אַזוי איז עס טאַקי, און אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין. און אידען האָבּען אָנגעהויבּען גלויבּען, ווייל אַז העניך וויל עמיצען איינריידען, רעדט ער שוין איין.

רופט זיך אָן אַלטער: ס'טייטש, וואָסזשע וועט זיין מיט'ן שטאָדט זייגער, אויף וואָס וועט די שטאָדט קוקען?

דער אמת איז, אַז אַלטער האָט גאָר געוואָלט פּטור ווערען פון'ם שטאָדט זייגער. זיין דירה איז געשטאַנען לעבּען פּוילישען קלויסטער, און אַלטער איז דאָך געווען אַ פּראַצענטניק, און נישט געהאַט וואָס צו טאָן, פּלעגט ער אַ גאַנצען טאָג קוקען אויפ'ן זיי־גער, איז איהם נמאס געוואָרען דאָס קוקען ווי דער טויט, ווייל אַלטער'ן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען נישט דער זייגער, וואָלט ער געקענט עסען איין מאָלצייט נאָכ'ן אַנדערען, נאָר דער זייגער לאָזט איהם נישט. אַ שטייגער אַז ער טרינקט אויס דאָס טעפּעלע טשאָקאָלאַדע אין דער פריה, און דער זייגער איז ערשט אַכט, דאַכט זיך איהם אויס, אַז דאָס וואָס דער ווייזער דאַרף צוקומען ערשט צו צוועלף, דאָס איינגאַנצען איז שולדיג, וואָס ער איז נישט הונ־געריג, און קען נישט באַלד אויפעסען דעם אָנבּייסען.

דערווייל האָבּען זיך אַ פּאָר מענשען געזאָרגט, טאָמיר נעמט מען אַראָפּ דעם שטאָדט זייגער, און זייערע זייגערס וואָס געהען גלייך מיט'ן שטאָדט זייגער, וועלען נישט האָבּען מיט וואָס צו געהן גלייך. און טאָמער ווערען אַלע זייגערס אין שטאָדט קאַליע, ווי אַזוי־זשע וועט מען וויסען? מען קען דאָך אויסגעהן אָהן אַ זייגער.

רופט זיך אָן שלמה דער טויבּער, אַ ס'איז גאָר אַ גליק, ס'וועט ווערען אין שטאָדט אַ שפּע, מ'וועט דאָך עפּעס „באַוועך" אַ נייעם קלויסטער...

— פון אַ קלויסטער שפּע? ווי אַזוי, ר׳ שלמה?

אברהם בעביק האָט זיך מחיה געווען וואָס ער האָט שלמה׳ן געכאַפּט אין אַ גרייז.

האָט דאָך עפּעס שלמה׳ן נישט געפּאַסט וואָס מען כאַפּט איהם אין אַ גרייז, און דערצו, נאָך ווער? האָט ער געענטפערט בייז:

— גאַי טענה מיט איים, נו! — שלמה האָט גערעדט „בראַיט״, ווייל ער איז נישט געווען קיין היגער. און צו העניך׳ן האָט ער גע־קוקט און גערעדט, נאָר מיינען האָט ער געמיינט אברהם בעביק:

—פאַרוואָס פאַרשטאַיט ער דאַ נישט? גויישער קאָפּ! אַז מען באַוועט אַ קלויסטער דאַרף מען דאָך עפּים אינזשיניערען — בוי־מייסטערס, וויל איך זאָגען, — און היינט אַרביטאַרערס... די אַר־ביטאַרערס וועט מען אַראָפּברענגען פון אַנדערע שטעדט, גוים פון אַלע עקען וועלט וועלען קומען אויף די יאַרידען... איצט פאַרשטאַיט ער שוין, גוי׳שער קאָפּ?...

געמיינט האָט ער אברהם בעביק, נאָר געזאָגט האָט ער עס העניך שדכן, העניך האָט פאַרשטאַנען און געשוויגען.

הכלל מען האָט אָנגעהויבען צו האָפען אויפ׳ן ערץ־בישאָף ווי אויף משיח׳ן, להבדיל, און ברוך האָט צוגעזאָגט צו סלוק׳ען דעם נדן נאָכ׳ן ערץ־בישאָף, און אַז העניך האָט געדאַרפט געבען שכר־לימוד, האָט ער זיך אָבגעבעטען ביי שלמה דעם טויבען ביז נאָר׳ן ערץ־בישאָף, גאָט זאָל שענקען דאָס לעבען, רבונו־של־עולם.

שפּעטערצו איז געוואָרען אַ קלאַנג, אַז דער רב וועט אַקעגען געהן דעם ערץ־בישאָף מיט אַ ספר תורה. זיינען אַ פּאָר אידען נייגעריג באַפאַלען דעם שמש, שלמה פּרץ׳ן, אויפ׳ן שטראָס, צי ס׳איז אמת, — האָט שלמה פּרץ אַ פּינטעל געטהאָן מיט׳ן בלינדען אויגעל, דאָס בלינדע אויגעל, וואָס ער דערזעהט אַ קאַליע מטבע ניכער ווי אַ זעהענדיגעס, און אַ פּאַנפּע געטהאָן:

— פון וואַנען זאָל איך וויסען?

— אויבען אויפ׳ן שטראָס מאַכט מען אויך אַ טויער, און דער אַפּטייק אויך, דבורה שטעהט דאָרט.

דאָס האָט אָפּגעגעבען ראַפּאַרט גאָרעל דעם טאַטען, אַלטער׳ן.

— ס'טוט עפּעס דבורה ביי דער אַפּיטייק. וואָס? רופט זי אַהיים עסען אַנבייסען.

גאַדיע האָט דערצעהלט, אַז זי שטעהט דאָרט מיט שיינדלען און קוקט ווי מען מאַכט דעם טויער.

אַז מיט שיינדלען, איז גוט. שיינדעל איז אַ לייטיש קינד — איז ער אַהיים געגאַנגען. — — — —

דבורה איז איצט שוין געשטאַנען אַהן שיינדלען, און געקוקט ווי מען מאַכט דעם טויער. טאַקי, זי האָט אַפילו נישט געטראַכט פון לוצוק'ן... אַי וואָס לוצוק איז אַליין אַרויסגעקומען, איז ער אַרויסגעקומען, — וואָס איז זי שולדיג? וואָס איז זי שולדיג, אַז מען מאַכט דעם טויער ביי דער אַפּאַטייק? און טאָמער האָט ער איהר געזאָגט „גוטען מאָרגען" און געצויגען פאַר איהר דעם הוט, זאָל זי איהם נישט ענטפערען?

— אַ שאָד, אַזוי פיעל יונגע סאָסנע־בוימלאַך צובראָכען — אַזוי האָט ער געזאָגט, לוצוק.

„יאָ, אַ שאָד".

האָט זי נישט געזאָלט ענטפערן?

אַז לוצוק האָט געקוקט אויף איהר, האָט זי אַוועקגעקוקט.

זי איז נאָך דערנאָך געשטאַנען אַ מינוט און אַנטלאָפען. דער גאַנצער מאַרק, האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, זעהט — זי ברענט נאָך'ן שייגעץ...

דערנאָך האָט זי אַ ציה געטאָן אַראָפּ, צו די וויינהייזער...

ביי די וויינהייזער האָט זי געצעהלט די בוימלאַך, איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף... „אַזוי פיעל יונגע סאָסנע־בוימלאַך צע־בראָכען".

אַ שייגעץ איז געגאַנגען צוריק אַהיים און דאָרף אַריין אין אַ נייעם שטרויענעם קאַפּעליוש, מיט אַ פּאַווע־פעדער איינגע־שטעקט, און געשפּיעלט אויף אַ דרומבע „העי טאַם פיר האַראַיו", און דאָס גרין־בלויע אויג פון דער פעדער האָט נאָכגעזונגען.

האָט זי דערפיהלט אַ פרעמדקייט צווישען די בוימער, מיט דעם שייגעץ וואָס געהט אַליין אַהיים אין דאָרף אַריין, און האָט

נישט קיין מורא. עס האט זי א רוף געטאן צוריק דער מארק, די געוועלבען, פון וואנען עס שמעקען ארוים די אידישע סחורות. —

— — — — — — — — — — — — — — — —

די טעג זיינען געגאנגען און די וואכען זיינען געגאנגען, און דבורה האט איהרע טעג און נעכט אפגעלעבט מיט די ווערטער: „אזוי פיעל יונגע סאסנע־בוימלאך צעבראכען"...

זי האט זיך געפיהלט זינדיג וואס זי טראכט פון א שייגעץ, האט זי דערפאר מיט דער דערשלאגענקייט געהאלפען דער מא־מע׳ן אין שטוב פארצירעווען א זאק, די מאמע האט נישט פאר־שטאנען, נאר זי האט שוין נישט געלאזט גאדלען טאן דבורה׳ן צולהכעים.

אלטער איז, ווי ביז אהער, געשטאנען ביים פענסטער און גע־קוקט אויפ׳ן שטאדט זייגער, וואס ער וויל פון זיין לעבען האבען, אז א שטייגער עלף דער זייגער און נאך נישטא דאס געברא־טענעס, און צוועלף איז שוין יא דא — האט ער טאקע גע׳טענה׳ט, אז הלואי דערלעבט מען שוין, אז גאט זאל שוין עפּים העלפען — און צי קען היינט נישט ווערען פארטיג אביסעל פריי־הער.

האט ברײנע איהם אפגעענטפערט, אז אלדינגס איז גוט מיט א פארע, אז נישט...

נאר אלטער האט שוין געוואוסט וואס זי מיינט, האט ער איהר איבערגעשלאגען:

— ס׳זעהט זיך נישט אן אויף איהר די פארע, דאס שמאלץ גיסט זיך איהר נישט פונ׳ם גווידער, און ווי די מתים עסען, אזא פנים האבען זיי, זי הערט צי ניין? —

אודאי האט זי געהערט, און טאקי גענטפערט, אז הלואי לעגט ער אזוי דעם קאפ צו בילכערע זאכען, אט איז דא אין שטוב א קינד צו לייט... אי וועה איז איהר וויסטע, פינסטערע וועלט...

אויף דעם האט שוין אלטער נישט געהאט קיין לשון, נאר אינגאנצען הינטערשטעליג האט ער נישט געוואלט בלייבען, האט ער זיך אנגערופען:

— וואס זשע זאל איך איהר טהאן, אז מאיר זיסי'ן וויל זי נישט... דו, מויד, פאר וואס ווילסטו נישט מאיר זיסי'ן, פאר־וואס, הא, מויד, צו וועמען רעדט מען, צו וועמען?

דבורה איז שוין געוואוינט געווען דערצו זי איז שוין געוואוינט געווען, אז וואו זי געהט, און וואו זי שטעהט, זאל מען דערמאנען מאיר זיסי'ן, מאיר זיסי איז א וואוילער, מאיר זיסי איז א פייער, מאיר זיסי מיט'ן קנאפ אין גארגעל, און מיט די אויסגע־ביילטע פלייצעס...

זי איז שוין געוואוינט געווען צו דער מאמע'ס שאקלען מיט'ן קאפ:

— טאקי נישט? זי וויל טאקי נישט? וואס דען, זי האט זיך מיט וואס איבערצונעמען, א מיידעל איז א טייערע זאך... מאיר זיסי האט אודאי א דאגה, א בחור האט א דאגה, וואדען? אזא גלייכע זאך, וואס גלייכער קען שוין נישט זיין... דא גלייך נדן, דארט גלייך נדן, דא איבער הונדערט און צוואנציג יאהר א גלייכע ירושה, דארט איבער הונדערט און צוואנציג יאהר א גלייכע ירושה... אייגענע געשוועסטערקינדער... וואס קען שוין זיין גלייכער?

נאר דבורה איז שוין געוואוינט געווען.

ס'איז געווארען שנים, דאס אבגעשניטענע ווייץ און קארן איז געלעגען אין „סטויגען" אויף די פעלדער, און מענשען פלעגען זיך געהן באדען דורך די פעלדער מיט אנגעשניטענע היי, און דאס באדען און די זומערדיגע פארנאכטען האט געמאכט דבורה'ן אבגעברענט, לוצוק'ס ווערטער זיינען איהר נאכגעגאנגען אומעטום, איבער די סטעזשקעס, איבער די סטויגען ווייץ און קארן, העט־העט ביז צו דער מיהל, און זי האט זיך געשעמט אויסצוטאן — פאר די ווערטער... פון הינטען זיינען זיי איהר נאכגעגאנגען, די פלייצעס געברענט, דעם גאנג נאכגעקלאפט, ווי איז ער, דבורה'ס גאנג, שעהן, גראציעז? אין די אויגען אריינגע־קוקט, פון אלע שפיגלען, שעהנע אויגען, דבורה? צופלעכט דעם צאפ, לאנגע האר, דבורה?... נייז, קורצע, נישט שעהן קיין קורצע

צעפּלער, דבורה, שמיר מיט זעלבעלאָר, וואָש אין גנלע טשאַטש־קעס, ווען קריגען לאַנגע צעפּ ביז, ביז... און זינגען קענסטו, דבורה? זינג, שטילער, שטילער, קוויטשע נישט, ס׳פּאַסט נישט פאַר אַ אידיש קינד... אַ זיסע נאַר, שטילערהייד, שאַ, ווייס ביי דיר...

— אַזוי פיעל יונגע סאַסנע בוימעלאַך צעבראָכען...

דער שייגעץ איז געגאַנגען איינער אַליין אין דאָרף אַריין, אַהיים, און אַזוי שעהן געשפּיעלט אויף דער דרומבע: „העי, טאַם פיד האַראַיו"...

שמד׳ן זיך און שטאַרבען — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף דער אַנדערער וואָד, דינסטאַג אין דער פריה, האָט משה יונה געפּויקט, אַז מען זאָל פערמאַכען די געוועלבען. ביי וועמען מען וועט טרעפען דאָס געוועלב אָפען, דער וועט באַצאָהלען אַ פינפערל שטראָף. האָט מען שוין געוואוסט, אַז היינט קומט ער.

אַלטער האָט נאָך אין דער פריה אָנגעשריגען אויף גאַדיע׳ן, ער זאָל זיך נישט דערוועגען געהן קוקען, ווייל מען שמועסט, אַז ס׳וועט זיין מיליטער, וועט מען איהם צוטרעטען. שפּעטער, ווען ס׳איז שוין געוואָרען דער גרויסער רעש, האָט ער איהם ווידער נעטראָפען, און אויף איהם אָנגעשריגען:

— אַהיים געה, אַ איד טאָר נישט קוקען, איך געה אין בית־המדרש.

נאָר שפּעטער האָבען זיי זיך ווידער געטראָפען ביידע דאָרט, וואו אַ איד טאָר נישט קוקען.

דער מאַרק איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענשען, נו, איצט האָבען שוין טאַקי אַלע דערזעהן, אַז ס׳איז נישט קיין פּראָסטע זאַך. יאָוגאָן, דער שול דירעקטאָר, איז היינט נישט געגאַנגען שכור׳ען צו משה׳לע פערד אין שענק אַריין אויף אַ גאַנצען טאָג, נאָר גאַנץ פריה, ווען דער האָן האָט געקרעהט, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט טאַקי נישט מעהר ווי אויף איין גלעזעל.

די גוים אַלע, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען פון די אַרומיגע

דערפער, זיינען געווען אנגעטאן זונטאגדיג, און מען האט גע־קענט אויף זיי אנזעהן, אז זיי זיינען ביי זיך גרוים דערפאר, ווייל מען טוט אן זייער שטאדט אזא האנאר.

דבורה איז געשטאנען לעבען האנצעל׳ס געוועלב און גע־קוקט אויפ׳ן רינג מענשען וואס די פאליציינינקעם האבען אויס־געשטעלט. פראקאוויטש איז געריטען אויף א פערד, די מורא׳־דיגע פאליצייסקי וואנצעס צופלויגען, אין לאץ איינגעשטעקט א צווייגעל סאסנע, און געקאמאנדעוועט, און משה יונה שכור, מיט דער פויק אויפגעהאנגען, האט זיך איהם נאכגעשלעפט און גע־שריגען:

— נאזאד, נאזאד!

דבורה, אז זי האט דערזעהן דאס געזעמעל פון די פרעמדע מענשען, גוים, אויף איהר אידישען מארק, איז איהר געווען פונקט ווי איינעם, ווען עס קומען צו׳ן איהם פרעמדע געסט, וואס מאכען אן אן איבערקעהרעניש, געסט וואס ברענגען עפעס מיט פרעמדס מיט זיך, און לאזען עס שוין איבער אויף א שטיק צייט אין שטוב.

זי האט שוין ארויסגעקוקט אז זיי זאלען זיך צונעהן אין זייערע נארעס אריין, אין זייערע דארף־שטיבלעך, אויף די פעלדער, דא איז נישט זייערס...

וואס מען האט געמאכט דעם רינג האט קיינער נישט גע־וואוסט, איין לץ האט זיך יאקבי געשווארען, אז דעם רינג האט מען געמאכט דערפאר, אז די חזרים זאלען נישט קענען דורך.

ס׳איז שוין געווען שפעטלעך און יאונאן דער שול דירעקטאר איז נאך אלץ ארומגעלאפען פארשוויצט.

אלע האבען איצט געקוקט אויף די גלחים, פעטע און מאגערע, הויכע און קורצע, וואס אויף יעדען זעהט זיך ארוים וואס פאר א סארט מת׳לאך ער האט, פעטע צו מאגערע.

נאר אם שטרקסטען האט זיך גע׳רעש׳ט דער קסיאנדזש־קא־נאניק, וואס ער איז טאקי דער היגער גלח אליין, און וואס ער האט א פנים ווי אן אייניעהריגע טעליצע און וואס זיין איינענע קע־כין זאגט אויף איהם, אז ער איז אן עהרליכער גלח.

פּלוצים איז געוואָרען אַ ריהרעניש, אַ שטופּעניש, מענשען האָבען זיך געשטעלט קאָפּ אויף קאָפּ.

עמיצער האָט צעווייסען געטאָן אַז מען געהט.

ווער געהט? דער ערץ־בישאָף, הפּנים געהט, ניין, דער רב געהט, דעם ערץ־בישאָף געהט מען אַנטקעגען אַט־אָט... לאָזט נאָר, שטופּט אייך נישט אַזוי, רב איד, כ׳וויל זאָגען רב אַלטער...

— ווער איז, ווער איז, רב מאָטיע, איהר זעהט איהם? דעם ערץ־בישאָף, דעם רב, מיין איך...

— אָה, אָה, זאָגט כאָטש להבדיל... טפו שמשעונע, אַז אַקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר נישט בלאָזען...

— וואָס איז דאָס אייער טאַטען׳ס עסק?

— שאַ, ט׳האָסטו אַ, אידען האָבען זיך אויסגעזוכט אַ צייט ווען צו קריגען... שאַ, שטיל זאָל זיין, מ׳זינגט... ווער זינגט, וואָס זינגט... טויב זיינט איהר, צי וואָס?... דער שמש זינגט... אַט געהט דער רב דאָרטען מיט אַ מנין אידען מיט אַ ספר תורה געהט ער, רב איציקע׳ל, און רב וועלוועל האַלטען איהם הינטער דעם אָרים... דער שמש זינגט... שלמה פּרץ מיט׳ן בלינדען אויג־נעל?... וואָס זינגט דער שמש? דאָס קאַיזער ליעד זינגט ער, דאָס קאַיזער ליעד...

— רב אַלטער, אַנו, לאָזט מיך טאָן איין קוק...

רב אַלטער איז נישט אָפּגעטראָטען פון׳ם קאַסטען. ער איז געשטאַנען, און כאָטש ער האָט דערקענט שלמה דעם טויבען׳ס קול, האָט ער זיך נישט וויסענדיג געמאַכט און געענטפערט אינ־מיסטען פאַר׳רעש׳ט, פאַרטאָרעט:

— וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו זעהן, וואָס, אַז ערץ־בישאָף, נאָך נישט געזעהן, אַן ערץ־בישאָף? נאָר שפּעטער אַ מינוט איז אַלטער אַליין אַזוי שטאַרק נשתומם געוואָרען, אַז ער האָט פאַרט אָפּגעטראָטען שלמה׳ן אַ שטיקעל קאַסטען:

— שטעלט אייך דאָ, פּאַוואָלי, טרעט מיר נישט אָב דעם פוס... אָר־אָו, אָר־וואָ, אַט געהט דער רב...

דבורה איז צוגעלאָפען:

— טאטע, נעהם מיך ארויף.

האט מען איהר געמאכט פלאץ און דבורה האט געזעהן.

דער רב מיט דער שעהנער בארד איז געגאנגען אונטער א חופה, אונטערגעפיהרט פון צוויי שעהנע בעל־הבתים, און האט געטראגען א ספר תורה. פיער יונגע לייטלאך אין זיידענע קא־פאטעס, האבען געטראגען די פיער דרעננלאך פון דער חופה איבער'ן ספר.

אנטקעגען איז געשטאנען דער ערץ־בישאף, אן אלטער, גרא־הער גלח, אנגעטאן עפעס אין א קאנטיגען ספאדיק, און לעבען איהם זיינען געגאנגען גלחים מיט צלמים אין די הענט, אין שפי־צען־מאנטלען טייערע געשטיקטע מיט זילבער. און צוויי אין מאדנע קאנטיגע ספאדיקעס און ווייסע טענדע־ווערענדעס, האבען גע־טראגען דאס יוזל.

אז דער רב איז צוגעקומען נאהענט צום ערץ־בישאף, האבען זיךביידע צדים אפגעשטעלט.

די תורה אנטקעגען יוזל.

ס'איז געווארען שטיל אין מארק, אז מען האט געקענט הע־רען א פליג דורכפליהען, אלע מענשען וואס זיינען דא געוועזן אזוי פיעל, וויפיעל זאמד אין ערד, זיינען מיט אמאל אנטשוויגען געווארען.

שא.

דער ערץ־בישאף האט אנגעבויגען דעם קאפ פאר דער תורה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— אי, אידען, איך האלט עס נישט אויס... ס'איז משיח'ס צייטען...

— האסט געזעהן דו, ער האט זיך פ א ר נ י י נ ט . . .

— אוראי, וואס דען, די תורה איז עלטער, מ י ר ז י י נ ע ן ע ל ט ע ר . . .

דבורה איז געשטאנען ווי אין א חלום.

זיי וועלען געהן אויף אן אייזערנער בריק, וועלען זיי יא

אריינפאלען, און מיר וועלען נעהן אויף פאוויטינע, וועלען מיר נישט אריינפאלען...

זי האט נאכגעקוקט דעם אלטען איינגעבויגענעם רב, ווי ער האלט דאס ספר, דאס ספר אין אלטען סאמעטענעם מענטעלע מיט גאלד אויסגעשטיקט, און דער סאמעט, און דאס גאלד זיי־נען אלט, אפגעבליאקעוועט, נאר מיוחס'דיג, לייטיש, ווי אז אלטע נגידות מיט'ן זיידענעם טיבעל, וואס דאס איידעלקייט און דער יחוס ליגט איהר אין די קנייטשען פון דעם פנים, ליגט איהר אין שטויב פון די סאמעטענע פאלדען...

— מויד, פאר וואס ווילסטו נישט מאיר זיסע'ן, פאר וואס?

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין שטאדט האט זיך עס צוטראגען ווי א גוטע בשורה: ער האט זיך פארנייגט, ע ר האט זיך פארנייגט — און אז זי איז געלאפען אהיים, זיינען איהר די ווערטער נאכגעלאפען:

— וואס דען, די תורה איז עלטער, מ י ר ז י י נ ע ן ע ל ט ע ר . . .

# אַ שניט

מענשען געהען אריין און ארויס פּארק, און אלע, אלע געהען גלייך, נאר מעי הינקט א ביסעלע, אַ ב י ס ע ל ע...

ס'איז היים, און די ווייסע קליידער און די וואַרביגע בלומען־היט צינדען נאך מעהר אן דעם טאג, און דאס האַרץ ברענט נאך קיהל וואַסער, נאך ליעבעס־שפּיעל; עס ברענט פון בענקעניש אוועקצופליהען ערגעץ אין דער פרעמד, אדער עפּעס נאך אַ היים, וואס קיינער ווייסט נישט וואו זי איז.

און ווייל דאס האַרץ ברענט פון בענקעניש, שעהמט זיך עס יענעם אין די אויגען אריין צו קוקען.

מעי האט דאס קלייד ערשט נעכטען אליין אויפגענעהט. אפשר פופצעהן מאל האט זי עס אנגעמאַסטען, ווייל ביים קעלנערעל זיינען די שפּיצען געווען אַ צעהנטעל אינטש צו לאנג; און איצט — ווער זעהט די שווערע מיה, די שווערע, וואס די שפּיצען פונ'ם קעלנערעל זיינען שוין יא גלייך? ווער זעהט עס?

און היינט איז זי נעלאפען צו עני'ן, אז עני זאל געהן מיט איהר אין פּארק אריין. ווען וואלט זי געלאפען צו עני'ן? — טייערע מוזיק וועט זי דאַרטען הערען, קלאַסישע מוזיק. און עני האט געזאגט: „קלאסישע מוזיק?“ און האט נאך אלץ נישט געהאט קיין חשק צו געהן, ווייל עני האט ארויסגעקוקט אויף עפּעס אַ בחור יענעם זונטאג. קוים מיט צרות האט זי זי ארויסגעשלעפּט. ווען וואלט זי געווען געשלעפּט עני'ן? נאר אז זי איז אבער אבגעזעסען שוין אַ האלבען זומער אין דער היים און קיינער האט זי נישט גענומען אויספאהרען?... אהיים קומט מען יא צו'ן איהר, ווייל מעי איז געבילדעט און קלוג און קען רעדען שעהן. נאר

אַרויסגעהן מיט איהר וויל מען נישט, וויל מען נישט — זי חינקט אַביסעלע.

איז זי געגאַנגגען צו עני'ן. אי, וואָס דאַרף זי אַזוי גענויטיג דעם פּאַרק? צוליעב וואַלדמאַנ'ען? — אונזין.

איז זי געגאַנגגען צו עני'ן, און אַפילו עני'ס עלטערן זיינען נישט צופריעדען געווען דערפאַר, ווייל צו מעי'ן קומט אַלע מאָל אַן אַנדער בחור אַריין אין שטוב, און גאַרנישט, מען זעהט נישט און מען הערט נישט. אַפילו דער וואַלדמאַן, דאָס שרייבערעל, דער האַלעדריגע, וואָס מ'האָט איהם אַנגענעסען און אַנגעטרונקען, אַפילו ער האָט זי שוין אוועקגעוואָרפען נישט־דאַ־געדאַכט. פּאַסט עס אַ שטיינער פאַר זייער קינד?

מעי האָט פאַרשטאַנען וואָס זיי טראַכטען. אומזיסט האָט זי געהינקט אַביסעלע אויף אַ פוס? געגוג האָט עס איהר אויסגע־שאַרפט און אויסגעמוטשעט דעם שכל איהרען.

און ווי זי, עני, איז געשטאַנען קאַלטבלוטיג ביים געגרייטען טיש און געהייסען איהר וואַרטען ביז זי וועט עפּעס אַפּעסען, און יא חשק געהאַט צו געהן, און נישט חשק געהאַט צו געהן, און ווי עני'ס פאָטער האָט זי געפרעגט: „וואו געהט מען דאָס, וואו, אפשר מעג איך אויך וויסען“, און געקאַרטשעט מיט'ן שטערען, גלייך זי זאָל וועלען עני'ן פאַרפיהרען, האָט פון איהר געטריפט דאָס בלוט, און זי איז געשטאַנען און האָט זיך געוויצעלט און געלאַכט, און עפּעס אַזוי אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט אַקעגען גלאָז, וואו עס זיינען געשטאַנען די לעפעל און גאָפּעל און מע־סער, און אַזוי עפּעס אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט, אַז זי האָט נישט אונמיסטען אַ האַק־געטאָן דעם פינגער אַן דער שאַרף פון'ם מעסער, און ס'האָט אַנגעהויבען צו גיסען דאָס בלוט טאַקע אויף אַן אמת. נאָר זי האָט געמאַכט גאַרנישט דערפון און ווייטער גע־לאַכט, כאָטש וואָס דאָס האַרץ האָט איהר וועה געטאָן. נאָר ווען זיי האָבען זיך דערשראָקען און אַרויפגעגאָסען פּעראַקסאַיד, האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז דער האַק איז גאָר געווען אין

האַרץ, נישט אין פינגער, און דאָס בלוט האָט גאָר אַריינגעקאַפּעט אין האַרץ אַריין, נישט אויף דער ערד.

און אַלץ ווייל זי הינקט אַביסעלע. אַ ב י ס ע ל ע...

עני׳ן האָט זי איצט געפיהרט ווי אַן אוצר, פאַרט זי אַרויסגעשלעפּט. מען דאַרף זיין איינגעשפּאַרט, פיהרט מען אוים. בלייבט מען נישט דער נאַר.

גלייך צו בעטהאָוועג׳ס סטאַטוע זיינען זיי צוגעקומען. ביידע מיידלאַך האָבען מיט אַמאָל געפרעגט: „וואָס שפּיעלט מען?" ווייל דאָס רוישענדיגע שפּיעלען האָט זיי ביידע אָנגענעהם צוטומעלט.

אייגענטליך ווען זי זאָל נאָר איין ביסעלע קענען אויסציהען דעם פוס, א י י ן ב י ס ע ל ע, וואָלט שוין דער לינקער קנאָפּעל דערגרייכט איינגאַנצען די ערד. זי איבט נישט גענוג צו ציהען די פוס. זי איז אַליין שולדיג. אַט ווי איצט אַ שטייגער, נאָך אַביסעלע, נאָך אַ קאַפּעלע...

מעי האָט מיט אַ שמייכעל געליגען אַ פּראָגראַם ביי אַ שכנ׳טע.

די שכנ׳טע האָט איהר געזאָגט: „ווילהעלם טעלל" שפּיעלט מען".

„ווילהעלם טעלל?"

וואַלדמאַן שטעהט דאָרטען צווישען אַ פּאָר מיידלעך. וואַלדמאַן — „מיין ליעבעם פרייליין, אַ דיכטער קען זיך נישט צובינדען צו׳ן איין פרוי"...

שוין פינף יאָהר שטעהען די מיידלאַך דאָרט ביי בעטהאָווענ׳ס סטאַטוע און וואַרטען אויף אַ חתן... ווי זי...

נייז, נישט ווי זי, נישט ווי זי...

פּעראַקסאַיד האָבען זיי איהר אַרויפגעגאָסען.

אַזוי פיעל גאַפּלען און לעפעל זיינען געווען, און זי האָט געטראָפען די שאַרף פון מעסער. גראָד די שאַרף פונ׳ם מעסער האָט זי געדאַרפט טרעפען...

„ווילהעלם טעל איז שעהן!"

„יאָ, ווילהעלם טעלל איז שעהן!"

עני האָט אין זינען געהאַט דעם בחור, וואָס וועט זיך אפשר

הײנט אהין אפרײסען. עני איז א גראבע מויד, קען זיך קוים אונ־טערשרײבען. אז נישט ליגט איהר די מוזיק אין קאפ?

א, מעי האט פארשטאנען װענען װאס זי טראכט! אומזיסט הינקט זי אביסעלע? גענוג האט עס איהר דעם שכל אויסגע־שארפט און אויסגעמוטשעט...

„װילהעלם טעלל איז זעהר שעהן!"

מעי האט געקוקט אויף די געדרוקטע בוכשטאבען פון װיל־העלם טעלל און געטראכט, אז נאך שעהנער איז צו זיצען איצט ערגיץ אלײן אין א פעלד מיט א געטרײען הונט און זיך אויס־װײנען אויף עפעס, אויסװײנען זיך...

אזוי פיעל גאפלען און לעפעל זײנען געװעזן, אזוי פיעל נאפ־לען און לעפעל, און זי האט געטראפען אין שארף פון א מעסער...

דער הונט זאל ליגען שטיל אויפ'ן פעלד און זאל נישט זא־גען, רעדען גוטע רײד, טרײסט־װערטער, װײל זי הינקט אביסעלע. פעראקסײד האבען זײ איהר ארויפגעגאסען...

און שטיל און רוהיג זאל זײן די ערד, און דאס גראז אויף דער ערד זאל זײן װײך און הויך און אויסגעװאקסען, אז זי זאל דאר־טען קענען באהאלטען די בארװיסע פיס, דעם פוס װאס הינקט אביסעלע, און װײנען שטיל.

װאלדמאן איז צוגעקומען:

„אה, זײנט איהר הײנט אינטערעסאנט, דער טײװעל זאל אייך כאפען!"...

און זי האט געשמײכעלט קאלט, נאר די אויגען האבען גע־קוקט, פארשעהמט פון גליק, אין דער זײט אריין. זײ האבען גע־קוקט אין דער זײט אריין, די אויגען, און זיך פארענטפערט פאר יעדער זאך װאס זײ האבען געטראפען, װאו זײ האבען זיך אפ־געשטעלט, זײ האבען זיך פארענטפערט: „מיר זײנען נישט שול־דיג, מיר זײנען נישט געקומען אהער, װײל מיר װילען עפעס; מיר װילען נישט עפעס, מיר װילען נישט עפעס... שטיל װײנען װילען מיר ערגיץ אין א װינקעלע; נײן, מיר װילען נישט לאכען, מיר װילען נישט לאכען"...

וואלדמאַן האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ קוק, ווי איינער־וואָס האָט שוין איבערגעלייענט „דער איינציגער און זיין איי־גענטום“ און „זאַראַטוסטראַ“. ס'איז געווען אַ שטאַרקער, אַ „באַ־צווינגענדער“ קוק.

עני'ן האָט ער אויך געזאָגט אַ קאָמפּלימענט, און עני האָט געשמייכעלט. —

דערנאָך איז ער ווידער אַוועקגעגאַנגען צו יענע מיידלאַך.

און „ווילהעלם טעלל“ האָט זיך געבייזערט, זיך אויפגעהוי־בען אין דער לופט און געסטראַשעט, געקריצעט מיט די ציינער און דערשטיקט דעם צאָרן.

נאָר אַמאָל האָט זיך דורכגעריסען אַ שטיל קול, אַ כליפּען:
„נאָר אַ קליינער שניט אין פינגער, נאָר אַ קליינער שניט.. און איך וויין נישט, און איך וויין נישט... ווילהעלם טעלל, ווילהעלם טעלל...

# ווינטער שפּיעל

נעכט זיינען דעמאלט געווען ליכטיגע, דאַס ליכטיגקייט האט געשלאַגען פון אונטען, פון׳ם שנעע. אויף די מענשען איז אַ שיין געפאַלען, און, אַז די זעלביגע מענשען זענען דערנאָך געזעסען ביים אויווען און געבראַטען קאַרטאָפּליס, האַבען זיי דערצעהלט פון שנעען, פון לאַנגסטינגע שנעען, וואָס זענען געווען ביז איבער די קניע.

אומעדום, אין אַלע שטיבער, האט מען דערצעהלט די דאָזיגע ווינטערדיגע מעשיות. ביי מאַריאַסי׳ן איז שטוב אויך. מאַריאַסי האט שוין פון לאַנג געגאַרט נאָך אַ טיעפען שנעע, וואָס מען דאַרף אַנטאָן באַרליאַטשען צו דעם, און אַלע, אַלע זאָלען דערטרונקען ווערען. אַלטע אידען מיט בערד, פּונקט ווי קליינע קינדער. ווינטער איז טאַקע גוט, אַ מחיה. מ׳פּרעגעלט אַלע מאָל גענזענשמאַלץ, און ס׳איז דאַ גריוועז. און אפילו איצט, אַז זי איז געשטאַנען אין פענסטער און געזעהן ווי לאַנצי און הינדע טראָגען די גענז פון׳ם שוחט, די חנ׳עוודיגע געקוילעטע גענז מיט די העלזער אראָב, און דאָס בלוט רינט אראָב אין שנעע אריין. דאָס בלוט מאַכט אַ סליאַד אין שנעע. אַ רויטען, וואַרימען סליאַד. און אַלדינגס איז אַזוי וואַרים, ווינטערדיג וואַרים. און דער שנעע איז ווינטערדיג וואַרים, נאָר ס׳באַהאַלט דאָס וואַרימקייט אין זיך, און, אַז עמיצער איז לאַנג אין דרויסען, לויפט אין שנעע, הויבען די באַקען אָן צו פלאַמען, און דער פראָסט צינדט אָן דעם מענש.

דעמאָלט ווען ס׳איז געפאַלען דער טיעפסטער שנעע, אי זי געשטאַנען כמעט אַ גאַנצען טאָג אין פענסטער.

אז מונדזי איז פאַרנאַכט צוגעקומען מיט'ן שליטען אראָב־צופאָהרען אין דער ברענעריי, האָט מען שוין מאַריאַסי'ן נישט געקענט איינהאַלטען — ס'האָט נישט געהאָלפען דער מאַמע'ס שרייען, אַז זי וועט זיך פאַרקיהלען, אַז נישט האָט מאַריאַסי נישט געוואוסט — מונדזי איז אינמיטען צוגעקומען מיט'ן שליטען — דער גנב.

מאַריאַסי האָט זיך אָנגעטאָן די שוואַרצע קאַפּוזע — די שוואַרצע קאַפּוזע פּאַסט איהר, און אַרויסגעשאַרט די האָר פון דער קאַפּוזע, — דאָס פּאַסט איהר נאָך מעהר.

מונדזי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף איהר. מונדזי האָט אַזאַ טבע, אַז וואָס ער וויל דוקא שטאַרק קוקען, קוקט ער דוקא נ י ש ט. מיט'ן איינגעמאַכטס איז דען נישט אַזוי? אַז די מאַמע ציהט דעם איינגעמאַכטס מיט'ן לעפעל פונ'ם טעלער אַרויס, ציהט איהם, ציהט איהם, און דער איינגעמאַכטס איז בלוטיג־רויזען־רויט, וואָס ער ווייסט נישט צו דאָס וויינינגקייט איז אַזוי רויט, צי דאָס זיסקייט איז אַזוי רויט, נאָר ווייסען ווייסט ער, אַז דאָס האַרץ חלש'ט, בעט זיך נאָך אַ קאַפּ איינגעמאַכטס, ק נ י י פּ ט נאָך אַ קאַפּ איינגעמאַכטס. דאָס האַרץ קנייפּט. און די צונג בויגט זיך, ציטערט און וויל פאַר זיך אַליין פאַרזוכען דאָס מאַסאַווע געדיכטע זיסקייט פונ'ם איינגעמאַכטס, און די ליפּען ווערען נאַס, און די אַדערלעך פונ'ם גומען ציהען זיך צונויף און וואַרטען אויפ'ן נאַש — דעמאָלט קוקט ער נישט. ווייל אַז נישט ווען דען די מאַמע נישט דערזעהן אין זיינע אויגען, אַז ער איז להוט נאָכ'ן איינגעמאַכטס?

אַזאַ טבע האָט מונדזי.

און, אַז ער טראָגט אום פיינגען אין די קעשענעס פונ'ם גרויען פּעלציל, מאַכט ער זיך אויך נישט וויסענדיג.

דאָס גרויע נייע פּעלציל מיט'ן שוואַרצען פּערזיאַנער קאָלנער, פּאַסט איהם צו די אַנגעפּלאַמטע אויערן. מאַריאַסי ווייסט, תמיד, ווען ער האָט פיינגען אין קעשענע, כאָטש וואָס ער זאָגט, אַז ער האָט פיינט זיס...

און אזוי שטעהט ער תמיד מיט דער זייט מיט א פארפלאָמ־טען אויער און שווייגט. נאָר דערנאָך טהוט ער זיך ערגעץ א שע־רעווע, לייטערט זיך אויס דעם גאָרגעל מיט א „הום" און טהוט א זאָג: „ווילסט פייגען"? — מאַריאַסי קוקט איהם דעמאָלט נישט אָן, ווייל זי פיהלט, אז מען טאָר נישט קוקען אויף א מענ־שען, אז ער ווערט רויט, מ'האט אן עבירה.

דאס פערד און וועגעלע געטרויט מען איהם שוין טאקע, נאָר רויט ווערט ער —

אז נישט איז עס דען א סוד, אז מען רעכענט זיי פאר כלה־חתן? אלע ווייסען, און אלע מאכען זיך נישט וויסענדיג.

אז זי האט זיך אריינגעזעצט אין שליטען לעבען איהם און דערזעהן ווי ער טהוט א נעהם די לייצעס אין די הענט מיט א „וויא", און דאס פערד, דאס גרויסע פערד פאָלגט, און געהט, האט זי געהאט דאס חיות פון דער גאנצער וועלט — ס'פאסט איהם, ס'פאסט איהם צו זיין א חתן־בחור... און ווייל דאס חיות איז געוועזן אזוי גרויס, האט זי זיך דוקא אוועקגערוקט פון איהם.

אויפ'ן וועג אין ברענעריי, האט ער זיך געטאן א דרעה אויס צו'ן איהר מיט דער זייט, און געפרעגט: „ווילסט ארויספאהרען אויבען אין טויער? "

אודאי האט זי געוואלט פאהרען אויבען אין טויער — דער גנב — ער טהוט עס אינמיסטען.

דער שליטען איז ארויף אויף א וועג, וואו דער שנעע איז געלעגען הויך אנגעפאלען, נאָך נישט געריהרט פונ'ם אָרט. האט זייער שליטען אריינגעשניטען צוויי פאסען איןביידע זייטען וועג. נייז, מונדזי האט איינגעשניטען צוויי טיעפע פאסען אין שנעע, אט האלט ע ר די לייצעס, אט קנאקט ער מיט דער בייטש, ע ר סמאטשקעט צום פערדעל מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ און רויטע אויערן. ע ר פאהרט אהין און אהער, און אויפ'ן גלייכען וועג.

— מונדזי, ווי לאנג וועסטו פאהרען? כ'האב מורא...

מונדזי האט זיך געטאן א שטעל.

— פאַר וועמען האָסטו מורא, דו נאַר דו?
און ער האָט געטריבען דאָס פערדעל נאָך גיכער.
— זעהסט, ס'איז ליכטיג אַזוי ווי ביי'טאָג...
— וואָר־זשע פאַהרסטו, ס'מוז דאָך אַמאָל נעהמען אַן עק...
מאַריאַסי'ן האָט שוין דאָס פּנים גוט געפלאַמט פון'ם פראָסט, ווען זי האָט דערזעהן דאָס וועכטער־שטיבעל, און אַז זי האָט אַ קוק געטהאָן ווי די טאָפּאָליעס פון ביידע זייטען וועג בויגען זיך צו איינע צו די אַנדערע, שליסען זיך איבער זייערע קעפּ מיט די פאַרשנעעטע צווייגען, און דאָס ווייסקייט לאָזט זיך אַראָב אויף זיי ביידען מיט אַ שיין, איז איהר דאָס הארץ געוואָרען פול מיט געטריישאַפט צו מונדזי'ן. זי האָט געהאַט דאָס חיות פון דער וועלט, און זיך אַנגעהויבען צו טשעפּען צו'ן איהם:
— האָסט אַ טבע, נאַר עפּעס ווערסטו רויט ווי שמאַיע...
— ווער, איך ווער רויט?...
— טאָקע רב זעץ אַליין...
— ווער ס'פיהלט זיך, דער מיינט זיך...
— אַ־זיאַ־י... זעה נאַר, פאַהר נישט אַריין אין דער פאַסע אַריין, דו ביזט דאָך דער שטאַרקער פאַהרער...
— אַז ס'געפעהלט דיר נישט, קענסטו מיט מיר נישט פאַה־רען... קענסט פאַהרען מיט איציק'לען... איציק'ל...
— שאַ, דו ליגנער דו... מיינסט איך ווייס נישט, אַז ברײַנע...
מונדזי האָט געטאָן אַ שמייס דאָס פערד, האָט זיך דער שלי־טען פאַרנומען אין אַ זייט און מאַריאַסי האָט געטאָן אַ קוויטש:
— מאַמע, גוואַלד!
מונדזי האָט זיך צולאַכט און אַרויסגעפיהרט דאָס פערד אויפ'ן גלייכען וועג און האָט געזאָגט צו'ן איהר מיט אַ קול, וואָס האָט זיך געטונקען אין געפיהל און ליעבשאַפט:
— דו גולם, וואָס האָסטו מורא?... איך בין דאָ.
האָט זי זיך צוגערוקט נעהענטער צו'ן איהם:
— ווער האָט מורא?... וואָס איז דאָרטען דורכגעלאָפען?
— עה, ס'איז מסתמא אַ קליין האָזעל...

— קירעווע אוים דעם שליטען אהיים.

און אַז מונדזי איז געפאָהרען צוריק־צו־וועגס האָט ער גע־טראַכט, ווי אַזוי זאָגט מען איהר, אַז ער האָט פייגען אין קע־שענע... זאָל ער פשוט נעהמען און גלאַט אַ זאָג טאָן: "כ'האָב פייגען" — וועט עס עפּעס זיין — נע, נישט דאָס...

— מאַריאַסי... ס'איז גוט?

— וואָס?

— צו פאָהרען אין אַ שליטען...

— אַ מציאה... כ'זאָל וועלען, קען איך אַלע טאָג פאָהרען אין אַ שליטען... איציק'ל וואָלט מיך נישט גענומען?

מונדזי'ן האָט שוין אויף אַן אמת פאַרדראָסען:

— וואָס־זשע פאַהרסטו נישט?...

דער שליטען האָט זיך אָבגעשלאָגען אַן עפּעס און ביידע האָ־בען זיך דערשראָקען. מונדזי האָט געשריגען צום פערד: „סטאַי!"

מאַריאַסי האָט געזאָגט:

— וואָס מאַכסטו דיך פאַר אַ מאַכער? אַז מען קען נישט אָנ־טרייבען, טרייבט מען נישט אַן...

מונדזי האָט ברוגז געענטפערט:

— ס'איז נישט דיין עסק...

האָט זי איהם געטהאָן צוריק אַ שטורך:

— ס'איז יאָ מיין עסק...

דער ווייסער וועג איז זיי אַנטקעגען געלאָפען, די בוימער האָ־בען אוועקגעטאַנצט אויף הינטערווייִלעכס, דאָס פערדעל, דאָס ברוינע פערדעל, האָט געשפּיצט די אויערן און אַרויסגעלאָזט פאַ־רע, צוויי ווייסע זיילען פאַרע אין פראָסט אַריין.

מאַריאַסי האָט זיך דערמאָנט אַז די ווינטערדיגע מעשיות, און ווי מענשען זיינען דערטרונקען געוואָרען אין די שנעען מיט די שליטענס, און געטראַכט וועגען וועלף, וואָס האָבען אויגען ווי ברענענדע ליכט, און וואָס די וואָלפיכע שטעהט פון הינטען און וואַרט מיט די קליינע וועלפעלער, אַז די וועלף, די מאַנען, זאָלען צוברעננגען אַ מענשען, און זי האָט זיך דערמאָנט ווי אַ גוי האָט

זיך איין מאָל געשוואָרען און גע'צלמ'ט אויף אַז אַנדער גוי: „וואַווקי ז'אילי"...

זי האָט געהאַט דאָס חיות פון דער וועלט, אַז זי האָט זיך דערמאָנט פון די שנעען וואָס מען ווערט דערטרונקען און די וועלף, ווייל זי האָט שוין אָנגעזעהען דאָס ליכט פונ'ם וועכטער־שטי־בעל. און וואָס נעהענטער זי איז צוגעקומען צו דער פּאָסט, אַלץ פרייער און פרעהליכער זיינען זיי געוואָרען. מונדזי האָט זיך אַ קאָפּ נעהענטער צוגערוקט צו'ן איהר און זי געפרעגט:

— מאַריאַסי, ווילסט פייגען?

— ניין, כ'האָב פיינט זיס...

ער האָט געוואוסט, אַז זי זאָגט ליגען... ער האָט דען נישט ליעב זיס, פונדעסטוועגען זאָגט ער איטליכען ער האָט פיינט זיס... ס'איז עפּעס שעהן; אַז מען זאָגט, מען האָט פיינט זיס, ס'איז געזעצט, ס'איז לייטיש.

— כ'האָב אויך פיינט זיס, נאַר...

— מונדזי, דער שאַל איז מיר אַראָבגעפאַלען פון דער פּלייצע.

מונדזי האָט זיך אַרומגעהילט מיט'ן שאַל, און געהאַלטען די האַנט גלייך ווי דאָס וואָלט נויטיג געווען צום שאַל, און ער קען איהם נישט אַבלאָזען. מיט איין האַנט האָט ער אָנגעטריבען דאָס פערד, און מיט דער אַנדערער האָט ער צוגעהאַלטען דעם שאַל.

דער וועג איז אַנקעגען געלאָפען, די בוימער האָבען דורכגע־טאַנצט, און דאָס שליטעלע האָט זיך געגליטשט אין שנעע און געשניטען פרישע פּאַסען.

מאַריאַסי'ן האָט באַנג געטאָן די שעהנע מעשיות וועגען וועלף און טיעפע שנעען און ס'האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי האָט איבערגעלאָזט די גוטע זאַכען אויבען אין טויער — ווייל אַט זעהט מען שוין גוט אַז דעם לאַמטערן פון דער פּאָסט. באַלד וועט זי שוין זיין אין דער היים און ער וועט זיך אוועקפאָהרען אין דער ברענערייי. באַלד וועט זי הערען ווי שטאַרק ס'איז נישטאָ קיין פּרנסה אין שטוב, און מען קלייבט זיך איבערציהען אין אַן

אַנדער דירה מיט ווענינער דירה־געלד. זי האָט זיך נאָך נעהענטער צוגערוקט צו׳ן איהם:

— מונדזי...

— וואָס איז?...

— ווילסט זיך אומקעהרען?...

— כ׳וויים?..

# סחורה

די ערשטע ווארימע טעג האבען זיך אנגעהויבען ארויסצו־רייסען פונ'ם לאנגען ביטערען ווינטער. א יונגער הויך האט זיך צוטראגען איבער'ן שטראס, האט שוין אלדינגס געקראגען אן אנדער אויסזעהן. די געוועלבען־טירען האבען זיך עפּעס הילכי־גער צעסקריפּעט ביים אויפמאכען און פארמאכען, און די באנבאנס האבען ארויסגעשמעקט מיט'ן וויינינגקייט פון די בלעכענע פּוש־קעס און די סחורה האט געשמעקט פון די געוועלבען ארויס, און דאס מינץ האט געקלונגען אין די טיש־קעסטעלעך.

אפילו פסח איז נאך געלעגען דער שנעע א האלבען מעטער די טיעף, און מען האט נישט שטארק הנאה געהאט פון דעם רויטען בוריקאווען בארשט מיט די קניידלאך. און די אידען ביי די סדרים האבען נישט געזאגט מיט א טענצעלדיגען קול די הגדה ווי תמיד אין דער צייט, ווען זיי ווערען אויסגעלייזט פון דעם ווינטער און די נאסע ווענד. עס האט מעהר אויסגעזעהן ווי די אומעטיגע ימים־נוראים מיט קבר־אבות, און סליחות און פאסטען, און דער עיקר מיט א לאנגען ווינטער פאר א נאכוועהעניש, וואס וועט זיך שלעפּען איין גאט וייסט ביז וואנען.

נאר איצט, אז מען האט שוין קוים דערלעבט דאס קאפּ ווא־רימקייט, איז עפּעס ווי מיט אמאל אויף יעדען א נייע הויט ארויף און מען האט זיך מיט פרישע כחות א נעהם געטאן צום מסחר.

האט זיך די סחורה צושמעקט פון די געוועלבען ארויס, און צובליאסקעט האבען זיך אויף דער זון די רויטע און גרינע סטענגע־לעך, וואס מ'האט פערקויפט אינאיינעם מיט'ן געווירץ. די סחורה האט זיך צובליהט אין ווארימען טאג.

נחמן האָט זיך אַרומגעדרעהט צווישען די געוועלבען און געשמעקט צו דער סחורה, צו די פרישע נאָר וואָס אויפגעעפענטע קאַסטענס, וואָס האָבען אַרויסגעגעבען אַ גערוך פון פרישען האָלץ און אַראַנזשען און טייטלען.

אין דער פריה, ווי נאָר ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך אַראָבשפּאַצירט צום זברוטש; נאָר דאָרטען, אַז ס'איז אויף איהם אַ וועה געטהאָן אַ ווינטעל, וואָס האָט געשמעקט מיט פרי־שער צוּאַקערטער ערד, האָט ער זיך עפּעס דערפיהלט ווי אַז ארי־מאָן, ווען ער קומט אַריין אין אַ פרעמדער קיך אַריין — ס'איז גוט, נאָ ס'איז נישט זיינס. האָט איהם עפּעס אַ ציה געטאָן, און ער האָט ערשט רעכט דערפיהלט, ווי פרעמד ער איז דאָ. ער האָט זיך אומגעקעהרט אַ היים, און דאָס פרישע ערד־ווינטעל דאָט איהם נאָכגעיאָגט און געשמעקט אַריין אין איהם מיט אַ זיס געזאַנג פון וואַרימע טעג אין פעלד, אַז איהם, נחמנ'ען, האָט זיך גע־דאַכט, אַז דאָס הערען זיך איצט גוי'ישע געזאַנגען אין ווינטעל, סמוטנע, ווי דעם גוי'ס לעבען איז סמוטנע. איצט זינגען ווידער די גוי'ישע נשמות אויף די פעלדער ווי דאַמאָלס, ווען זיי האָבען דאָ געאַרבייט אין פעלד... און וואָס מעהר ער האָט זיך דערוווייטערט, אַלץ שטילער איז געוואָרען דאָס רוישען פונ'ם ווינטעל. די סמוטנע גוי'עשע געזאַנגען האָבען זיך איינגעצויגען, איינגעצייגען אין זיך, ווי דער לעצטער כליפּ פון אַ קינד. און איהם, נחמנ'ען, איז לייכ־טער געוואָרען אויפ'ן האַרצען. ווי ער האָט שוין דערזעהען די געוועלבען, איז ער געבליבען שטעהן און זיך געטאָן מיט אַמאָל אַ דרעה אויס, אָבצוכאַפּען דעם אָטעם, נאָד'ן בערגיגען וועג. דער אמת איז, אַז ס'איז גאָרנישט געווען דער וועג, וואָס איז נעלם געוואָרען, נאָר אָט דאָס ווייטע, ווייטע אומעטיגקייט, וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזעט אויף די פעלדער, דאָס נייע וואַרימע ווינטעל, וואָס האָט איהם אַזוי שווער געמאַכט דאָס האַרץ. נחמן האָט נישט געקאָנט לויז ווערען פון דעם. אמת, ער איז שוין געווען אַ חתן־בחור, אַ בר־דעת, וואָס אַחוץ לומדות האָט ער נאָך פער־מאָגט אייגענעם שכל אויך און אידען האָבען זיך מיט איהם גע־

בענשט און געזאגט אויף איהם, אז: „ד א ס איז תורה און סחורה און געפוצטע שטיוועל".

נאר דערטראכטען מיט'ן אייגענעם שכל האט ער פארט נישט געקאנט, פאר וואס עס איז אזוי... אומעטיג, מ'קאן נישט זאגען, ס'איז נישט דער אומעט, וואס נאך ימים־נוראים, יענער שרעקט — נאר דער איז עפעס אי זיס, אי ער מאכט עפעס יענעם טרויע־ריג, ס'וואקסט שטילערהייט, און ס'כליפעט עפעס שטילערהייט... איין גאט ווייסט... און די ערד שמעקט פריש, שווארץ צעאקערט, וויל דער גוי האט אזוי געוואלט... דערזועלבער גוי, וואס געהט צופוס פונ'ם דארף צוויי מייל נאך א באנקעלע נאפט: דערזועל־בער גוי, וועמען מען היט ער זאל עפעס נישט א כאפ טאן, און וואס צעהלט איבער דריי מאל דאס געלד מיט ציטערדיגע פינ־גער פונ'ם רויטען קניפעל און וואס וויינט, אז מען וויל איהם נישט בארגען... עשו... אזי איז ער שטארק, און אז עס קומט צו'ן עפעס, קען איהם א קינד ארייננארען אין זאק. און וואס איז מ'שטיינס געזאגט זיין לעבען?... הארעוועט ווי א בהמה סאי זומער און סאי ווינטער, מיט'ן אקער אייזען, מיט'ן פלוג. ראזאווע ברויט מיט זאלץ, די קאראמיסלע אויפ'ן אקסעל, און זינגט זיך נאך צו... אמת דאס ליעדעל זיינס איז סמוטנע, רייסט ביים הארץ, עפעס מען ווייסט נישט פארוואס, עפעס ווי פון א גלגול... גלייך ווי ער וואלט דער וועלט א גרויסען חוב שולדיג געווען און ער קען זיך איהם נישט אויסצאהלען און וועט אזוי לאנג זינ־גען סמוטנע ליעדלאך, ביז ער וועט זיינס אבקומען.

וואס נעהענטער נחמן איז צוגעקומען צו די געוועלבען, אלץ לייכטער איז איהם געווארען אויפ'ן הארץ. ער האט זיך דער־מאנט אן די שידוכים, וואס מען רעדט איהם, אן די גאלדענע שידוכים, און זיך דערמאנט, אז א חוץ דעם איז נאך דא א צפורה, א געשוועסטער־קינד אויך אויף דער וועלט, צפורה, וואס מען שמועסט אין דער זייט, אז זי שטייגט שוין איבער די מאמע'ן אין געוועלב מיט איהר רעכטקייט. און אז זי צעהלט אב יענעם אכט „זייגערלאך" באנבאנס, כאפט זי נישט אריין א באנבאן

אין מויל אריין, נאָר פיהרט זיך פונקט ווי א געזעצטער גרויסער לייטישער מענש.

די סחורה האָט פארשמעקט דעם שטראָס, און עס האָבען זיך ארייגעמישט די קולות און די רייד פון אידען. און אפילו די קולות זיינען עפּעס אינ׳ם ווארימען טאָג קלאָר געוואָרען, ריין.

אי, ווי העלפט איהם שוין גאָט, אז ער זאָל ווערען פאַר זיך אליין... דעם טאַטען מיט דער מאַמען צוהעלפען אין זייער קראָם פון לעדער, האָט ער עפּעס נישט קיין חשק, קען נישט ליידען דעם גערוך פון לעדער.

אין די הענט האָט ער שוין געוואויגען די שווערע הונדער־טער — אריבער די צעהן — גדן. די שווערע פעטע הונדערטער, וואָס א ווייטער מחותן צי פון קאַלאַמעי, צי פון סטאַניסלאָו, וועט איהם אנקענען טראָגען — און דערנאָך וועלען ביי איהם אזוי שמעקען די פרישע נייע קאַסטענס פון סחורה, די פושקעס וועלען קלינגען מיט באָנבאָנעס און געברענטע מאַנדלען, און מאַרענצלאַך, און די קרענצלאַך פייגען וועלען אראָבהענגען פון זיינע ווענד...

און אַלע מאָל האָט זיך דאָס הארץ מעהר צושפּיעלט אין נחמנ׳ן, און וואָס מעהר ס׳איז אָבגעטרעטען דער אומעט פונ׳ם יונגען צעאַקערטען פעלד, וואָס האָט זיך ארייגעצויגען אין זיין געמיט, אַלץ מעהר האָט זיך ארייגעצויגען דאָס רוישען פונ׳ם מאַרק, פון דער שפע, פון דער זאַטקייט, פון די שמעקענדיגע גע־וועלבען, און ס׳האָט איהם געצויגען דאָס הארץ פון הנאה, וואָס ער לעבט, און וואָס ד א ס איז זיינס. זיינע אידישע קינדער, וואָס דאָ קען מען אריינגעהן און אויסלאָזען צו יענעם, אז ס׳איז נישט גוט אויפ׳ן הארץ, מיט א קללה, און ס׳זאָל אָבגעהן גלאַ־טיג. און נישט ווי דאָרט וואָס ס׳נאָגט אזוי און מען ווייס נישט פאַר וואָס און פאַר ווען, און מ׳קען זיך נישט אויסקויפען פון דער נאָגעניש ביים הארצען.

ער איז אריינגעגאַנגען צום פעטער מאיר אין געוועלב און געפרעגט צפורה׳ן צי האָט זי נישט געזעהן, ער האָט דאָ איבער־געלאָזט זיין גאַרטעלע.

צפּורה האָט געזאָגט, אַז זי האָט נישט געזעהן. וואָס עפּעס דאָס גאָרטעלע מיצקע דרינען?...

נחמן האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך — אהי, ער האָט גאָר געהאַט איינגאַנצען אַ טעות, דאָס גאָרטעלע האָט גאָר חנה צו־גענומען. ער האָט אָראָבגעקוקט אויף דער וועסט וואו באַלד, באַלד וועט אַראָבהענגען אַ גאָלדענע קייט מיט אַ זייגער, וואָס דער מחותן צי פון קאַלאָמעי, צי פון סטאַניסלאַו וועט איהם מיט־ברענגען און געטאָן אַ קוק מיט ליעבשאַפט אויף צפּורה'ן.

אַ גוי איז אַריינגעקומען קויפען ליכט אין קלויסטער אַריין. ער האָט הויך גערעדט און געוואָרפען לעבעדיג מיט די הענט: נאָר כאָטש אַזוי האָט אויף איהם נחמן דערזעהן דאָס שטילע דערשלאָגענקייט, דעמזעלבען אומעט, דאָס איבערגעשראָקענקייט פאַר אַ גרויסען סוד, ווי ער האָט עס געזעהן היינט אויף'ן פעלד אויסער'ן שטאָדט, און ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי דער גוי, פּונקט ווי דאָרטען דאָס פעלד, מאָנט איהם עפּעס. זעצט זיך אָן אויף איהם, ווי איינער רעדט: קויפסט, קויפסט דאָס ברויט.. קויפסט... אַלדינגס קויפסטו... פּראָציע קויפסטו. ב ל ו ט קויפסטו...

אָבער דאָ צווישען די שמעקענדיגע סחורות האָט עס נישט אַזאַ ממשות געהאַט ווי דאָרטען אויפ'ן שטראָם איינער אַליין ביים זברוטש.

צפּורה האָט אַרויסבעלייט דעם גוי מיט די אויגען און פּע־פרעגט אין אַ חן'דעלדיגען וואָזשנעם טאָן — פאַרוואָס העלפט ער נישט אַביסעל צו אין קראָם? אָן אַנדערען וואָלט זי נישט גע־זאָגט, נאָר איהם זאָגט זי, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען האָ־בען זיך באַקלאָגט וואָס ער וויל נישט לעגען קיין קאָפּ...

נו, נו, אַ ניי געשעפט, וואָס איז, ער העלפט נישט אַלע דאָ־נערשטאָג ביים יאַריד?... ער איז אויך אַ מענש, ער דאַרף עפּעס פאַר זיך אויך טראַכטען... שוין צייט ער זאָל פאַר זיך אויך טראַכ־טען ,שוין צייט...

דאָס „שוין צייט" האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט גאָר אַ ...

נעם קול, און ס'האָט איהם שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס ער קאָן שוין, מ ע ג שוין זאָגען אויף זיך אַ חתן־בחור, אַז ס'איז שוין צייט. אַ גרויס פאַרגעניגען האָט ער געהאַט פון דעם, אַזש דאָס קול איז איהם איבערגעגאַנגען פונ'ם גרויס פאַרגעניגען, ווי ס'געהט איבער אַ פולע כלי, און ס'האָט איהם אַזש געוואָרגען אין האַלז, ווי אַ שטייגער אַ גרויסער פעטער ביסען העלזעל אָדער אַ לאָקשענער קוגעל, ווען ער טוט אַ גרויסען בים דערפון און וויל עס מיט אַמאָל אַראָבשלינגען, אַזוי פונקט האָט ער געטאָן אַ צו גרויסען בים פון דעם „שוין צייט" און הנאה געהאַט, ווייל מיט דעם „שוין צייט" האָט ער נאָך עפּעס געמיינט. די גרויס־בחור'־שע מחשבות זרות זיינען געלעגען באַהאַלטען הינטער דעם „שוין צייט." דאָס, וואָס מען זאָגט קיינעם נישט אויס, נאָר מען טראַכט ביי זיך. און טאָמער מאַכט זיך שוין אַ געלעגענהייט און מען קען דאָס אַרויסזאָגען, אַז ס'זאָל זיין אי דאָס, אי נישט דאָס, אי מען זאָל פאַרבאַרגענערהייט זינדיגען מיט די רייד, און מען זאָל דערפאַר קיין פּסק נישט כאַפּען — זאָגט מען שוין אַזאַ זאַך אַרויס מיט'ן גאַנצען כח וואָס מען קען אין זיך געפינען פאַר אַ זינדיגער מחשבה. ווייל מענשען, האָט נחמן נישט איינמאָל גע־טראַכט, שטראָפען נאָר פאַר רייד, אָבער נישט פאַר מחשבות — די מחשבות הערען זיי נישט, און די רייד הערען זיי יאָ. און פאַר רייד, האָט זיך איהם געדאַכט, דאַרף מען — מען זאָל איהם וועלען פאָלגען — גאָרנישט שטראָפען. ווייל ווי קומט די ערגסטע רייד צו די מחשבות זרות?...

צפורה האָט איהם געזאָגט, אַז עס דאַכט זיך איהר, אַז די וואַגשאָל שטעהט עפּעס נישט ווי ס'בעדאַרף צו זיין. האָט ער זיך געטאָן אַ ברייט אָן:

— „אַנו, לאָם א י ד נאָר זעהן"...

נאָר אַזוי ווי זי האָט געהאַלטען די האַנט אויף דער וואַג־שאָל, איז עפּעס אַזוי אויסגעקומען, אַז ער האָט געמוזט אָנריה־רען איהרען אַ פינגער, און ס'איז עפּעס אויסגעקומען, צי ער האָט זיך פאַררעדט צי וואָס — ער האָט געהאַלטען זיין האַנט אויף

איהר פינגער. געהאלטען, געהאלטען לענגער ווי מען האט באַ־דאַרפט... ער ווייסט — ער האט זיך פאַרשמועסט...

ער האט זיך דערמאַנט, וואס עס שטעהט געשריבען, אז ווען מען קוקט אויפ'ן מינדעסטען פינגער פון אן אשה, איז גלייך ווי מען זאל...

דאס איבעריגע האט ער שוין נישט דערטראַכט פון בושה פאַר זיך אליין.

זיך פאַרשמועסט... פאַרשמועסט... וואס דען, אז נישט... וועה־רענד זי האט געהאַלטען דעם פינגער, די האנט מיינט ער... נייז, בשעת זי, ע ר מיינט ער, האט געהאַלטען די האנט...

שא, ער האט גאַר פאַרגעסען, אז זי איז זיינס א שוועסטער־קינד, נישט קיין פרעמדע אשה. א שוועסטער־קינד מעג מען...

איז ער שוין א פרעהליכער אומגעגאַנגען אין מאַרק, איינ־געזאַפּט די סחורה, וואס האט אַרויסגעשמעקט פון די געוועלבען אַרום און אויף די גוים האט ער געקוקט ווי עס קוקט איינער אויפ'ן טויט פון א ווייטען קרוב. וואס, יאָ, ס'טוט טאַקע וועה דאס האַרץ, נאָר דערוויילּ פיהלט מען, ווי גוט ס'איז, וואס מען לעבט אליין און מען האט הנאה, וואס גאַר גאַר א ווייטער קרוב איז געשטאַרבען, וואס מען דאַרף זיך פאַר איהם נישט אַוועק־לעגען אין דער ברייט און אין דער לענג, ווי ווען עס שטאַרבט א נאָהענטער, ווען מען דאַרף פאַר זיך און פאַר יענעם יוצא זיין, און זיך נעהמען דאס לעבען.

איצט האט ער שוין געקענט פראַנק און פריי טראַכטען וועגען דעם, אז ער האט איהר יאָ אָנגעריהרט דעם פינגער, און הנאה האָבען דערפון און לאָזען די מחשבות זיך צוּוואַקסען וועגען דעם און נאָך אַמאָל זיך אויסמאַלען ווי אַט איז עס איצט. איצט האלט ער איהר פינגער און האט באמת הנאה, — וואס איז — זי איז א קרובה! מען מעג... און הלואי זעהט ער שוין דאס קייטעל מיט'ן זייגער, וואס א מחותן צי פון קאלאַמעי צי פון סטאַניסלאַו וועט איהם ברענגען, הלואי זעהט ער עס שוין ווי עס באַמבעלט זיך ביי איהם אויף דער וועסט... און פאַר די פע־

טע הונדערטעם וועט ער קויפען סחורה, אז פון זיינע קאסטענס וועלען ארויסשמעקען די אראנזשען, און די טייטלען. און ביי איהם וועלען קלינגען אין די פושקעס די באנבאנעס מיט די געברענטע מאנדלען מיט די מארענצלאך. און ביי איהם וועלען די קראנצען פיינע אראבהענגען פון די ווענד...

# דער זיווג

וואס מעהר „עלטער מיידעל“ פייגע איז געווארען, אלץ פיי־נער איז זי געווארען, און מען האט געזאגט: „פלארא איז שוין איינמאל א מיידעל. טאקע כ׳לעבען, ווי ווערדיג זי איז פון דער הינטער־גאס, איז עס גאנץ שעהן“. און אלטע האבען זיך געבענשט, אז גאט זאל איהר צושיקען א ריכטיגען זיווג.

פארוואס אלע האבען זי ליעב געהאט, איז נישט באקאנט: צי דערפאר, ווייל מענשען האבען טאקע בטבע ליעב פיינע קינדער, ס׳הייסט אזעלכע וואס זיינען שטיל, געזעצט, געפאלען ביי זיך און שטעכען נישט די אויגען מיט זייער קלוגשאפט, וואוילקע־נעוודיגקייט אדער גלאט עזות; צי דערפאר האבען זי מענשען ליעב געהאט, ווייל זי איז געווען א „פארזעסענע“ און מענשען האבען ליעב אזעלכע, וואס מען קאן אויף זיי רחמנות האבען, זאגען „נעבעך“, קרעכצען און דארפען זיך דערביי דאס הארץ אויף אן אמת נישט אפעסען. מענשען קאנען דעמאלט ווייזען, ווי גוט זיי זיינען, — אט ריהרט זיי אן יענער.

דער אמת איז, די מענשען אליין האבען נישט געוואוסט, פארוואס זיי האבען זי ליעב און אין וואס דאס ליעבשאפט בא־שטעהט, ווייל א סימן, אט א שטייגער אז מען האט אנגעהויבען צו שמועסען וועגען עפעס א שידוך, וואס ס׳האט זיך אויסגע־דאכט, אז ס׳וואלט נישט געווען קרום — האט מען שוין אנגע־הויבען זוכען אויף פלארא׳ן חסרונות: זי איז פארט פון דער הינטער־גאס, אן עלטער מיידעל, און א סך האבען גערעדט מיט פארצויגענע ברעמען אין א שטילער קול:

„זי איז א פארביסענע“...

**נאר אז ס׳האט זיך אויסגעלאזט א טייך פון דעם גליק, וואס**

מען האט געמיינט אז זי וועט כאפּען, האט מען אביסעל פרייער אבגעזיפצט און אנגעהויבען אויף איהר צוריק צו האבען רחמנות און צו קרעכצען: „פּארט א פיין מיידעל".

נאר פלארא האט עפּעס שטיל אין זיך אריינגעשמייכעלט. זי איז נישט געווען פיין פון ז י י ע ר ט ו ו עג ע ן...

פלארא האט גארנישט אויסגעוויזען ווי א פארזעסענע. דאס וואס מענשען, לאנדסלייט, וואס געדענקען זי פון דער הײם האבען זיך געשווארען, אז זי איז שוין ביי די פערציג, דאס האט זיך אויף פלארא'ן נישט אנגעזעהן. פלארא איז געבליבען ביים יונג־מיידעלשען פּנים, גלאט, בלאהליך־וויים, אהן א קנייטשעלע. די גאלדענע „ספּעקס" האבען איהר אזוי געפּאסט ווי תמיד. מען האט נישט פארשטאנען, פארוואס זי קאן נישט קריגען קיין חתן. ווער ס'האט אויף איהר געקוקט האט זיך געמוזט דערמאנען אז די „מאונטיין־פלאורס", וואס מען ברענגט אהיים פון די בערג און וואס שטעהען דערנאך אפּ אין א גלאז לעבעדיג חדשים־לאנג.

פלארא האט נישט געוויאנעט. זי איז טאקע געווען ווי א בארג־בלום, וואס עמיצער האט אריינגעשטעלט אין א גלאז. נאר פאר וואס זי איז אזוי — האט נאר זי אליין געוואוסט. ס'איז געווען איהר סוד.

די שווערע מאסע יאהרען האבען איהר נישט נעדריקט די פּלייצעס צו דער ערד. די פּלייצעס זיינען געווען גלייך און יונג, און אין קארסעט אנגעטאן. נאר פארוואס די פּלייצעס זיינען געווען אזוי גלייך, און דאס פּנים איהרס אזוי יונג און שעהן — האט זי נאר געוואוסט.

שוין פופצעהן יאהר אז זי ארבייט אין א שאפּ און באקלאגט זיך נישט. פארוואס — ווייסט ז י נאר.

די מאמע, א שטילע, אויך מיט אזא יונג פּנים ווי זי, ווערט אלע מאל שוואכער, און די איינגערע שוועסטער ווערט אלע מאל עלטער און מיאוס'ער, און אין שטוב איז דא זארג, זארג, זארג. אבער די זארג ליגט ווי א געבונדענער הונט אויף א קייט

דאָרט אין שטוב, שאַ, שטיל. און ווען זי מאַכט אויף צו גרויס דאָס מויל, הייסט מען איהר שטומען.

ווען נישט די אינגערע שוועסטער, וואָס איז נאָר צוויי יאָהר אינגער — ווען נישט זי, וואָלט פלאָרא׳ן גוט געווען אַזוי, אין איהר פיינקייט, אין איהר אָרענטליכקייט, וואָס ליגט בענשען זיך דערמיט.

נאָר די שוועסטער... אַמאָל, צוריק מיט יאָהרען, האָט זי קיין קאָפּ נישט אויפגעהויבען, נאָר מיט אַלדינגס געקוקט דער על־טערער שוועסטער אין מויל אריין, געוואַרט שטילערהייט, אַז יענע זאָל פריהער חתונה האָבען, דערנאָך וועט מען אָנהויבען צו שמועסען וועגען איהר. אָבער וואָס אַ יאָהר זי איז עלטער געוואָרען, אַלץ מעהר איז זי געוואָהר געוואָרען וועגען דעם, אַז ס׳איז אַמעריקאַ, און — ס׳טרעפּט זיך. וואָס ס׳טרעפּט זיך, האָט זי נאָך מורא געהאַט צו טראַכטען, נאָר ביסלעכווייז האָבען איהר פרעמדע אַרויסגעהאָלפען; יענע, וואָס האָבען גע־וואָלט זעהן, וואָס פאַר אַ מינע וועט פלאָרא מאַכען, ווען די אינ־גערע שוועסטער וועט פריהער אַ כלה ווערען...

האָט די אינגערע אָנגעהויבען אַרויסצורעדען ביסלעכווייז, קודם פאַרשטעלט, און אַז די קריעג איז געוואָרען שטאַרקער, האָט זי טאַקע פּשוט אַרויסגעזאָגט: „זי וויל נישט וואַרטען״... און גייטיש זי האָט נאָר אַרויסגעזאָגט דאָס ערשטע מאָל, דאָס שווער־סטע מאָל, איז עס שוין דערנאָך געגאַנגען לייכט. אַלעמאָל איז זי עזות׳דיגער, שרייענדיגער געוואָרען. געשריגען פלאָרא׳ן „אַלטע מויד״ און געשריגען, אַז זי וויל, זי וויל, זי וויל חתונה האָבען.

די מאַמע האָט זיך געקניפּען שטילערהייט אין די באַקען, גע־ביסען זיך די נעגעל און געוויינט, אַז אַן אַלמנה זאָל גאָרנישט געבוירען ווערען.

און פלאָרא האָט פיינערהייט געזאָגט דער שוועסטער, אַז זי שטעהט איהר נישט אין וועג; אויב עס מאַכט זיך איהר עפּעס, מעג זי חתונה האָבען... און פון איהר אייגענע פיינקייט זיינען איהר אַזש די טרערען געקומען אין די אויגען אַריין. נאָר די טרע־

רעז אויסגעווישט האָט זי איז אַ ווינקעל, אַז קיינער זאָל נישט זעהן.

דערנאָך איז זי געוואָרען נאָך פיינער.

פלאָרא האָט געוואוסט פאַרוואָס זי ווערט נאָך פיינער. זי האָט געוואוסט פאַר וועמען זי ווערט נאָך פיינער. —

פלאָרא איז געווען פיין — פאַר איהר זיווג.

שוין פון אַ סך יאָהרען האָט זי געהאַט צו טהאָן מיט איהר זיווג. ס'האָט זיך איהר איסגעדאַכט, אַז דער זיווג שטעהט ערגעץ הינטער איהרע פּלייצעס און קוקט, און באַקוקט זי די אַלע יאָהרען, ווי מען באַקוקט אַ כלה, ווען מען פאַהרט זיך צונויף דאָס ערשטע מאָל. איהר זיווג שטעהט און קוקט אויף איהר, און אַז זי וועט נאָר אויפהערען צו זיין פיין אויף איין מינוט, וועט ער אָוועקגעהן — נישט געפעלען די כלה.

אודאי האָט זי געוואָלט אַמאָל בייז ווערען, שעלטען, שעלטען, שעלטען, פאַרשעלטען יענעם אויף טויט, אויסדראַפּען די אויגען יענע, וואָס זיינען נאָך נישט מיער געוואָרען צו פרעגען: „וואָס הערט זיך, געהסט שוין מיט אַ באַי?” אודאי האָט זיך פון איהר געריסען די הינטער־גאַס, וואו זי איז אויפגעוואַקסען; די קללות, די מיאוס'ע רייד, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט אין דער הינטער־גאַס, וואָס זי האָט אין זיך איינגעזויגען מיט דער מאַמע'ס מילך, ווייל די מאַמע איז געווען אויך אַ הינטער־גאַסניצע פון דור־דורות. ס'האָט זיך געריסען פון איהר, נאָר דער זיווג האָט נישט געלאָזט. דער זיווג, וואָס איז איהר נאָכגעגאַנגען פוס־טריט, און זי באַקוקט און באַקוקט, ווי מען באַקוקט אַ כלה.

און אַז דער זיווג איז איהר נאָכגעגאַנגען הינטער די פּלייצעס — האָט זי נ י ש ט געזאָלט זיין פיין?...

# א ווארים באד

איבער יעדע קליינינקייט פלעגט זיך איטע אנברוגז'ן אויפ'ן מאן. און אז איטע האט זיך אנגע'ברוגז'ט אויפ'ן מאן, איז געווען ווערע צו דעם מאן, ווייל איטע איז נישט געווען פון די, וואס בעטען זיך גיך איבער. זי, אז זי האט זיך אנגע'ברוגז'ט, איז געווען אמווענינסטען אויף א וואך.

מעהרסטענס פלעגט זי זיך אנ'ברוגז'ן ווען יאנקעל האט איהר עפעס אפגעזאגט; אפגעזאגט א זאך, וואס די עהרנבערג האט יא, און זי האט עס נישט.

אויף איטע'ן האט מען געזאגט אין שטאדט, אז זי שטופט זיך צו די נגידים, און טוט נאך אלדינגס וואס די עהרנבערג טוט, און אפילו דאקטארען דאקטארט זי זיך אויך גלייך מיט דער עה־רענבערג, און ס'איז ביי איהר שוין אפילו אן עהרע, וואס זי האט נישט קיין קינדער, ווייל די עהרנבערג האט אויך נישט קיין קינדער.

און אז יאנקעל איז געוואהר־געווארען וועגען דעם, וואס מען רעדט אין שטאדט, האט ער זי גע„מוסר'ט:

— פארוואס, א שטייגער, דארפסטו געהן אלע שבת צו דער עהרנבערג? פארוואס, א שטייגער, קומט די עהרנבערג נישט צו דיר?

נו, נו, מעהר האט מען שוין נישט בעדארפט: איטע האט שוין צראפגעלאזט די נאז, פארשנורעוועט דאס פיסקעל, און שפעטער מיט א שעה האט זי ש ו י ן געקראגען דאס קרעמפען און זיך ארייננעלעגט אין בעט אריין, — אזוי האט זי זיך תמיד געפיהרט ביים ברוגז ווערען. די ערשטע זאך איז גע־ווען דאס קרעמפען. דערנאך, ווען יאנקעל האט געטהאן א קוק,

אַז ס׳איז שלעכט, עס איז נישטאָ ווער עס זאָל איהם דאָס ביסעל קאַשע מיט יויך אָפּקאָכען, ער מוז זיך אַליין גרייטען צום טיש, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו דרעהען אַרום בעט, געוואָלט זיך אײַ־בערבעטען, הייסט עס. נאָר מאָלע וואָס ער האָט געוואָלט, זי האָט דאָך אָבער נישט געוואָלט. זי האָט דאָך איהם גע־וואָלט אָנלערנען אויף אַן אַנדערט מאָל; פּלעגט זי איהם דעם ערשטען טאָג גאָרנישט ענטפערען, נאָר דעם אַנ־דערן טאָג, אַז ער האָט איהר נאָכגעגעבען, וואָס ז י האָט געוואָלט, פּלעגט זי צו׳ן איהם אָנהויבען רעדען דורך דער וואַנט; „לאָז ער נעהמען דאָס קרייזעל, לאָז ער זיך גרייטען צום טיש. אױ, וועה איז מיר, פאַרוויסט און פאַרפינסטערט איז מיין וועלט געוואָרען, מיינע שונאים זאָלען אַזוי כח האָבען צו דערכען, ווי איך האָב מיך כח צו ריהרען; לאָז ער זיך אַליין אָננעמען אַ טע־פּעלע וואַרימס; וואָס איז ער עפּעס געבליבען שטעהן ווי ליימענער גולם ?“...

ד אָ ס איז שוין געווען גאָר גוט. אַז יאַנקעל פּלעגט שוין דערהערען פון איהר אַזעלכע דבורים, האָט ער שוין נישט גע־וואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט פאַר פריידט, — זי זאָגט איהם שוין „ליימענער גולם“, באַלד וועט זי שוין ווערען אין גאַנצען חבר...

איטע איז געווען פעסט ביי זיך. אַזוי ווי ער האָט זיך מיט איהר נישט געגט באַלד נאָך די צעהן יאָהר, האָט זי זיך דער־פיהלט פאַר אַ שטאַרקען תכיף, און זיך גענומען וואָס אַ יאָהר מעהר פעסטען פאַר איהם, וואָס אַ יאָהר איהם אָפּדרעהען מעהר דעם קאָפּ. און יאַנקעל, אפילו ווען ער זאָל שוין יאָ געווען אַמאָל אַ טראַכט טאָן וועגען דעם, אַז נאָך צעהן יאָהר איז ער פּטור... אפילו ווען ער זאָל שוין י אָ געווען וועלען אַ טראַכט טאָן, האָט ער פּשוט נישט געקענט, קיין צייט נישט געהאַט. ווען? אַז תמיד איז איהר עפּעס נישט רעכט. פאַרשטעהט זיך, אַז איהם איז נאָר געלעגען אין קאָפּ זיך איבערצובעטען מיט איהר; ווי אַזוי, אַ שטייגער, בעט מען זיך מיט איהר איבער, אַז ער זאָל

האָבען ווער ס׳זאָל איהם דאָס ביסעל קאַשע מיט יויך אָפּקאָכען.
יאַנקעל איז געווען אַ וויזשניצער חסיד, און איטע האָט גע־וואָלט, אַז ער זאָל ווערען אַ טשאָרטקאָווער חסיד; דערפאַר זייַ־נען זיי אין די יונגע יאָהרען געווען אויף מעסער־שטער. פאַר־וואָס האָט איטע געוואָלט, אַז ער זאָל ווערען אַ טשאָרטקאָווער חסיד? — ווייל פון דעם טשאָרטקאָווער ווערען עקרות „געהאָל־פען"; אָט איז י ע נ ע געהאָלפען געוואָרען, אָט איז ד י גע־האָלפען געוואָרען פון דעם „טשאָרטקאָווער"; כאָטש וואָס ער איז נאָך דוקא גאָר אַ יונגער — רב ישראל׳ניו, און האָט נ י שט אַזאַ זכות אין הימעל, ווי דער אַלטער „וויזשניצער", פונדעסט־וועגען ווערט מען פון דעם אינגערען רב, ר׳ ישראל׳ניו, גיכער גע־האָלפען...
יאַנקעל האָט געוואוסט ביי זיך, אַז ז י האָט רעכט. ער ווייסט אויך פון אַ סך ווייבער, וואָס דאָרט, וואו דער וויזשני־צער האָט נישט געקענט העלפען, האָט ר׳ ישראל׳ניו י אַ גע־האָלפען. אָט, אַ שטייגער, טאָקע גיטעלע דער רבי׳צענס, קעהר זיך, דאַכט זיך, שוין אַן נאָהענט מיט׳ן וויזשניצער, אַ יאָ? — אַ שני־בשני, גליד־גליד־שוועסטער־קינד׳ס אַן אייניקעל, — פונ־דעסטוועגען האָט דער וויזשניצער גאָרנישט געקענט אויפטאָן; אויף קינדער איז ער נישט קיין גבור. און פאַרקעהרט, ווידער, ווי נאָר זי האָט זיך געווענדט צו ר׳ ישראל׳ניו, איז פונקט צו די נייַן חדשים, הלואי אויף אַלע נויטבאַדערפטיגע אידישע קינ־דער געזאָגט געוואָרען...
נאָר וואָס־זשע דען, נעהמען אַ שטייגער און ווערען אַ טשאָרטקאָווער חסיד — דאָס וועלען די שונאים, נישט צו׳ן אייך געדערט, נישט דערהאָרען. דער טאַטע וועט אין קבר נישט איינ־ליגען רוהיג; און אַ חוץ דעם, עס איז גאָר אַ סכנה, סכנות־נפש: ער האָט דאָך איהם געגעבען די האַנט ביי דער גסיסה, אַז ער בלייבט אַ וויזשניצער...
ז י האָט געוואָלט פאָהרען צו׳ם טשאָרטקאָווער — האָט ער זי געלאָזט פאָהרען צום טשאָרטקאָווער. אַי, עס האָט נישט גע־

האלפען, איז ער דאך נישט שולדיג. האסטו געזעהן? זי האט יאקבי געהאט טענות, אז עס האט נישט געהאלפען דערפאר ווייל ער, יאנקעל, איז נישט קיין טשארטקאווער חסיד! נאר מאלע וואס זי זאגט? אויף אזוי פיעל זאל ער זיך נאך נעהמען און לא־זען פאראומערען דאס לעבען זיינס? — ניין! דאס נישט!

אנדערע זאכען א שטייגער טוט ער איהר צוליעב. אי, דאס פראצענט, וואס ער האנדעלט דערמיט, טראגט נישט אזוי פיעל? פונדעסטוועגען, אז זי וויל מיטמאכען גלייך מיט דער עהרנבערג, מיט'ן פוץ דארטען, מיט'ן היטעלע דארטען, צי מיט'ן שייטעל א שטייגער, אז זי וויל מיטמאכען די מאדע מיט'ן שייטעל, און אנטאן אלע טאג דאס שייטעל גלייך ווי די עהרענבערג, אז זי וויל א שטייגער נישט געהן אין טיכעל, ווי אלע אידישע טעכטער, נאר ווי די נגידים, אין שייטעל, זאל ער נעהמען און זיך נעהמען דאס לעבען? — ער האט אנדערע צרות אויף זיין קאפ; ער האט עפעס א ביסעל בילכערע געשעפטען צו פארזארגען, ווי דאס; זיין מות, שונאי־ציון, ווערט איהם אויסגעדארט פאר עפעס א מ ע ה ר וויכטיגערע זאך, — אט א שטייגער נעהמט מען און מען וויל ארייגלעגען דאס גבאות אין נאטעל'ס הענט. — וואס נאטעל איז אן אפיקורס, א ממזר, און וועט א תל מאכען פונים אידישקייט, דער אפיקורס, אט־דער־א. ווארים ווער ווייסט דען נישט, אז נאטעל האט זיך שטילערהייט איבערגעקעהרט; נעהמט און זאגט א שטייגער — הער נאר, א חוצפה, א רציחה, א משומד צו־להכעיס קען — נעהמט און זאגט א שטייגער, וואס'י די מקוה.. די מקוה וואלט מען געדארפט ארויסלאזען צ ו ו י י מאל א יאהר, נישט איינמאל, ווייל עס פיהלט זיך... הער נאר, איך בעט דיר זעהר, א שיגעץ קען, ס'פיהלט זיך... האט איהם אבער חנינא גוט אפגעשניטען: אז ס'פיהלט זיך, האלט מען זיך צו די נאז... אהי...

איצט מיט איטע'ן, — האט זיך עפעס די רוגזה גארנישט געוואלט ענדיגען. — ממה־נפשך: דארפסט א ניי היטעלע? קויף דיר א ניי היטעלע; א ניי שייטעל? קויף דיר א ניי שייטעל;

אבי לאז צורוה, אז עק, א סוף זאל עס נעהמען. ער האט איהר שוין נאכגעגעבען, זי האט שוין צו'ן איהם גערעדט דורך דער וואנט: „לאז ער", שוין געוויזען א פרייע מינע, איהם שוין אנ־גערופען „ליימענער גולם"; עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אט אט ווערט זי חבר, — נאר מען זעהט נישט און מען הערט נישט! א גאנצען טאג האט ער זיך היינט געדרעהט ארום בעט, וואו זי ליגט און קרעכצט; ער האט זיך שוין אויף אן אמת דערשראָ־קען: אפשר איז זי טאקע אויף אן אמת נישט געזונד?

ער איז צוגעגאנגען נעהענטער.

— איטע, אפשר וואלט איך גערופען דעם דאקטאר?...

איטע האט א קרעכץ געטהאן, אז עס האט געקענט ריהרען א שטיין, און גערעדט צו'ן איהם דורך דער וואנט:

— כ'בין איהם מוחל... דער דאקטאר וועט מיר נישט העלפען...

— וואס דען? אפשר א היטעלע?

איטע האט זיך צוואויינט:

— אז אך און אז וועה איז צו מיינע יונגע יאהרען! אז כ'האב אפילו נישט פאר וועמען א קרעכץ צו טאן... אט געהט מיר מעהר נישט אב נאר א היטעלע... ער מיינט, ס'א שפיעלכעל, מיינט ער... האב נישט מורא, וועסט דיך — ער וועט זיך נאר שלאגען איין הארץ אריין דערפאר... ער פיהלט גארנישט, וואו ער שטעהט איין... ער מיינט, א מלאך שפיעלט זיך מיט איהם... האב נישט מורא, ס'הענגט איבער איהם גענוג צרות, ס'הענגט איבער איהם גענוג...

יאנקעל האט זיך דערשראקען צום טויט און איבערגעשלאגען:

— איטע... וואס עפעס נייעס?...

— וואס זאל זיין נייעס?... אי וועה איז מיין וועלט, וויסט און פינסטער איז מיר; ס'איז שוין אלטס, און ער פרעגט, וואס איז נייעס...

— איטע... זאלסט מיר נאר אזוי לעבען און געזונד זיין, ווי דו זאגסט, וואס איז נייעס...

איטע האט זיך דערשראקען פאר דעם, וואס ער האט זיך

דערשראַקען, און אַז ער האָט געזעהן, ווי זי איז דערשראַקען, האָט ער זיך נאָך מעהר דערשראַקען:

— איטע, זאָלסט אַזוי נישט יונג שטאַרבען, ווי דו זאָגסט מיר וואָס...

ביי דער שבועה האָט שוין געהאָלפען, ווייל איטע האָט מורא געהאַט פאַר יונג שטאַרבען — וואָס מעהר אַ יאָהר זי האָט זיך דערנעהענטערט צו די פופציג, אַלץ מעהר האָט זי געציטערט פאַר אַ יונגען טויט. און דערפאַר האָט זי זיך, נאָר עפּעס, גע־שוואָרען: „איך זאָל אַזוי באַוואָרענט זיין פון אַ יונגען טויט".

איצט, אַז יאַנקעל האָט זי פאַרשוואָרען מיט אַ יונגען טויט, האָט זי זיך דערשראַקען:

— משוגע'נער, משוגע'נער, זעה נאָר, זעה, וואָס פאַרשווערסטו מיך עפּעס? פאַרשווערט מיר גאָר, נו, געזעהן אַזוינס? אהי, אויף מיינע שונאים'ס קעפּ, אויף זייערע הענט און פיס, אויף זייער לייב און לעבען...

— איטע...

זי האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל זי נישט פאַרשווערען נאָך אַמאָל, און האָט פאַרכאַפּט:

— כ'וואָלט געדאַרפט... עהע, עהע, ע־ה־ע־ע־ע... אַי, ס'שטעכט מיך אין די פּלייצעס... מ'שטיינס געזאָגט, איין גאַנץ אבר האָב איך דען אין מיר?... ווען איך געה צו'ן אַ גרויסען פראָ־פעסאָר, וואָלט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, אוי... נאָר גאָר־נישט, אַז כ'האָב מיך אָנגעפרענט אַ שטיינער צו יאַנקעל בונצי'ס... אַט ביי לייטען... אַ שטייגער די עהרענבערג...

איטע האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און זיך געשאָקעלט:

— ביי לייטען... די עהרענבערג... פאָהרט מען אין אַ וואַרים־באָד...

— אַזוי... אַ וואַ—רים—באָד...

— אַ וואַרים־באָד, אַ וואַרים־באָד.

— אַ וואַ — רים — באָד...

יאַנקעל האָט נישט געקענט קומען צו זיך. אויף אַזאַ קלאָפּ

האָט ער זיך נישט גערירט. האָט ער געהאַלטען אין איין אויסצי־הען: אַ—וואָ—רים—באָד... די—עה—רענ—בערג פאָהרט אין אַ וואָ־רים באָד?... עה... די עה—רענ—בערג... ווער קען זיך גלייבען צו דער עהרענבערג?

איטע האָט זיך ווייטער געשאָקעלט:

— נו, וואָס מיינסטו, געהט מען טאַקע יונגערהייט פון דער וועלט... אי! ס'קרעמפּען האָט מיך שוין ווידער געכאַפּט... אי...

זי האָט געטהאָן אַ פאַל צוריק, ווי אַ ליים.

און יאַנקעל האָט געטראַכט: ס'קרעמפּען — שלעכט...

— זאָג מיר נאָר, איטע... מיט וויפיעל שמעקט דאָס?... דאָס וואָרים־באָד אַ שטייגער?...

איטע האָט זיך אַ קרום געטאָן:

— כ'וויים? אַרום אַ הונדערט און פופציג,אָדער צוויי הונ־דערט רייניש...

— עה—ה—ה... צוויי הונדערט רייניש?... עה—ה—ה—ה...

נאָר ווען ער האָט געזעהען, אַז דער קרעכץ ביי איהר ווערט שטאַרקער, און זי פאַרמאַכט אַלע מאָל מיט די אויגען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די רוגזה וועט זיין אַ לאַנגס און אַ ברייטס, און זיך פאַרכאַפּט:

— איטע, ווען פאָהרט זי, די עהרענבערג?...

איטע האָט שוואַך אַרויסגעקרעכצט:

— שבת נאָך שבועות...

יאַנקעל האָט זיך אויפגעשטעלט:

— שבת נאָך שבועות?... וועלען מיר זעהען... — — —

# אָבגעשניטענע האָר

(מיין מוהמע צפורה אַ מתנה)

ביז אַכצעהן יאָהר האָט איהר די מאַמע געצוואָגען די צעפּ, זיינען זיי טאַקע געוואַקסען אַהן עין־הרע ווי אויף הייוען. שוואַרץ און געדיכט, און לאַנג ביז, ביז נאָך דער טאַליע.

שיינדעל איז געוואַקסען אַ בריאה־נפלאה פון קליינערהייט אָן. דאָס קליידעל האָט פון איהר אַראָבגעשמעקט, און געוואַקסען גלייך מיט איהר. איהר מערעזשעז, איהר צירעוועז האָט מען אַרומגעטראָגען אויפ'ם חידוש קוקען, און וואָס האָט זי נישט געקענט? אַ פויגעל האָט זי נאָכגעמאַכט ווי ער פליהט.

אין שוהל, האָט זי די פרומע מאַמע נישט געלאָזט געהן, ווייל ווען נעבע זאָל זיך נישט געווען לערנען שרייבען, וואָלט זי נישט געווען געשריבען קיין ליעבעס־בריוועלעך צום רעוויזאָר. נאָר דאָס וואָס זי מיט איהר אייגענעם שכל האָט פאַרשטאַנען, האָט די מאַמע נישט געקענט ביי איהר אָוועקנעהמען. און שיינדעל האָט געהאַט שכל. אַ וואָס מ'האָט איהר חתונה געמאַכט צו ניינצעהן יאָהר מיט אַ קראַנקען אַלמן, און ער איז שפּעטער דריי חדשים געשטאָרבען — איז עס אַ מזל־זאַך. דאָס אומגליק איז געווען, וואָס טאַקע אין דעמזעלבען יאָהר איז איהר אָבגעשטאָרבען דער טאַטע מיט דער מאַמע'ן, מיט דער געטרייער מאַמע'ן, און זי איז געבליבען ווי אויפ'ן וואַסער.

שיינדעל האָט געהאַלטען אין איין וויינען. נאָך וואָס זי האָט מעהר געוויינט, האָט זי אַליין נישט געוואוסט, צי נאָך די צוויי אָבגעשווירענע צעפּ, וואָס האָבען זי אַלע מאָל דערמאָנט, אַז זי האָט שוין אַ פערבונדענעם קאָפּ, צי נאָך דער מאַמע'ן, דער גע־

טרייער. נאר דאס קליינע שטיבעלע איז איהר איבערגעבליבען בירושה. דאס קליינע, פיסנע שטיבעלע אהן א שטיקעל ברויט.

שיינדעל האט נישט געהאט וואס צו עסען. די ברידער זיינען אליין געווען ארימע לייט, און עס איז געווען גענוג שעהן — האבען זיי געזאגט, — אז זיי לאזען זי וואוינען אין דער דירה.

אז די מאמע האט געלעבט, פלעגט זי זיך קויפען פאר א גרייצער דיניע־קערלעך און דערנאך פארטרונקען מיט א קאלטען טרונק וואסער, איז איהר צוגעקומען א שטיק געזונט. אבער איצט, אז דער גרייצער איז נישט געווען, האט זי זיך נישט געקענט פארגינען.

זי איז נעלאפען הונגעריגערהייט אויפ'ן בית־עולם און אויסגענאסען בוק־טרערען, ווען נישט אסתר, ווייסט איין גאט, וואס ס'וואלט פון איהר היינט געווען.

אסתר איז געווען דוקא א בעל־הביתיש קינד, נאר וויל לייט האבען מיילער, האט מען אויף איהר אויסגעטראכט, אז זי האט ליעב צו שמועסען מיט'ן כלי־זמר־יונג. שיינדעל האט געוואוסט, אז ס'א נעבטינער טאג, הלואי וואלט איטליכער געהאט איהר כאראקטער — זיצט און ארבייט אויפ'ן מאשין, און ניט אריין, אין שטוב אריין.

שיינדלע'ן האט זי נעוואלט פאר א חבר'טע, וויל שיינדעל האט געהאט א שם פאר אן עהרליך קינד.

און שיינדעל האט זיך צו'ן איהר צוגעלאנטשעט, זי האט געוואוסט, אז אסתר איז א קלוגע, א לייטישע, כאטש וואס מען רעדט אויף איהר. אז זי איז הונגעריג, האט זי איהר קיינמאל נישט געזאגט, זי האט זיך געשעהמט. ס'האט זיך איהר געדאכט, אז ס'איז א גרויס פארברעכען, דאס וואס זי איז הונגעריג, אי וואס איז זי שולדיג?

ביסלעכווייז האט זיך שיינדעל צוגעלערנט נעהען, און דערנאך האט זי שוין פערדיענט א מאנגער א טאג, א גאנצען מאנגער, א גרייצער מיט א האלבען. אי זי שוין נישט אזוי אומגעגאנגען שלינג און שלאנג.

און, אז זי האט ביסלעכווייז אנגעהויבן צו נעהען פאר זיך, און דערזעהן מיט אמאל א גאנצען ראניש, האט זי געפיהלט, אז זי ווערט אויפגעריכט. באלד איז באשאפען געווארען א רויט סאטין שירצעל, מיט א פאר מעשטעס פון גאלד־קאליר מיט פאר־צירקעלאך און א לומפען־בלוזע. באררא מיט בארענעק געפוצט, און פון דער בלוזע האט געשמעקט.

זי איז געווען רעכט — האט מען געזאגט — ווי די גאנצע וועלט, און לייטיש.

נאר זי — אין איהר האט געוויינט דאס הארץ. זי האט אלע מאל א קוק געטהאן אויפ'ן שייטעלע מיט דער נזשיוועקע פון פאר־רענט, האט איהר א צופ געטהאן דאס הארץ — שוין א צוגע־בונדענעם קאפ.

ביינאכט האט זי זיך געגלעט דעם אבגעשוירענעם קאפ, אראב און ארויף, אראב און ארויף, זיינען זיי טאקע גיך געוואקסען, גיך, שעהן, נאר ביי איהר האט עס אויסגעוויזען, אז זיי וועלען נאר קיינמאל נישט צוריק אויסוואקסען, איהרע צוויי צעפ — און, אז זיי וועלען שוין אונטערוואקסען? וועט זי זיי דען נישט מוזען צוריק אבשערען — צוריק אבשערען? — ניין, ניין? א אידישע טאכטער, א ווייבעל?... ווער איז מיר און אך אין הארץ... ניין, חלילה, ווער זאגט געהן מיט די האר? נאר אזוי, געהן הינטער'ן שייטעל. וואס, אז א פארבונדענעם קאפ האט זי שוין, און פארוואס, און פאר ווען גאטעניו? אז דעם מאן האט זי אפילו נישט געקענט, אז ער איז שוין קראנק געווען נאך איידער ער האט חתונה געהאט, און מיט די אייגענע האר? — חלילה, לאז גאט אבהיטען. אי, וואס פאר אן עבירה איז עס? — א שטארקע, א גרויסע עבירה...

נאר הלואי וואקסען זיי שוין אונטער, ס'וועט זיין היימליכער א שטיקעל צייט. נישט אבשערען ביז זיי וועלען אויסוואקסען אזוי לאנג ווי זיי זיינען געווען.

דאס קליינע שטיבעלע האט געבלאנקט פון ריינקייט. ביי־

טאג פלעגט זי זיצן און ארבייטן, און ביינאכט רוימען דאס שטיבעלע, אז ס'זאל בלאנקען.

אבער עלענד איז זי געווען, און געוויינט האט זי אויף איהר עלענדקייט. אסתר איז טאקע געווען א חבר'טע, אבער א חבר'טע איז נישט אזוי טיעף איינגעבאקען אין הארץ ווי דאס עלענדקייט, ווי דער צער. נישט איינמאל איז איהר נאך דאס הארץ מעהר פערביטערט געווארען, אז זי האט א קוק געטהאן אויף אסתר'ס קאפ האר, נישט איינמאל האט זי זיך געוואונשען, הלואי איז זי אן אלטע מויד, און מ'רעדט אויף איהר אין שטאדט, און הלואי האט זי נאך נישט קיין פארבונדענעם קאפ...

די ברידער האבען זיך געשטרעקט אין דער לענג און אין דער ברייט, אז זי זאל נאך אמאל חתונה האבען, בפרט, אז זיי האבען געזעהן ווי פיין זי פיהרט זיך, זיינען זיי זיך אלע מאל דורכגעגאנגען צו דער שוועסטער אין בלאנקענדיגען שטיבעלע כאפען א ווארים גלעזעל טהעע, און אין איין וועגס פארווארפען א ווארט וועגען — וואס וועט זיין דער תכלית, און ביז וואנען איז דער שיער צו זיין אליין. מ'דארף חתונה האבען, אזוי פיהרט זיך די וועלט... דער עלטסטער ברודער, א פרומער, האט גע'טענה'ט, אז מען דארף איבערלאזען א דור...

שיינדעל פלעגט זיך דערמאנען אז די אונטערגעוואקסענע האר, און ס'האט זיך איהר נעדאכט, אז אט איז מען אויסען נאך איהר לעבען, ס'ארט זיי וואס ס'איז איהר שוין א קאפ האר אונטערגעוואקסען.

פלעגט זי זיך אריינטהאן אין גענעה אריין און נישט ענטפערען.

נאר, אז זי איז געבליבען מיט זיך אליין, האט זי ערשט דערפיהלט ווי ווייט זי איז אין אומגליק, פלעגט זי וויינען און טראכטען — אי, ווען מען זאל קענען יענע יאהרען צוריק כאפען... יענע יונגע יאהרען... די עלטער טהוט נישט א מענשען, נאר צרות. צרות טהוען א מענשען, צרות מאכען אלט און גרוי פאר דער צייט. שוין פאוואליטשקע דרייסיג יאהר. אר וואס העלפט עס, אז

יענע יאהרען קען מען שוין נישט צוריקבאפען, און ווערען ווי דע־מאלט קען מען שין אויך נישט, פונקט ווי דעמאלט איז נאך קיינמאל נישט געווארען, אבער ס'קען ווערען אנדערש. נאך אפשר בעסער? בעסער, בעסער. נישט אזוי צוליעב לייט, ווי צוליעב זיך אליין, ס'איז שטיל אין זיך, רוהיג, פרעהליך, מ'עסט זיך נישט און אליין וויל מען אויך דעמאלט לייטישער און לייטישער ווע־רען, און, אז מען ווערט לייטישער, פיהלט מען זיך ווי מען וואלט געגאנגען תמיד אנגעטהאן אין א ריין, ניי מלבוש.

אין בלאנקענדיגען שטיבאלע איז שוין געשטאנען א גרויסער שפיגעל, אז זי האט איהם געלייטערט מיט די גאלדענע הענט. אלעמאל געליימערט, אז דער שפיגעל איז געווען ווי ריין וואסער. ס'האט זיך אויסגעדאכט, אז דארטען אין שפיגעל איז דא נאך א בלאנקענדיג שטיבעלע, מיט א רעכט ווייבעל, וואס לייטערט א שפיגעל, און דאס ווייבעל קוקט אויפ'ן שייטעלע, און דאס הארץ טהוט איהר וועה, וואס מ'האט איהר אזוי יונג דעם קאפ פאר־בונדען, די יאהרען אבגעשניטען...

אויפ'ן פאליטורטען טישאלע איז שוין געשטאנען גלאזווארג, א פאר מאיאליקא טעלער אין א גרינער אויפווארטער, און בלאה געשיר האט געבלאנקט אויף דער וואנט, און א טערקישע דעק איז שוין געלעגען אויפ'ן בעט, און אין שאפע האט געהאנגען א טייער קלייד, ביי משה שניידער אויפגענעהט.

אז די האר זיינען געווארען לענגער, האט זי אנגעהויבען ארויסצו'גנב'ענען א פאר איינענע האר און אריינמישען, אריינ־דרעהען אין שייטעל; און, אז זי איז צום ערשטען מאל איף דער גאס ארויסגעקומען, האט איהר געקלאפט דאס הארץ, טאמער זעהט מען. די אנדערע וואך האט זיך ארויסגע'גנב'עט א ביסעל מעהר האר, און ס'האט איהר ווידער געקלאפט דאס הארץ. אזוי צו ביסלעך האט זי ארויסגע'גנב'עט מעהר האר, און מיט הארץ־קלאפעניש, מיט ציטערניש געווארט, צי מ'וועט דערקענען. און נאך יעדען מאל וואס זי האט זיך ארויסגעוויזען אזוי, אטוואזשעט,

האט זיך אין איהר צואוואקסען א נייע פרייד, און זי האט געהאפט, אז ס'וועט נאך בעסער ווערען, נאך בעסער.

איינמאל אין א נאך־פסח, האט די זון אריינגעשיינט אין בלאנקענדיגען שטיבעלע מיט אזא געטריישאפט, אז די טרערען האבען זיך איהר געשטעלט פון פרייד. דעמאלט האט זי ארויסגע־קוקט אין די ליכטיגע שויבען און זיך געפרעהט אהן א פאר־וואס. יענעם טאג האט זי אפירגענומען די גאנצע האר פון פאַ־רענט, און איבערגעדעקט דאס שייטעלע.

מיט א פרעהליך הארץ איז זי געגאנגען צו אסתר'ן. אויפ'ן וועג איז איהר אנטקעגען געקומען די איציע־מאיר'יכע, געטהאן אויף איהר א קוק, און געגעבען א פאטש מיט די הענט:

— אז אכטיג איז מיר, מיט די האר געהסטו?

שיינדעל איז געבליבען שטעהן, און נישט געוואוסט וואס צו זאגען, נאר דאס הארץ האט אין איהר געזעצט ווי אין א גזלן, און די איציע־מאיר'יכע, אז זי האט דערזעהן ווי שיינדעל האט זיך דערשראקען, האט זי נאך גרעסער געמאכט דעם ירגזון:

— סטיימש, א אידישע טאכטער, און נאך פון אזא פרומער מאמע'ן... — און געגאסען פעך און שוועבעל.

שיינדעל איז געגאנגען אהיים צו וועגס און געקלאגט. דאס וואס דער טאג איז אזוי ליכטיג געווען האט זי נאך מעהר וועה געטהאן.

# קאַרגע מענשען

געדונגען האט מען זיך, אז יצחק יעקב זאל שפּיעלען, נאר, אז ס׳איז געקומען דערצו, האט זיך אויסגעלאָזט, אז מ׳האט געשיקט יונה׳לען. יונה׳לע וואס קען נישט זיין נאר א „צוהאלט" און מאכען טשים־טשים, ער וועט היינט זיין דער קנאַקער, און ביי וועמען, ביי חייקעלע־סרול שיינצי׳ס, וואס מאכט חתונה באבציאלי׳ן, איהר אייג אין קאָפּ.

נו, האט חייקעלע געשווינגען? זי, וואס זי איז געווען די בעסטע קברים־רייסערין אין שטאָדט, וואס, אז זי האט זיך אנ־געטשעפּעט אן א מת, האט איהם שוין נישט געהאָלפען דער טאַ־טע פון יענער וועלט, ער האט שוין געמוזט טויטערהייד געזונט מאכען דעם קראנקען...

איין קליינקייט חייקעלע. מ׳האט דאך נאכדערצעהלט אזעל־כע נוזמות וועגען איהר קארגשאפט, אז זי האט געהאלטען נאך פון מיידעלווייז א פּאר קאַנאַריק־געלע שיך מיט ליאַק פינף און צוואנציג יאָהר, ביז זי זיינען נאך אמאָל מאָדע געווארען, און זיי געגעבען באבציאלי׳ן צו באנייען — דאס האט יעדער געוואוסט.

ער, דער מאן איהרער, סרול שיינצי׳ס, איז געווען פונקט ווי דאס ווייב, א מיטעלמעסיג־געוואקסען אידעל, א קאַרגס, א סימן האט איטליכער געהאט, וואס די קאַפּאָטע איז געווען ביי איהם תמיד שטאַרק ריין. אזוי שטאַרק ריין קען נאר זיין א קאַפּאָטע ביי א קאַרגען, וואס זשאַלעוועט אפילו דאס ביסעל בלאָטע, מ׳שטיינס נעוזאנט...

זיי האבען געהאט אן איינענע דירה, דוקא א פיינע דירה, אין מיטען מאַרק, נאר עפּעס האט זיך איטליכען געדאכט: א קאַרגע דירה. נישט איינער האט זיך גע׳חידוש׳ט — אזא דירה

און האט א בלעבענעם דאך... דאס גאנצע שטעדטעל האט שינדלע־נע דעכער, און דוקא ביי חייקעלע סרול־שיינצי'ס א בלעכענער דאך... און נאך דערצו רויט געפארבט, ער זאל שטעכען אין די אויגען... טייל האבען דערינגען אליין אפילו געזעהן א שטיק קארג־שאפט, און אויסגערעכענט, אז אויב ס'זאל קומען א שרפה אויפ'ן גאנצען שטעדטעל, די שעה זאל נישט זיין, נישט מיט'ן אייגענעם מויל גערעדט, וועט חייקעלע־סרול שיינצי'ס דירה ארוים נישט געריהרט, דאס גאנצע שטעטעל וועט אפברענען, און חייקעלע'ס דירה וועט בלייבען — פרנסה איז געווען פון דער קוה, פון חייקעלע'ס קוה, די רויטע קוה מיט די ווייסע פלעקען, וואס די פעל האט ביי איהר אזוי געגלאנצט, ווי מיט פוטער אויסגע־שמירט, די קוה האט דוקא געהאט א פולען, גרויסען אייטער, נאר עפעס אויך — קורצע קארגע הערנער, און איהר „מו־או" איז געווען קירצער פון אלעמענ'ס. א שטייגער זי זאל נעהמען און זיך צולאזען מיט א לאנגען מוה־ה־ה ווי אנדערע שטאדטישע בהמות, וואס פעדיקעל טרייבט ארוים הינטער דער שטאדט, דאס נישט. און פעדיקעל האט זי טאקי דערפאר פיינט געהאט. ביי איהם, ביי פעדיקל'ען, איז נאך געווען אן אנדערע שנאה צו דער „רויטער", ער האט נאך געדענקט די מעשה מיט'ן קעלבעל, וואס איהם האט זיך גדאכט, אז זי לעקט עס נישט ווי ס'בעדארף צו זיין. דערפאר, אז ער איז געלעגען אויפ'ן „קאנטראמאס" און גאַ־זענדיג געקוקט ווי די קיה פאשען זיך און זיך צוגעזונגען:

> איך־וואי טאטע, איך־וואי מאמע,
>
> איך־וואי, בים־באם־באם".

האט ער תמיד געקוקט אויף דער רויטער און געטראכט, אז ס'זאל אויף איהר קומען א פאהיבעל. — — —

אז באבציאלי די בת־יחידה איז אויפגעוואקסען און געווארען א „מויד", האט איהר די מאמע געגעבען צו באנייען איהרע קאַ־נאריקענע שיך, מען האט איהר געמאכט פון שווארצען „אדריאל" א זשאקא און איהר אנגעהויבען רעדען שדוכים.

מענשען האבען זיך געשפארט, אז זי איז נישט קיין שעהן

מיידעל, און אז זי איז יא א שעהן מיידעל. און די, וואס האבען זיך געשפארט, אז זי איז יא שעהן, האבען עפעס געפיהלט, נאר זיי האבען נישט געוואוסט וואס. עפעס אין הארצען האבען זיי נישט געגלויבט, אז זי איז טאקי שעהן. אמת, באבצי האט געהאט א ווייס פנים מיט א בלאנדען קאפ געלאקטע האר, נאר זי האט נישט געהאט קיין זאלץ. אז זי האט גערעדט האט זי ביי יעדען ווארט געטאן א ציטער, א ציה ארויף, א קנייטש ביי דער נאז און היינט, וואס זי האט אזוי געבלאנקט און דאס וואס זי האט אזוי געשאנעוועט דער מאמע'ס מיידעלשע שיך. איהר ריינקייט האט עפעס איטליכען אבגעשטויסען. דער קאפ איהרער אויפגע־קעמט אין „פאמפאדור" האט זיך אויסגעלעגט אין רעגעלמעסיגע וועלען, אזוי רעגעלמעסיג, אז יענער האט זיך געבראכען דעם קאפ פאר וואס זיי זיינען אזוי רעגעלמעסיג.

איין האר איז נישט געווען אויסער'ן פלאץ, איין איינציגע האר האט מען נישט געקענט זעהן ארומוועהען אויפ'ן קאפ, נאר אין א וועל זיינען אלע איינציגע האר געלעגען צונויפגעלעגט, צונויפ־געצעהלט, צונויפגעקארגט. עפעס איז עס אויסגעקומען ווי מיט נסים—תמיד איז איהר געווען דער קאפ גלאט. אפילו, אז ס'איז געווען א ווינט אין דרויסען, האט זיך דער ווינט צו'ן איטליכען געטשעפעט, צופאטעלט די מיידלעך'ס האר, נאר זי — איז ארויסגעקומען גלאט.

אז באבצי איז מיט מזל א כלה געווארען, האט זיך די גאנצע שטאדט געבראכען די קעפ, ווי אזוי, און ווי אזוי, סטייטש און סטייטש?.. און ווי אזוי איז מיט'ן נדן און ווי אזוי איז מיט די קעסט, און ווי אזוי, און ווי אזוי?...

און מענשען לעדיג־געהערס, לצים, האבען געלערענט דעם פשט אהין און אהער, יא פארשטאנען און נישט פארשטאנען, סטייטש, סטייטש, חייקעלע האט א שידוך געטאן, און די שטאדט האט אזוי לאנג גערעדט, ביז ס'איז אראבגעקומען דער „אמעריקאנער", האט מען אבגעלאזט חייקעלע'ן און מ'האט זיך א נעהם געטאן צום אמעריקאנער.

נאר, אז ס'איז טאקי געקומען די וואך פון דער חתונה, האט זיך די שטאדט ווידער א נעהם געטאן צום עסק. א סך ווייבער, וואס מעגי די טוקערין איז זיי נאר געקומען בעטען צוויי מאל, זיינען דוקא יא געגאנגען אויפ'ן פארשפיעל, זעהן ווי חייקעלע מאכט עפעס א פארשפיעל, און, אז זיי זיינען צוריקגעקומען מיט פאטשיילעכלעך לעקאך, האבען זיי זיך געשלאגען איז מויל אריין: „מ'שטיינס געזאגט... „געצוקערטער" איינגעמאכטס, געצוקערט געווארען פון צו לאנג שטעהן... ס'קעהר נאך זיין פון איהר חתונה... פלאדען נאר מיט א דרייערליי פאכען, און דער צוקער־לעקאך, גע־שניטען דינע שטיקלאך".

צו די כלי־זמר איז חייקעלע אליין געקומען; אריינגעקומען אין פארוואגעלטען פלעיד מיט'ן טאליסענעם טיכעל, און ס'האט זיך אויסגעדאכט, אז זי געהט רייסען א מת פון קבר, ער זאל איהר עפעס א טובה טאן.

דער אלטער יצחק־יעקב איז גראד געווען אין שטוב, מ'האט געגעסען אנבייסען. חייקעלע האט דאס ערשטע אריינגעקוקט אין די כלי־זמר'שע שיסלען, צי מען פרעסט נישט און מען זויפט נישט, זי האט זיך געגוג אנגעהערט וועגען די כלי־זמר'וקעס... אט עסט מען טאקע ווארעניקעס, אינמיטען מיטוואך ווארעניקעס...

ווי נאר חייקעלע האט זיך באוויזען אויפ'ן שוועל זיינען אלע געבליבען שטיל. די כלי־זמר־ישע שטוב, וואס האט געזשומעט ווי א ביהנשטאק, איז געבליבען שטיל. די כלי־זמר'קע איז געשטאנען מיט א גרויסען הילצערנעם לעפעל און ארויסגענומען די ווארעניקעס פון א „מאקערטע". די הויכע כלי־זמר'קע וואס האט נישט גע־קאנט הויך רעדען, און וואס איטליכער האט געוואוסט, אז שטי־לערהייד נאריקעט זי אויף די מיידען, אז ווען זיי זאלען זיין זיהן, וואלט זי געווען געהאט אן אייגענע קאפעליע.

די מיידען זיינען געזעסען איבער די שיסלען, דער איינציגער בחור צווישען די פיער מיידען, יונה'לע דער „צוהאלט", וואס, אז יצחק־יעקב שפיעלט, קען ער איהם נאר צוהעלפען טשים־טשים, טשים־טשים־טשים...

יצחק־יעקב, דער אַלטער נכפּה'ניק, האָט זי נאָר ז'אַטשעט, האָט ער שוין געוואוסט וואָס זי דאַרף. ער האָט שוין אויף איהר אַרויסגעקוקט נישט פון היינט. ער האָט זיך געטאָן אַ שטעל־אויף, אַ וויש די כלי־זמר'שע, ממזר'שע וואָנצעס מיט דער באָרד, און אַוועקגערופען חייקעלע'ן אויף אַ סוד.

נו, נו, האָט זיך חייקעלע אָנגעהויבען צו דינגען. זיך געלאָזט געהן צו דער טיר, און זיך אומגעקעהרט, און ווען זי האָט אָנגע־הויבען סטראַשען, אַז זי וועט אַראָפּברייינגען באַרשטשאָווער כלי־זמר, האָט יונה'לע געטאָן אַ געשריי: „אוי וועה ס'גרימט מיך“. און סאָסקעלע האָט געטאָן אַ וואונק מיט'ן אויגעל און געענטפערט: „הערה, הערר פאַני שטרוים“...

און, אַז זי האָט זיך שוין אויסגעדונגען, און געמוזט געבען ווי־פיעל ער וויל, נעהמט מען ערשט דעם טאָג פון דער חתונה און מען שיקט יונה'לען... איז חייקעלע געלאָפען מיט אַ פאַליש, גע־בראָכען די הענט, געסטראַשעט, אַז זי וועט לויפען אין די גאַסען שרייען גוואַלד, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען?...

איז יצחק־יעקב אַרויסגעקראָכען פונ'ם בעט קראַנקערהייד, גע־נומען דאָס פידעלע, דאָס בעריהמטע, זעלטענע פידעלע, וואָס מען דערצעהלט, אַז ער שפּיעלט דאַרויף „צאַפּעל־שטרייך“ מיט אַן איבערקעהרטען סמיק, און איז אַוועק אָפּשפּיעלען די חתונה.

דאָרטען אינעווייניג איז געווען אַ יללה, די כלה איז געזעסען און געוויינט, און צירעל, דאָס קראַנצען־פרייליין, האָט געזיפצט און איהר צורעכט געמאַכט דעם שלייער, און זי געטרייסט, און נאָכאַמאָל געזיפצט מיט אַ זיסען זיפץ, וואָס ס'איז דאָ אַזוינע זיסע צרות. די מיידלאַך אין די ווייסע קלאָרענע קליידלאַך מיט הימעל־בלוי און רויטען באַנד אויף די געקרויזטע האָר, האָבען נישט געוואָלט טאַנצען, געקליבען זיך אַהיים צו געהן. ס'איז גע־ווען אין רעכטען מיטען דער יללה, ווען חייקעלע, נאָך נישט אָנ־געטאָן ווי אַ מחותנתטע האָט אַריינגעבראַכט יצחק־יעקב'ן.

אין דער מינוט איז געוואָרען אַן איבערקעהרעניש. די כלה האָט שוין געוויינט פאַר פרייד, דאָס קראַנצען־פרייליין האָט שוין

אויפגעהויבען די שלעפ אויפ'ן מינדעסטען פינגערל און גענומען צונויפשטעלען אַ קאַדריל. יצחק־יעקב האָט זיך מיט איהר, קראַנקערהייד געסוד'עט, און זי, צירעל דאָס קראַנצען־פריילין, האָט אַלע מאָל געסטראַשעט, אַז עס וועט נישט זיין שטיל, געהט זי זיך אַהיים...

איטע „קאַטער" האָט אַריינגעוואָרפען אַ זעקסערל אין דער כלי־זמר'שער פּושקע און גענומען ביילע'ן טאַנצען אַ וואַלצער.

האָט יצחק־יעקב גענומען דאָס פידעלע אין איין האַנט און מיט די געזונטע צוויי פינגער פון דער אַנדערער האַנט דעם סמיק און אויפגעשפּיעלט:

„אַז דער טאַטע וועט מיר מאַכען אַ שטאָפען־קלייד,
וועלען מיר אַלע קינדערלאַך מקנא זיין.
משה שניידער וועט עס נעהען,
טידעראַם־טאַם, טיראַם־טאַם!
חאַנע ספּאָדיק, בעריל ממזר,
טידעראַם־טאַם, טידעראַם־טאַם"...

אַזוי ווי ער האָט נאָר אָפּגעשפּיעלט דעם טאַנץ איינמאָל אַרום און אַרום, און איטע מיט ביילע'ן האָבען זיך דורכגעדרעהט, האָט ער שוין געטאָן אַ מאָד: טי־טאַ־טו, ענדע. איז איטע „קאַטער" געבליבען שטעהן מיט טרערען אין די אויגען, פערשעהמט וואָס אַזאַ קליין מענציל, איינמאָל זיך דורכגעדרעהט, און געוואָלט זיך צעוויינען.

חייקעלע איז שוין געשטאַנען אַנגעטאָן ווי אַ מחותנת'טע אין שייטעל נאָך פון איהר חתונה און מיט לאַנגע, באַמעבדליגע אויער־רינגען. זי איז געשטאַנען ביי דער טיר און אַלע מאָל אַ קוק געטאָן אויף די מאַנסבילען אין דער אַנדערער שטוב, אויף די מאַנסבילען וואָס האָבען זיך געדרעהט עקסטער און נישט אַריינגעקומען צווי־שען די מיידלאַך און ווייבער, אַזוי אַז עס איז אויסגעקומען, אַז עס זיינען נאָר צוויי בעזונדערע חתונות, וואָס קענען זיך קיינמאָל נישט צונויפקומען, און זי האָט נישט געקענט פערשטעהן, פאַר וואָס אַלדינגס איז אַזוי עקסטער, אַזוי אָבגעטיילט, פאַרוואָס

קומט מען זיך דערנאָך צונויף און עס ווערט פאַרט אַ טאַטע מיט אַ מאַמען?...

חייקעלע האָט אַלע מאָל געטאָן אַ קוק אַריין צו די מאַנסבילען און פערשטאַנען און געוואוסט, פונקט ווי די מאַנסבילען האָבען געוואוסט, אַז דאָס אַלדינגס איז נאָר אַן אָנשטעל, אַ ליגען; זיי ווייסען וואָס מ'איז דאָ אויסען — אין כלה'ס צד, און זי, חייקעלע, ווייסט, וואָס מ'איז דאָרט אויסען. און נישקשה, נישט, וואָרט נאָך צו אַביסעלע וועט מען זעהן, אַז ס'וועט ווערען פון דער חתונה וואָס ס'ווערט פון אַלע חתונות, כאָטש וואָס מען מאַכט זיך נישט וויסענדיג פון ביידע צדים...

אַז זי האָט דערהערט ווי יצחק־יעקב האָט אָפּגעשפּיעלט דאָס קורצע טענצעל, איז איהר געוואָרען אַ לאַך אין האַרץ... ס'טייטש, וואָס טהוט זי אַז די מיידלעך צולויפען זיך אַהיים? מאַכען אַ גוואַלד מיט אַ קלעזמערוק? איז שפּיעלט זיך מיט אַ קלעזמערוק. שטעה, הויבט ער זיך נאָך אויף אין מיטען דערינען און אַנטלויפט, און איז מבייש די כלה...

נאָר כאָטש אַז זי איז צוגעגאַנגען און מיט גוטען געבעטען, ער זאָל זיך למען השם מרחם זיין און רחמנות האָבען, איין קינה, איין אויג אין קאָפּ — לאָז ער זי נישט מבייש זיין און שפּיעלען די טענץ אַ קאָפּ לענגער.

און דערנאָך איז איהר שוין געווען דאָס גאַנצע חתן־מאָל פערשטערט. זי איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געזעהן ווי די כלי־זמר־יונגען ווינקען זיך איבער און פערקירצען אינמיטען די טענץ... מען קאַרגט איהר.

אַי! — ס'האָט זיך איהר פּלוצים אָפּגעריסען עפּיס אין האַרץ, מען קאַרגט איהר, פונקט ווי זי האָט געקאַרגט זיך און יענעם דאָס גאַנצע לעבען איהר'ס, אַזוי קאַרגט מען איהר איצט. מען צאָהלט איהר אָב אויף איהר קינד'ס חתונה, אויף איהר באָב־ציאַלי'ס, אויף איהר אויג אין קאָפּ...

זי איז געשטאַנען אַ פער'צרה'טע אין אַ ווינקעל, און וועל־כען טאַנץ מען האָט אויפגעשפּיעלט, צי אַ „פּאָלקאַ מאַזור“, צי

א וואלצער, צי א „פאלקא פראנסע”, איז זי געשטאנען מיט א ציטערדיג הארץ און נאכגעהערט, נאכגעקוקט, נאכגעזונגען יצחק־יעקב׳ס סמיק, געקוקט איהם אין די אויגען אריין ווי א געשלאגענער הונד, ער זאל איהר נישט קארגען... און ביי יעדען „טשים־טשים”, וואס יונה׳לע דער צוהאלט האט געגעבען, האט איהר זיך דאס הארץ אבגעריסען; זי האט געמיינט, אט איז עס דער לעצטער טשים־טשים, אט איז עס דער לעצטער טישם־טשים. און אז יצחק־יעקב האט געטאן א וואונק צו די כלי זמר און געטאן א מאך דעם פינאלען טי־טא־טו, האט זי געפיהלט, ווי דאס הארץ זאל זיך איהר אפרייסען. זי האט זיך אנגעהויבען דערמאנען אן אלע חטאים איהרע פון זינט זי האט חתונה געהאט, פון זינט זי איז געזעסען מיט׳ן ווייסען קראנץ, אזוי ווי איהר טאכטער איצט א־דא, איידער מען האט איהר נאך דעם קאפ צוגעדעקט, איידער זי איז פארוואגעלט געווארען, אז טרערען האבען זיך איהר גענאסען פון די אויגען. איהר באבציאלי, איהר אויג אין קאפ... פאר ווערען, פון ווערענס־וועגען האט זי געקארגט, בעהאלטען, אפגעשפארט פונ׳ם מויל, אז נישט פון איהר׳ט וועגען... גאטעניו... ביזט א בעל־רחמים, זיי מוחל א זינדיגע נשמה... זאל קומען פאר דיין כסא־הכבוד דער צער פון דער כלה׳ס טרערען, פונ׳ם פייניגען, וואס זי האט זיך געפייניגט אינ׳ם טאג פון דער חופה, דער צער פון דעם תענית. זיי מוחל, גאטעניו, שטראף נישט די כלה, און זאל דאס זיין אן אבקומעניש פאר אלע זינד. א כפרה. און אויף איהרע אלטע ביינער זאל גאט אפשלאגען; אן אלט פערד — איז נאך א באר.

אבגעגעבען ברויט. זי האט יענעם געקארגט, — איצט קארגט מען איהר... נאר, גאטעניו, זאל דאס זיין אן אבקומעניש. און דו, גאט, זאלסט דערפאר נישט קארגען קיין מזל באבציאלי׳ן...

# דער באַרען-בוים

אָיבער נאַכט זיינען אַרויסגעשפּרונגען די פּענקים אויפ'ן באַרען בוים, און דער פויגעל האָט שוין דערפיהלט פון פריהער די באַהאַלטענע זאַפטען, און האָט זיך כסדר נעדרעהט אַראָפּ און אַרויף בוים, צי עס איז שוין דאָ אַ בלעטעלע, צי ס'איז שוין דאָ אַ בלעטעלע.

אין אמת'ן האָט שוין לייזער פון לאַנג דערזעהן, נאָך צוריק אפשר מיט אַ זעקס וואָכען, ווען די צווייגען האָבען אָנגעהויבען צו באַקומען קליינע וואַרצעלאַך. ווייל לייזער האָט שוין געדענקט פון פאַר־אַ־יאָהרען און פאַר נאָך אַ סך יאָהרען; נאָך פון דעמאָלט, ווען ער האָט אַריינגעזעצט דאָס שטעקעלע אויף אונטערצוהאַלטען די שויטען, און נישט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ „שטשעפּ" פון אַ באַרען־בוים.

דאָס שטיקעל גערטענדיל האָט לייזער תמיד געהאַט פון זייט ער האָט זיך אַריינגעצויגען אין דער אייגענער שטיקעל דירה וואָס, אַז קיין קינדער איז נישטאָ, מ'שטיינס געזאָגט, גלוסט זיך שוין אָב אַלדינגס, אי מ'טאָר נישט זינדיגען אַקעגען זיין ליבען נאָמען... נו, מסתמא דאַרף אַזוי צו זיין...

ווען נישט דאָס גערטענדעל, וואָלטען זיי טאָקע נישט געווען געהאַט אַזוי אין וואָס קיין טרייסט צו געפינען.

דאָס גערטענדעל מיט די רעטעכלאַך, און די יונגע באַרבאַלקעלאַך — דער לייזערקעס רעטעכלאַך פלעגען שמ'ען און, אַז עמיצער פלעגט זיי פרעגען פאַרוואָס געראָט ביי זיי מעהר ווי ביי איטליבען, פלעגט די לייזערקע ענטפערען מיט אַ מין פאַרבאַרגענעם גדלות: „ס'לערענט אוים". ווער שמועסט, פון זייט דער בוים איז אונטערגעוואַקסען, איז עפּעס ווי אויף זייביידע

א נײַ טרייסטונג געקומען, גאָט'ס חסד. און לייזער האָט דעם בוים ליעב געהאַט ווי אַן אייגען קינד, און די לייזערקע האָט געזאָגט: „ער איז ווי אַ מאַמע אַ געטרײַע".

פון אָנהויב האָט ער זיך נישט געוואָלט גלויבען. געזעהן האָט ער עפּעס אַז דאָס שטעקעלע איז נישט אַ שטעקעלע גלייך מיט אַלע שטעקעלאַך, עפּעס וואַקסען אַרוים פון דעם צווייגעלאַך מיט בלעטעלאַך, יונגע בלעטעלאַך, און, אַז ער האָט געזעהן ווי ס'צע־וואַקסט זיך אַלץ מעהר, האָט ער זיך געטראַכט, אַז ס'וועט זאַוואַדזען צו די באַרבאַלקעלאַך מיט די שויטען, האָט ער עס געוואָלט אויס־רײַסען. האָט ער געריסען און געריסען און דערזעהן, אַז ס'איז נישט פאַר זיינע כחות, מען דאַרף האָבען אַ גוי צו דעם.

דאָס בוימעלע האָט זיך צושפּרייט אין דער ערד ווי להבדיל אַ מענש, מיט קאָריניעס, און קאָרינדלאַך, און אָדערען און אָדער־לאַך און זיך איינגעקלאַמערט, איינגעפּלאָנטערט אין דער ערד, ווי אַ קינד אין דער מאַמע'ס קלייד. האָט ער דאָך געזעהן, אַז ס'איז אַ באַשערטע זאַך, האָט ער עס געלאָזט צורוה.

נאָר, אַז איינמאָל איז דורכגעגאַנגען זאַרעצקי, דער שכן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געטייטעלט אויפ'ן בוימעלע: „ווי קומט צו דיר, לייזער, אַזאַ? ס'איז דאָך די אמת'ע „מאַרגאַ־ריטקעס". וואו האָסטו גע'גנב'עט"?

האָט לייזער דערצעהלט דער לייזערקע, אַז ס'איז אַ בארען־בוים, אמת'ע „מאַרגאַריטקעס", און שטילערהייד גאָט געדאַנקט פאַר'ן חסד. נאָר פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אָנגעהויבען צו פיהרען אַנדערש. ער איז געוואָרען אַ בייזער איד. ניין, אַ גוי־שער איד. אַזאַ מין איד, פאַר וועמען די קינדערלאַך האָבען שטענדיג מורא. און דער רימען איז ביי איהם תמיד אין די הענט.

ער איז געוואָרען אַ גוי'שער איד. געהיט דעם בוים נאָך ער־גער ווי אַ גוי. וועה איז געווען צו דעם, וואָס האָט אָנגעריהרט זיינס אַ צווייגעל פונ'ם בוים. און עס האָט געמעגט זיין דער חברה מאַן ווי געניט, האָט ער תמיד דערהערט לייזער'ס קול פונ'ם פענסטער אַרוים: „דו! דו! דו!"...

און קיין שום זאַך האָט נישט אַזוי יענעם איבערגעשראָקען ווי דער „דו, דו, דו", ס'איז עפּעס געווען אין דעם אַזאַ בייזקייט, אַזאַ רשעות, אַז עס איז אין יענעם אַריין אַ שרעק מיט אַ קעלט, און יענעם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט קיינמאָל קיין נאָמען נישט געהאַט, נאָר ער איז געבוירען געוואָרען אַ „דו, דו, דו".

דער „דו, דו, דו", האָט ווי אַ דונער פּלוצים, אומגעריכט, געהאַקט, געהאַקט, דער געשריי זיינער טהוט יענעם אַ זעץ אין האַרץ אַריין.

מ'האָט איהם נישט ליעב געהאַט אין שטאָדט, דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ גוי'שער איד. דאָס וואָס דער בוים איז איהם אויסגעקומען דוקא ביי די פענסטער, אַז די צווייגען האָבען אַריינגעשטעקט אין שטוב אַריין, איז אויסגעקומען ביי זיי עפּעס נישט קיין אידישער מסחר — צווייגען אין שטוב אַריין. און דאָס, וואָס זיין פּנים איז געווען רויטליך, נישט אויסגעווייקט און געל ווי ביי אַנדערע אידען, האָט נאָך מעהר איהם דערווייטערט פון אַנדערע אידען. און אפילו גרויסע האָבען זיך געהיט מיט איהם אַריינצולאָזען אין לאַנגע דרכים.

נאָר מיט צוויי זאַכען האָט ער געמוזט אָנקומען צו יענעם און יענער צו'ן איהם. ער האָט זיך גערעכענט פאַר'ן בעסטען בעל־מלאכה אין שטאָדט. קיינער האָט נישט געקענט אַזוי אָפּאַרבייטען אַ מאַפּטשאַניק'ל ווי ער, מען האָט צו'ן איהם אומגערן געמוזט אָנקומען. ווידער ער צו יענעם האָט געמוזט אָנקומען מיט דער שוהל. אַלע שבת אין שוהל אַריין האָט ער געמוזט געהן. וואָס הייסט עפּעס נישט געהן חלילה? איז טאַקע ביי איהם דאָס דאַווענען געווען אַן אַפּקומעניש, ניין, נישט חלילה דאָס דאַווענען, גאָט בעהיט. נאָר דאָס קומען אין שוהל'כעל, נישט חלילה די שוהל, נאָר די מענשען: אַי, אַז מען וויל צוריק שמועסען, וואָס האָבען זיי צו'ן איהם? נעהמט עפּעס חלילה ביי עמיצען? ז י י ן פּראַצי, זיין מיה... ז י י ן בלוט... וויפיעל נעבעט און ער נישט געשלאָפען, אַז ער האָט נעפּיהלט ס'נעהמט אַ פּראַסט.

אוי, ווען איז מיר, דאָס בוימעלע וועט פאַרפרוירען ווערען, האָט ער געגומען שטרוי, און איגמיטען ברענענדיגען פראָסט אָראָפּ־געקראָכען פערהילען דאָס בוימעלע... אַז קיין קינדער נישט — ער זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד — וואָס־זשע דען?...איצט, אַז עס קומט צו פאַרטיגען... אַז דער אויבערשטער האָט אַ נס באַוויזען, און ס׳וועט שוין היי־יאָהר געבען פּרות, איז איטליכער דאָ... לעגט מען זיך אויף זיין לעבען, און מען וויל איהם אומ־גליקליך מאַכען — אַט טאָקע אַ שטייגער די שטעך־ווערטלאַך מכח׳ן אָבדינגען דעם „סאַר" זיינעם, צי אַ שטייגער אַנדערע שטעך־ווערטלאַך. און דאָס אַ שטייגער וואָס מען האָט איהם נאָך איינמאָל נישט געגעבען קיין גוטע עליה פון פאַר דריי יאָהרען פסח אַן — איז דען נישט דערפאַר?...

איצט, אַז ער האָט דערזעהן די גרינע דזשוביקלאַך אויפ׳ן בוים, איז ער אַריינגעלאָפען מיט אַ גדולה צו דער לייזערקע.

— פעסי, ס׳איז שוין דאָ... מ׳זעהט שוין אַן...

די לייזערקע האָט איהם אָפּגעפּלעפט:

— שאַ, קיין עין הרע... רייד נישט, זאָג נישט...

— וואָס הייסט, אָבער, אַז עס איז שוין דאָ... אַז די גאַנצע שטאָדט זעהט...

— נו, זאָל זיין אין אַ גוטער שעה... גאָט זאָל העלפען, עס זאָל זיין רעגען... רבונו־של־עולם...

אַלע טאָג זיינען זיי ביידע אַרויסגעגאַנגען גאַנץ פריה צום בוים קוקען — אַז קיין קינדער איז נישטאָ, מ׳שטיינס געזאָגט, מ׳זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד... יעדעס נייע צווייגעלע, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דעם בוים, האָבען זיי אָפּגעשפּראָכען אַז עין־הרע. און לייזער האָט געפּיהלט, ווי אין האַרץ וואַקסט איהם צו אַ שטיק געזונד, און אַלע מאָל האָט ער צו׳ן איהר גע־זאָגט:

— אַט אַ דאָס אַ, איז ווערטה דאָס גאַנצע געלט, ווי כ׳בין אַ איד...

אַז ער איז געשטאַנען מיט׳ן הובעל אין דער האַנט, האָט ער

טאקע דאס האָלץ, צי פון א באַנק־בעטעל ,צי פון א טאַפּטשאַ־ניק׳ל, געמאַכט גלאַט ווי סאַמעט, אז די הובלינקעס זיינען געוועזן דין ווי זייד און האָבן זיך געקאַטשעט פון דעם הובעל ווי ווייסע זיידענע לאָקען; נאר געטראַכט האט ער זיך זיינס, — פון דעם בוים. און אם־ירצה־השם איבער א יאהר, וועט זיין אזויפיעל און אזויפיעל מאַראַגאַריטקעס, און אם־ירצה־השם איבער צוויי יאהר, וועט זיין אזויפיעל מארגאריטקעס. און טאַמער האט א ווינטעל א וועהע געטאָן, האט ער זיך געשראָקען, געקוקט אויף די צווייגען: אט הוידען זיי זיך צו שטאַרק, אט הוידען זיי זיך צו שטאַרק.

דעם שבת, ווען ער האט דערזעהן די ערשטע פּרות באַהאַל־טען הינטער די צוויטלאַך, האט ער גענומען די באַנק און ארוים־געשטעלט הינטער די פענסטער. די קיילעכדיגע בלעטלאַך פון דעם בארען בוים, וואס זיינען געוועזן ווייסלאַך אויף דער אַנדע־רער זייט, האָבען גערוישט אין ווארימען ווינטעל. ער האט אריינ־געשריגען דורד׳ן פענסטער:

— פּעסי, קום נאר ארויס...

— כ׳וויל ענדיגען די סדרה — האט זיך פּעסי באַוויזען מיט שפּאַקולען אין פענסטער — געה ארויס פון גאַרטען, רייס ניט אויף לייטען אזוי פיעל די אויגען...

לייזער האט געזאָגט:

— א נעכטיגען טאָג... כ׳געה מיר ארויסנעהמען א קישען מיט א קאָלדרע, און מיך צולעגען א קאָפּ הינטער׳ן בוים... קום, פּאַלג מיך, און זעץ דיך אויך א קאָפּ צו... א דאס א... דאס גאַנצע געלט איז עם ווערטה, ווי איך בין א איד...

ער האט שוין דערקענט אַז איהר, פּעסי׳ן, אַז זי וועט געהן... ניין, ניין, זי וועט נ י ש ט געהן, אַז קיין קינדער, מ׳שטיינס געזאָגט, איז נישטאָ, מ׳זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד...

— הערסט, פּעסי, קום אהער, רוק דיך צו נעהענטער, וואו ביזטו?... הערסט, אַז גאָט וועט שענקען דאס לעבען און ס׳וועט־לען זיך נאר וואָס באַווייזען די מארגאריטקעס, וועל איך ארומ־

שלאָגען אין דער זייט, וואָס געהט צו דער קרומער אוליצע אַ פּאָר הויכע שטאַבעטען.

פּעסי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— אז נישט, וועט איינס דאָס אַנדערע דערלעבען? וועסט זעהן, איבער נאַכט, וועסט אפילו נישט זעהן ווען, וועלען זיי געלם ווערען...

— אַ, דעם קאָפּ וועל איך זיי צופּלעטען... בּאַרלאַד וועלען זיי ביי מיר רייסען... אַ נישט צו דיר געדערט...

פּעסי האָט זיך צורעכט געמאַכט דאָס טיכעל:

— אַה־ה־ה... ס'שמעקט אַ מחיה... איך גאָר שוין אַזוי שטע־לען אין טשאַלענט אַ פּאָר בּאַרלאַד... דער טשאַלענט פרעגעלט זיי אויס אַ מחיה... דאָס קאָפּ בּאַרלאַד־יויך דערקוויקט דאָס האַרץ...

לייזער'ן האָט עס פאַרדראָסען:

— אַה־ה־ה, אַ אידענע בּלייבּט אַ אידענע... איהר ליגט שוין אין קאָפּ די בּאַרלאַד־יויך... בהמה, הפנים דו פיהלסט דען, וואָס ד אַ ס איז... קענסט עס דען משיג זיין?... בּאַרלאַד־יויך... אַז ס'צונעהמט דאָך יעדעס אבר... אַז נישט געהט מיר אין די בּאַר־לאַד?... די צווייגען ברעכען זיי דאָך... ס'איז דאָך אַ לעבעדיגע זאַך... הפנים דו פיהלסט דען, וו ס'זינגט מיר צו צו מיין גע־מיט?... איצט איז ווארים אויפ'ן האַרץ, שפּראַצט עס, צעוויקעלט זיך עס, בּויגט זיך עס אין די פענסטער אריין, און רופט: קום אַרויס, האָב הנאה, לייזער... וואָס איז דיין אָפּלעבען, אַז קיין קינדער נ י ש ט, מ'שטיינס געזאָגט... קומט זומער, עס גיסט דער שוויים, ס'איז שווער צו שטעהן מיט'ן הובעל, לאָזט עס אראָפּ די צווייגען, להבדיל, ווי אַ לעבעדיגער מענש, און ווערט אָפּהענגדיג, און וואַרט אויף אַ קיהל ווינטעל. און טהוט עס נאָר אַ דערשמעק אַ הויך, צוטיילט עס זיך מיט דיר. הויבּט אָן פאַ־כען מיט די צווייגען אין פּנים אריין: נאָ דיר אויך אַ ביסעל ווינט, קיהל דיך אָפּ, האָב הנאה, לייזער... קומט דער אָסיען, און ס'איז נישט גוט אויפ'ן האַרץ, איז שטעהט ער עפּעס אויך ווי אַ

נעכטיגער, ווערט געל, און ס'פאלט ביי איהם אפ דאס געזונד, ווי, להבדיל, ביי א מענשען, און אז דו געהסט ביינאכט צו סליחות, איז ער שוין פון לאנג אויפגעשטאנען און קרעכצט ווי אן אלטער איד, גלייך מיט דיר... קומט ווינטער, און דער שנעע ליגט אויף איהם, און אין דרויסען איז קאלט, און אין שטוב איז נאך קעלטער, שטעהט ער אויך, ווי איינער רעדט: „גוט אין דר'ערד, ברודער"... פעסי, א שטייגער, ווי מיינסטו, אז איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, ס'זאל זיך א שטייגער מאכען... אז קיין קינדער נישט, מ'שטיינס געזאגט...

פעסי האט זיך געטאן א שטעל אויף:

— דו הויבסט שוין אן?...

פעסי האט מורא געהאט צו רעדען ד ע ר פ ו ן, און איהם תמיד איבערגעשלאגען די רייד.

— דו, נאר דו, וואס האסטו מורא? ס'האלט דאך א שטייגער נישט דערביי, לאז נאט אפהיטען... מ'שמועסט פשוט, איבער... פעסי, ביזט א מבין, ווי דאס שמעקט?...

פעסי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— קיין עין־הרע..

# אין מאַרק

שלום האָט זיך אומגעקערט אין מאַרק. איבער די שטאָד־טישע װענען האָבען זיך געצויגען פּוהרען פון די דער־פער, אָנגעפּאַקט מיט כל טוב, הינער און קאַטשקעס מיט חז'עור־דיגע פיסקלאַך, װי אַלטע באַביטשקעלאַך, קרויט און קאַרטאָפ־ליעס. און גוי'עס מיט יונגע הענדלאַך, װאָס זיינען געבונדען פאַר־װייז, אַ העהנדעל צו'ן אַ העהנדעל. און װאָס זיי קוקען זיך אָן אַז אױגעל צו'ן אַן אױגעל. און די קליינע רויטע קעמלען ביי זיי צי־טערען מיט בלוט און אַפּעטיט — גענוג געשמאַק צו קוקען אין אויף אַזאַ מין העהנדעל, נאָר אַם געשמאַקסטען איז צו קוקען אויף אַ קאַטשקע מיט די קליינע געלע פיסלאַך, װאָס תמיד שמעקט עס מיט גריװען, און מיט פאַרבראָטען בלוט פון אַ לעבערעל. און אפילו נישט דאָס, אַ ז ו י צו קוקען אויף אַ קאַטשקע איז אויך געשמאַק. די קאַטשקעלעך, װאָס זיינען נאָר באַשאַפען געװאָרען געקוילעט צו װערען; אַז אַלדינגס, װאָס זיי טוען, איז דאַכט זיך, צום קוילען, די פעדערלאַך אויפ'ן האַלז גלאַנצען, שפּילען זיך אויף דער זון — צום קוילען; די העלזלאַך מיט די געלע פיסק־לאַך, װי ביי חנ'עװדיגע אַלטע באַבעטשקעלאַך — צום קוילען, און אפילו װען זיי שװימען זיך אויפ'ן װאַסער, מיט די גלאַטע בייכעלאַך, דאַכט זיך אויך, אַז דאָס װאַסער דערטרינקט נישט די רונדע קאַטשענע בייכעלאַך, װייל זיי זיינען — צום קוילען.

ס'װערט אַזוי פרעהליך אויפ'ן האַרץ. שלום האָט געשלונגען די סלונע, ער איז מקנא געװען אַ שוחט. װען ער, שלום, מעג, װאָלט ער גענומען אַ קאַטשקעלע און געקוילעט גלאַט אַזוי, פון פאַרגעניגען װעגען... פון פאַרגעניגען װאָלט ער געקװעטשט דאָס פאַרגאַסענע העלזעל מיט בלוט.

אַזוי האָט ער זיך געדרעהט אין מאַרק שלום, צווישען די אידען סוחרים, און צווישען די גוים. גוט איז, שפע איז דאָ, נאָר נישט פון זיינעטוועגען, ער געהט אום שלינג־און־שלאַנג און קוקט ווי פּייגעל פליהען. אי, אי, אי, דאָס דחקות איז גרויס. און צו וואָס ער נעהמט זיך איז מיט דער פּוטער אראָפּ, צו אַ זעקעל תבואה, צו אַ קאָפּ חזיר־האָר.

איין צעהנער׳ל, וואָס גאָט באַשערט איהם... איז אָט־אַ דער גוי מיט׳ן איבערגעקעהרטען שאָפּענעם פּעלץ, וואָס ער גלויבט נישט די אויגען, און צעהלט איבער צעהן מאָל, טאָקע אָט דעם גוי דוקא קען מען אריינרוקען אַ חשבון... אַזאַ גוי דאַרף האָבען אַן „אנקלוס׳ניק“, נו, ער קען דען מאַכען מיט׳ן „אנקלוס“? איינס, צוויי, דריי, פיער, און אַ פינגער איז זיבען... לייבעלע משה באָרד׳ס קען... און ער וואָלט געוואָלט, נאָר ער קען נישט, ס׳הייסט קענען קען ער, נאָר ס׳איז איהם נישט געראָטען... דער גוי האָט דאַמאָלס דערזעהען... פאַרוואָס איז איהם נישט געראָטען? ער האָט זיך פּאַשפּאַטעט אינמיטען צעהלען, ס׳האָט איהם עפּעס נישט דער־לאָזט דאָס האַרץ... ווי דעם גוי האָבען די הענט געציטערט... וואָס ער גיט זיין סחורה, זיין בלוט אַוועק, פאַר אַ האַרטען דרייער־פינף און דרייסיג גרייצער פאַר אַ גאַנצען זאַק באַרבאַלים, וואָס יעדע באַרבאַלי האָט ער אַליין געזעעט, אין דער ערד אריינגע־לעגט מיט זיין מיה, מיט זיינע איינגעבויגענע פּלייצעס, יעדען טאָג האָט ער זיך גע׳צלם׳ט, פאַר יעדען „באָד“ אראָפּגענומען דאָס היטעל, אַז גאָט זאָל געבען רעגען, און אַלע טאָג איז ער איבער־נעגאַנגען די שורות באַרבאַלים מיט די אויגען, און אָט וואַקסט שוין אַ בלעטעלע אַרויס, און אָט וואַקסען שוין צוויי. און דערנאָך יעדעס באַרבאַלקעלע עקסטראַ אויסגעגראָבען מיט די אייגענע הענט, און געלעגט אין זאַק, פינף און דרייסיג גרייצער אַ זאַק, און איצט זאָל ער מאַכען מיט׳ן אנקלוס...

נו, שלום, — אַז דו טויגסט דיך נישט אויס ווי אַנדערע — וועסטו טאָקע בלייבען אַ קבצן. וואָס מיינסטו, גאָט וועט דיר אראָפּוואַרפען פון׳ם הימעל?

אי, ווען דער אויבערשטער באשערט איהם עפּעס א גרינג פּארדינסטעל, רבונו־של־עולם, וואס וואלט עס איהם געארט?...

דער מארק איז פול, שוויבעלט און גריבעלט. תבואה, היהנער און קאטשקעס, און האניג און עפּעל...

און אט איז די קראמען א מזוגה... א קרעמער נאך אלעמען איז דאס בעסטע... אי וואס? פרעמר נעלט, און אז ס'קומט א צאהלונג... לויפט ער ארום ווי פאר'סם'טע מויז...

און סוף־כל־סוף זעצט ער אן...

די בעסטע זאך איז א מלאכה... אט איז פול ביי לייזער קא־וואל די קוזניע מיט גוים. פערד קאוועו, רייפען צו די רעדער... דזינדזי־דער אינדזי, אינדזי־אינדזי... מלאכה־מלוכה. ער לעגט נאר־נישט אריין, לייזער, נאר זיינע צוויי הענט... די צוויי הענט, אט טראגען זיי א שטאבע צעגליהט אייזען ארויף אויף דער קא־וואדלע... דזינדזי־דעראינדזי־אינדזי־אינדזי.... דער שוויס גיסט אויפ'ן צעגליהטען אייזען, און סמאלעט, ווי לעבעדיג פלייש, א רויך געהט, דאס הארינע הארץ שטעקט ארויס פונ'ם העמד... דאס העמד איז צוכראסטעט...

„איך שוויס, פון דער ערד זאלסטו דיין ברויט פארדינען“...

און פאר איין אדם'ן דארף איטליבער ליידען... ווען קאן די וועלט פארשטעהן?

פונ'ם טראכטען ווערטו א סך האבען. שוין דאנערשטאג, און אין שטוב איז נאך קיין מעהל נישטא... אי, רבונו־של־עולם...

דאס שטיקעלע ברויט... מיט בלוט פארלויפט עס...

ער האט זיך אפגעשטעלט לעבען צוויי חדר־אינגלאך, וואס האבען געשפּיעלט אין קנעפּלאך און געפרעגט:

— ווענעמ'ס ביזטו?

איין אינגעלע האט געטאן א זופ:

— דעם טאטענ'ס.

— ווי הייסט דיין טאטע?

— שמעריל.

— א, שמעריל'ס! צו ווענען געהסטו אין חדר אריין?

— צו לייב'ן.

— וואָס־זשע טוסטו דאָ? כ'וועל דערצעהלען דעם רבי'ן, וועט ער דיך שטעלען אין דער קונע, אַ ה י י ם...

דאָס אינגעלע האָט זיך אויף אַ מינוט דערשראָקען נאָר דער־נאָך האָט ער ווייטער געשנעלט דאָס קנעפּעל אין גריבעל אַריין. און שלום איז געשטאַנען און געקוקט, און געוואָלט ער זאָל יאָ אַריינשנעלען דאָס קנעפּעל אין גריבעל אַריין. און אַז ער האָט געזעהן ווי לייזער־עלי'ס אינגעלע שקר'ט, האָט ער צו'ן איהם נאָכגעוואָרפען מיט'ן פינגער:

— שקר נישט... אי, מ'טאָר נישט.

— וואָס טוט איהר דאָ, רב שלום? ווייזט אויס, איהר האָט היינט געהאַט אַ גוטען יאַריד...

מעשעלע נוי האָט געשמייכעלט אונטער די וואָנצעס.

— איהר שטעהט, גלייך ווי איהר זאָלט שוין האָבען די מי־זינקע אויסגענעבען?...

שלום האָט גוט געפיהלט דעם שטאָך. מעשעלע... וואו אַ כשר'ע מציאה פאַלט זי אַריין צו'ן איהם... אַ מזל...

ער האָט ווייטער אַרומגעבלאָנדזשעט אין ים פון שפע, אַלע זיינען פאַרטאָרעט... זיידע קלינגער, בן־ציון, וועלוועלע...

אי, אי, אי, וואָס וואָלט עס אי ה ם געאַרט?

אָט געהט דער אַמעריקאַנער... אַ גאָלדענע קייט אויפ'ן בייכעל, גאַנץ פיין... נו, וועמען גאָט העלפט... אַ טריפה לאַנד, נאָר אַ רייך לאַנד... גאָט האָט ליעב אַן עושר... און וואָס ער זאָל אַ שטייגער צוגעהן און איהם זאָגען... אַ פינפערל...

לייהען, לייהען, וואָס איז, ער איז נישט קיין בטוח?... אַ היגער, ברוך־השם, תמיד פיין זיך אויסגעהאַנדעלט, ביי קיינעם נישט גענומען... אי וואָס, איצטער איז די פּרנסה געשלאָגען, די קינדער שיקען נישט פון אַמעריקאַ... וואָס, אַז נישט קען ער נישט מאַיר־לען? ער מאַכט זיך נאָר נישט ווייסענדיג... נאָר גאָר נישט, פונדעסטוועגען קען זיך זעהר זיין, אַז דער אַמעריקאַנער

דער יאָסי האָט אַ גאַנץ פײַנעם כאַראַקטער, דאָס וואָס זײַן טאַטע איז געווען אַ בעדער, איז נישט קײן ראיה...

אַז ער איז שוין געווען גאַנץ גאָהענט פונ׳ם אַמעריקאַנער, און ער האָט איהם שוין געקענט אָפּשטעלען: זײַט׳שע מוחל, רב יאָסי... איך דאַרף מיט אײַך עפּעס שמועסען... האָט ער זיך צו־ריקגעהאַלטען — שמועסען? וואָס הייסט שמועסען, וואָס דאַרף ער מיט איהם שמועסען? — יענער וועט מיינען, ווער ווייסט וואָס... גאָרנישט, אַזוי רב יאָסי... איך דאַרף אײַך עפּעס האָבען, זײַט׳שעט מוחל, אַ קלייניגקייט... אַ קלייניגקייט, אַ קלייניגקייט... אַ שעהנע קלייניגקייט, ביי איהם איז דאָס אַ קלייניגקייט, אַ פּינפּערל, אַ שמאַכטע פון קאָפּוועהטאָג... נו שוין, נו שוין, לאָז שוין זײַן ווי ס׳איז, אבי... רב יאָסי...

וואָס איז טאַקע דאָס אייליגניש? ער דאַרף איהם אָנכאַפּען פון הינטען, ווי אַ הונט? ער קען וואַרטען, ביז ער וועט זיך מיט איהם אויסגלייכען. גלייכט מען זיך אויס אין גאַנג, איז געהט ער גלייך מיט איהם... האָסטו געזעהען, ער האָט נישט קײן רעכט צו געהן זיך אויף׳ן שטראָס גלייך מיט איטליכען? לעת עתה איז דער שטראָס אַ סקאַרבאָווע פּלאַץ... ס׳וועט נאָך זײַן איטלי־כען אַ זאַסיע... מ׳געהט שוין, מ׳האַלט אין געהן, וועט שוין במילא אויסקומען, אַז ער זאָל זיך אָנרופען, רב יאָסי...

אַ גאַנג פון אַ מענשען... אַ מבין אויף אַ גאַנג? עפּעס דער ראַק... דער גאַנצער אָנצוג, וואָס ער שמעקט עפּעס מאָדנע מיט „פּריפון", און דער רויך פונ׳ם גראָבען „קובעל־ציגאַר" גלייך איהם אין מויל אַריין פון הינטען, ווי פון אַ פּריץ, און דער שטעקען מיט אַ קאָפּ פון אַ זילבערנעם הונט, וואָס ער האַלט איהם אַזוי, אַז דער קאָפּ זאָל זיך אַרויסזעהן, דער שטעקען, וואָס ער איז גע־קאָוועט מיט זילבער, און ער טוט איהם אַ שטעל איינס, צוויי, איינס, צוויי, און מאַכט גריבעלאַד און דער שטויב הויבט זיך אויף...

נו שוין, רב יאָסי...

אַט טוט ער אַ דרעה מיט׳ן קאָפּ, וועט ער איהם דערזעהען...

אהי, דאָס חיות איז איהם אַרויס... געמיינט ער קוקט זיך אום... אהי... דאָס האַרץ זעצט אין איהם ווי אין אַ גזלן... געהערט? נו, נו, אַ גאַנצען צימעס מאַכט ער פון איהם... דעם בעדער'ס זוהן... איים־איך וואָ... פון זיין חזיר־האָר, קען מען קיין שטריי־מעל נישט פלעכטען... האָט זיך מסתמא גוט אָנגעפרעסען מיט קאָלבאַס און איצט געהט ער זיך צו פאַרדייהען דעם גוטען אָנ־בייסען. ע ר  ו ו ע ט  ב י י  א י ה ם  ל י י ה ע ן  אַ  פ י נ־פ ע ר ל ? . . .

נייז, שטעהט איהם נישט אָן... גאָט וועט איהם באַשערען ווי אָרום אַנדערש...

אי, אי, אי, וואָס וואָלט עס א י ה ם געאַרט?...

# זשוליקעם

מ'איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה. אנטלאפענע
פון מיליטערדיענסט האבען זיך אנגעהויבען בעוויזען אין
קליינעם גרעניץ־שטעדטעל סקאלא. מענשען מיט גאנצע און צו־
ריסענע שיך זיינען אנגעקומען. אזוי ווי אידען האבען ברוד־
השם אויף דער גאנצער וועלט קרובים, האט זיך צו לייזער קא־
וואל אויך אנגעפרעגט א קרוב, נאכ'ן קרוב האט זיך מיטגע־
שלעפט א כלה, און נאך דער כלה נאך צוויי בעקאנטע, א מאן
מיט א ווייב.

דער קרוב האט געהייסען וואווי, און איז געווען א שניידער־
יונג. ווי אלע שניידער־יונגען, האט ער געהאט א פאר גלאנציגע
קנאקענדיגע שטיוועלעך, און איז געגאנגען דאס קאפעליושעל
וואוילינגיש, אויף דער זייט, און האט געקענט שעהן זינגען.
זי, די כלה, איז געווען אן עלטער מיידעל, א יתומה, וואס זי
האט איהר גאנץ לעבען אפגעארבייט ביי א שוועסטער, א בע־
קערין. זי האט געהאט א פאר הענד מיט ברייטע גלידלאך, אויס־
געקנעטען, אויסגעהארעוועט פון די מולטערם ברויט.

זי האט געהייסען אודיע.

אודאי איז זי נישט געווען קיין שעהנע. זי האט געהאט אן
אויסגעצויגענע פנים, אן אונטערטעניג פנים, וואס ס'האט זיך גע־
בעטען ביי יענעם: „האב אויף מיר רחמנות“. געהאט האט זי
זיך דוקא שעהן וואס אנצוטאן. שיך לאקירטע, מיט זעהר דינע
שפיצען, און מיט שפיצלאך, און מיט לעכעלאך גרויסע און קליינע,
אריינגעארבייט פול מיט שוסטערישער חכמה, און געזאגט האט
זי, אודאי, אז זיי קאסטען צעהן רובעל, נאר איצט וואלט זי זיי
פערקויפט פאר העלפט, ווייל ס'איז אויף איהר א נויט. יעדער

האט אנגעקוקט, בעטאפט די שיך, מען האט טאקע געזעהן אז זיי זיינען שעהן, און נאך נייע, די פארעשוועס זיינען נאך נישט איינגעשמירט. נאר מען האט זיך עפעס געהיט זיי צו קויפען, מען האט אליין נישט געוואוסט פארוואס, צי דערפאר, ווייל ס'איז שוין אויף זיי געלעגען דער קבצנ'ישער שטעמפעל, ווייל דער קבצנ'ישער פוס האט שוין אויסגעפרעגט זיין גאנג אין שוך, צי דערפאר פשוט, ווייל מען האט זיי נעדארפט פערקויפען, אויף א זאך וואס מען דארף פערקויפען קוקט יעדער מיט חשד, מיט רחמנות, און מענשען ווילען נישט אריין דארט, וואו ס'איז דא רחמנות, נישט דערפאר ווייל מענשען זיינען בטבע שלעכט, נאר ווייל זיי האבען מורא ס'זאל זיך נישט מיטשלעפען א טשיק פון יענעמ'ס ליים. אזוי איז שוין דער מענש.

ווי די זאך איז, אודיע האט נישט געקענט פערקויפען די שיך, און נישט נאר די שיך, נאר נאך אנדערע זאכען, און מ'האט דערפאר נישט געקאנט שטעלען קיין חופה.

וואווי ווידער האט זיך נישט געאיילט צו שטעלען קיין חופה. אלע מאל האט ער געזאגט אז אנדערען תירוץ, און זיך ארומגעדרעהט, דאס קאפעליושעל אויף דער זייט, מיט'ן אנדערן קרוב, מישקע'ן, אין מארק. מישקע איז געווען דער, וואס איז געקומען מיט'ן ווייב. ער איז אויך געווען א שניידער־יונג, אויך געגאנגען דאס קאפעליושעל אויף דער זייט. נאר ער האט אויסגעזעהן א סך אינגער פון וואווי'ן. מען האט גארנישט געוואוסט, ווי עס קומט צו'ן איהם אזא'ן אלט ווייב, א הויכע, ברייטע אידינע, און נאך דערצו א שוואנגערע. פונקט ווי מען האט נישט געוואוסט, ווי קומט צו וואווי'ן, צו'ן אזא קנאקענדיגען, אבגעגאלטען שניידער־יונג, אן עלטער מיידעל, ווי אודיע, מיט אן אויסגעצויגען אונטערטעניג פנים. ווי קומט עס, אז אזא געזונטער ליכטיגער שניידער־יונג האט זיך געלאזט דעם קאפ פארדרעהען.

מישקע'ס ווייב האט געהייסען נחמה. נחמה איז געווען א שניידערין פון דער היים, און זיך באלד אנידערגעזעצט ביי א שניידער

געהען. ביי דער ארביים האט זי איטליכען דערצעהלט, אז מישקע איז א זשוליק, און אז מען טוט אויף איהם א קוק, קען מען שוין זעהן, אז דער זשוליק ליגט איהם אויפ׳ן פנים, און וועה איז צו׳ן איהרע יאהרען, אז הלואי וואלט ער געווען איינגעזונקען געווארען, איידער זי האט איהם דערקענט. ער וויל פון איהר פטור ווערען, און זי? — ווען גאט העלפט איהר, און זי קומט שוין איבער.

און דערביי האט זי געפיהלט, אז דוקא דערפאר ווייל ער איז א זשוליק, ציהט איהר דאס הארץ צו׳ן איהם, אז נישט, ווייסט זי נישט, אז זי זעהט אוים ווי א מאמע אנקעגען איהם? אז דאס, וואס ער האט זי פיינט, איז דאס דערפאר ווייל זי טראגט, אלע גרויסע בחורים האבען פיינט די מאמע, בפרט נאך ווען זי טראגט. וואס זי טוט נישט צו בעהאלטען זיך. תמיד געהט זי אין שאל איינגעהילט, זי שלעפט זיך איהם אומעדום נאך — זאגט ער — אודאי, וואס דען, אומעדום וועט זי זיך איהם נאכשלעפען, אז נישט האט ער נישט אליין געוואלט גנב׳ענען די גרעניץ, נאך גוט וואס זי איז בעצייטענס געוואהר געווארען, און ער האט זי געמוזט מיטנעהמען, ער האט מורא געהאט זי זאל איהם נישט מסור׳ן... א זשוליק...

ס׳האט איהר זיס וועה געטאן דאס הארץ וואס ער איז א זשוליק, א יונגטשיק זשוליק׳ל, וואס פארט איז ער איהר מאן, און זי קען איבער איהם וואכען אין נאכלויפען, און נאכשלעפען זיך איהם, און דערצעהלען מענשען אז ע ר האט זי אונגליקליך גע־מאכט, ער, ער, דאס יונגטשיק זשוליק׳ל איז איהר מאן...

מיט אודיע׳ן איז זי געווען פון דערווייטענס. אודיע האט זיך נישט געוואלט דערנעהענטערען צום אונגליק — ווייל לעת עתה איז זי, נחמה, ש ו י ן אין אונגליק, זי האט מישקע׳ן פאר א מאן, און מישקע איז א זשוליק, מישקע מאכט קאליע וואווי׳ן. דאס, וואס וואווי איילט זיך נישט צו שטעלען קיין חופה, דאס איז מישקע׳ס סטראַיעניע. מ׳דארף איהם אפטיילען פון מישקע׳ן. לעת־עתה איז נחמה שוין אין אונגליק. מישקע זאגט איטליכען אז זי איז איהם נמאס, ער וויל זיך פון איהר אפטשעפען.

אודיע האָט געפיהלט, אַז נחמה וואַרט שטילערהייד אַז זי, אודיע זאָל אויך האָבען אַזאַ סוף ווי זי. אַז נישט האָט זי נישט געפּיהלט, אַז נחמה ווינשט איהר נישט קיין גוטס, נאָר ווייל זי, אודיע, איז אַ לייטיש קינד, שעלט זי זי נישט דערפאַר.

ס'איז געקומען שוין דער פערטער שבת פאַרנאַכט, און לייזער קאַוואַל, וואָס האָט שוין נישט געקענט אַזוי פיעל צוזעהן אודיע'ס טרעהרען, האָט וואָווי'ן אַנגעזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט, אַז היינט שבת־נאַכט, שטעלט ער אַ חופּה, אַ נישט קען ער זיך געהן זוכען אַן אַנדער נאַכט־לעגער — און אַליין איז ער זיך דורכגעגאַנגען צו'ן אַ פּאָר פריינד אין שניידערשען שוהל'כעל, אַז מען זאָל זעהן למען השם, אַ מצוה, אַ יתומה נעביך, און ע ר האָט שוין חרטה, אַ זשוליק — ער זאָגט אויף איהם דעם אמת, כאַטש, וואָס ער איז זיין קרוב — מען זאָל זעהן צו טהאָן אַלדינגס וואָס מען קען, און נישט דערלאָזען צו'ן אַזאַ הימעל־געשריי: סטייטש, סטייטש... אודיע איז אויך אונטערגעפאַלען די שכנים פון לייזער קאַוואַל, און געבעטען און געוויינט, זי איז דאָ עלענד, אַ יתומה, און וואָווי געהט אין מישקע'ס דרכים... האָבען די שכנים גע'מסור'ט וואָווי'ן...

וואָווי האָט געפיהלט, אַז ס'רוקט זיך אויף איהם אַן אַ כמאַרע, פונקט ווי ס'רוקט זיך אַן דער אומעט אויף די אלול־דיגע טעג, און ווי איין בלודנע שאָף טולעט זיך צו דער אַנדערער, אַזוי האָט ער זיך געטולעט צו מישקע'ן. ער איז נאָך נישט געווען אַזאַ זשוליק ווי מישקע, און ער האָט געדאַרפט זיך ערשט לאָזען איבעררייִדען. ער האָט גענומען מישקע'ן הינטער'ן אַרים, און איז מיט איהם אַרויסגעגאַנגען אויבען אין טויער. צווישען די טאַפּאָליעס האָט אַ ווינט געוועהט, און די געלע בלעטלעך געטראָגען אין דער לופטען, די סעדער זיינען שוין געשטאַנען פוסט, די אויבסטען פון די בוימער בעריסען. און אַז מען האָט נאָך ערגעץ געזעהן אויף אַ בוים אַ פאָר פאַרגעסענע פלוימען הענגען, איז עס עפּעס אויסגעקומען ווי אַ נס. די בוימער זיינען געשטאַנען שולדיג וואָס זיי האָבען שוין מעהר קיין אויבסטען נישט אויף זיך, און זיי שטעהען אומזיסט, און פאַרנעהמען פּלאַץ אַזוי גוט ווי דאַמאָל, ווען יעדעס צווייגעל

איז געווען שווער פון אויבסט, וואס האט אנגעזאגט א גוטען טעם אין מויל.

וואווי האט אנגענומען מישקע'ן הינטער'ן ארעם:

— מישקע, וואס וועט זיין דער תכלית?

— וואס זאל זיין, אז דו ביזט א פעטאר און לאזט זיך אריינ־נארען אין זאק...

— וואס זאל איך טהאן, איך בין אין דער פרעמד, אין א פרעמד לאנד... וואס רעכענסטו צו טהאן?

מישקע האט אראפגעשנעלט מיט צוויי פינגער א שפרינקעלע פונ'ם לאץ:

— דאס איז דאך טאקי די צרה מיט מיר אויך... עה, ווען איך בין נישט אין א פרעמד לאנד... דער פעקיל־מאכער האט איינגע־שלונגען די לעצטע קאפיקע... ווען זי פארדיענט נישט, פעכנע איך אויפ'ן פיסק.. אזוי, אזוי, גוטער ברודער, פונ'ם גרעס־טען אונגליק איז דער וועלט קענסטו אנטלויפען, פון א מלחמה, פון א קרענק, נאר פון איין זאך קען מען נישט אנטלויפען — א ווייב. האסטו א ווייב, איז סיידען אין דער ערד אריין...

וואווי'ן האט שוין פערדראסען וואס מישקע לעגט איהם שטיי־נער אויפ'ן הארץ, און ס'האט איהם נאך מעהר פערדראסען, אז פון דער מלחמה האט ער זיך יא ארויסגעדרעהט, און פון א צרה א שלאק, א כלה, נישט. האט ער איהם געיארעט שוין אויף גאליציאנער לשון:

— אזוי ביסטו א גאנצער מאכער אויף דער גאלעריע, נאר אז ס'קומט צו'ן עפים, איז נישטא קיינער אין דער היים... קראנק ביזטו זיך אליין אנידערזועצען ביים ווארשטאט?

מישקע האט איהם אנקעגענגעשטעלט די האנד:

— שא, שא, שא, ט'זיך ספאלאשעט, פאוואלי מיט'ן דישעל... אט דא, אט דא, אט דא, ליגט דאך טאקי דער הונד בעגראבען.. מ'לאזט דען צו?... שניידער־פלעקלער ז'דא ווי הינה, צונויפגעלא־פען זיך דורך דער מלחמה, אז ביי חיים שניידער האבען זיך צו־נויפגענומען די געזעלען, און ווילען יעדען צוברעכען די קריזשעס,

ווער ס'וועט גערן אויף זייער ברויט. ז י איז אַן אַנדער זאַך, מענ־שען האָבען אויף איהר רחמנות, ווייל זי... אַ נעכיי וואָלט איך גע־ווען געבראַכען אַ לינקען פוס...

וואָוי האָט דערפּיהלט אַז מישקע וועט שוין נישט אַנטלויפען פון זיין צרה, און איז געוואָרען אַ קאָפּ פרעהליכער וועגען דעם, וואָס ער וועט היינט אויף דער נאַכט מוזען שטעלען אַ חופּה.

— דו, מישקע, געהסט אַהיים?... אפשר וועט עמיצער באַרגען סעמעטשקעס, — אַ מעסטעל דיניע־קערלער, זאָגט מען דאָ.

זיי האָבען זיך ביידע אומגעקעהרט אַהיים. אין דרויסען האָט שוין געטונקעלט. קיינער האָט נישט געוואָלט באַרגען אַ מעסטעל דיניע־קערלאַך, זיינען זיי ביידע אריינגעגאַנגען צו לייזער קאַוואַל איז שטוב אריין, אין דער אָרימער שטוב אריין, קיינער איז נישט געווען. דאָס טישטוך איז געווען פאַרפלעקט און פול מיט ברעק־לאַך, פול מיט ביינדלאַך, שבת'דיגע ביינדלאַך. די לייכטער זיינען געשטאַנען נישט קיין אָראָפּגענומענע, ווי צוויי איבעריגע געסט, וואָס מען קען פון זיי נישט פּטור ווערען, און די שבת'דיגע חלה איז שוין געווען אויפגעגעסען, און דאָס טעפּעל פונ'ם קאָפּ פלוי־מען־צימעס איז געשטאַנען איבערגעקעהרט; אפילו די קערען זיי־נען שוין געווען צוקנאַקט, און דאָס טישטוך איז געווען פאַרפלעקט מיט פלוימען־יויך, וואָס מ'האָט ש ו י ן אויפגעגעסען, און די הערצער האָבען געמאָהנט נאָך שבת, נאָך אַ שטיקעל שבת, נאָך פרישע חלה, נאָך פלוימען־יויך...

וואָוי האָט שטאַרק דערפּיהלט, אַז ער איז אין דער פרעמד, איז ער צגעגאַנגען און גענומען פּויקען אין די שויבען. מישקע איז אויך עפּעס געשטאַנען ווי אַ נעכטיגער, צוגעגאַנגען צום פּעסעל, אַנגעשעפּט אַ קוואַרט וואַסער, אָבגעגאָסען, און געטאָן אַ טרונק. דערנאָך האָט ער געזוכט אין די לעדיגע קעשענעס אַ ציגאַר טוטין זיך אַנצוגרייטען, ווען מען וועט אַנצינדען אַ ליכט.

— דו, וואָוי, ווענסט שטעלען אַ חופּה?

— אַ ברירה האָב איך?...

— טשאָרט וואָזמי!...

מישקע האט זיך אנידערגעזעצט, אנגעשפארט דעם קאפ אן די הענד, און זיך דערמאנט,אז זי... הלואי וואלט ער געווען א לינקען פום געבראכען... אוודאי איז זי איהם נמאס... וואס קען ער טהאן, אז זי איז איהם נמאס?... א פריי, פריי פויגעלע וואלט ער געווען... אהן אן עול אויפ'ן קאפ... קיין אמעריקא וואלט ער געפלויגען... א בעל־הבית׳יש קינד וואלט ער גענומען... נייז, קיינעם וואלט ער נישט גענומען... נמאס.. ער האט טיעפער אנגעשפארט דעם קאפ אן דער האנד און זיך צוזונגען:

„א יא פלאקאלא, רידא־
א־א־א־לא..."

די טרעהערען האבען זיך איהם געגאסען פון די אויגען, הייסע טרעהרען, איינע נאך די אנדערע, און דאס לעבען, דאס יונגע לעבען איז איהם נמאס געווען, וואס ער דארף עסען א שטיקעל ברויט פון א י ה ר ע הענד. זי, וואס איז איהם נמאס דערפאר, ווייל זי... הלואי וואלט ער געווען א לינקען פום געבראכען...

וואווי האט אויפגעהערט צו פויקען אין די שויבען, אין די אסיענדיגע שויבען, וואס האבען געקלונגען פרעמדע, ווי דאס פרעמדע לאנד, און זיך אנידערגעזעצט פון דער אנדערער זייט פון דער לאנגער באנק אנגעשפארט דעם קאפ אן די הענד און אונטערגעהאלטען:

:א יא פלאקאלא, רידא־
א־א־א־לא"...

און אז ער האט געזעהן ווי די טרעהרען גיסען זיך פון מישקע'ס אויגען, האט ער זיך דערמאנט, אז ער געהט היינט שטעלען א חופה, און איהם האבען זיך אויך געגאסען די טרעהרען אין די אויגען אריין. ער האט זיך דערמאנט, אז ער איז א יתום, פון קליינערהייד אן, ארומגעפאהרען אין די קליינע שטעדלאך, איינמאהל נאר אין יאהר, חול־המועד פסח, זיך אויפגעזעצט אויף א פוהר, דאס רעקיל אויף א י י ן אקסעל און געפאהרען אהיים צו דער מאמע'ן. א יתום איז ער תמיד געווען, און איצט וויל מען איהם די יאהרען אפקירצען, דעם קאפ פארדרעהען, א הויקער אנהענגען, און

מען יאָגט איהם נאָך, ווי עס יאָגען נאָך די היצלעס נאָך אַ דער־שראָקענעם הונד, וואָס מ'האָט איהם שוין אַ שטריק פאַרוואָרפען אויפ'ן האַלז. איהם ליגט שוין אויך דער שטריק פערוואָרפען אויפ'ן האַלז. היצלעס לויפען איהם נאָך, די גאַנצע וועלט מיט היצלעס לויפען איהם נאָך.

דאָס שניידער־יונגישע האַרץ האָט זיך אין איהם געריסען, האָט אַריינגעכליפּעט אין ליעד אַ געזעגען, אַ „זיי געזונד' צו זיינע יונגע בחור'שע יאָהרען:

אַ יאַ פּלאַקאַלאַ, רידאַ־
אַ־אַ־אַ־לאַ...“

אי־י־י... וואָלט ער אַ פריי, פריי פויגעלע געווען....אַ—י—י—י...
וואָלטען זיינע פליגלאַך נאָך נישט צוגעבונדען געווען...

# אַ טראַכטער

דאַ אין לאַנד האָט משה פּלוצים אָנגעהויבן שטאַרק צו גלויבן אין גאָט. פאַרוואָס — האָט ער אײגענטליך אַלײן נישט געוואוסט. צי איז עס בײַ איהם געווען מעשה להכעיס — יענער גלויבט נישט, גלויבט ער דוקא זעהר שטאַרק; צי האָט ער זיך טאַקע אַביסעל דערשראָקען, אָפּגעפּלעפט געוואָרען פון דעם גרויסען פאַרנעהם וואָס דאָס ניו יאָרק טוט אַ וואָרף אָן אויף אַ מענשען און וואָס מען מוז פאַר עפּעס דרך ארץ קריגען, כאָטש מען ווייסט נישט פאַרוואָס — אײן קלײניגקײט, ניו יאָרק.

נו, האָט ער טאַקע נישט געקענט קומען צו קײן טאָלק מיט זיך, און וואָס עס באַשטעהט די פינסטערע גבורה דאָ: צי אין דעם וואָס דער מלאך המות געהט נאָך הינטער די פּלײיצעס, אַ שטײגער אַ קאַר, צי אַן אַטאָמאָביל, צי אַ פײער, אָדער גלאַט אַ שילד פאַלט אַראָפּ און מען ווערט גע'הרג'עט אומגעריכט; און אפשר אַלע זאַכען אינאײנעם; און אפשר דאָס, וואָס ער האָט זיך געוואָלט שטילערהײט אויספײנען פאַר גאָט, און נאָך ניכער פאַר זיך אַלײן: אַ יאָ, אַלע קומען דאָ צוגעהן און ווערען גוים, ס'איז לײכט דאָ צו ווערען אַ גוי און טון וואָס דאָס הארץ גלוסט, קײנער זאָגט דאָ קײן דעה נישט, און דו, וואָס דיר איז דאָך **יאָ** שווער געווען בײַצושטעהן אַ נסיון דאָרטען, דו ווערסט **זאָלסט** דוקא זײַן שטאַרק פרום.

די ערשטע צײַט האָט ער טאַקע נישט געוואוסט פאַר וועמען ער וויל זיך אויספײנען: פאַר גאָט, צי פאַר זיך, און אפילו ווען ער האָט זיך לאַנג-לאַנג אַרײַנגעטראַכט אין גאָט, געזעהן איהם ממש מיט די אויגען, ווי מען זעהט אַ מענשען להבדיל, און געטאָן נאָר איהם, **איהם** צוליעב, אַלדינגס פון זײַנעטוועגען, איז עס

אויך אם ענדע אויסגעקומען פאר זיך, צוליעב זיך, ווייל ער, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, האט זיך א פאר מאל דערטאפט אין א י ה ם. אין א י ה ם ט א ק ע א ל י י ן. ער איז נישט ווערט אנצורופען מיט׳ן מויל. גאטעניו זאל איהם נישט שטראפען פאר די רייד, פארט נישט מעהר ווי א זינדיגע נשמה, און ער ווייסט נישט, ער זאל אזוי נישט וויסען פון קיין שלעכטע עלטער, ווי ער ווייסט נישט, הויבט נישט אן וויסען, ו ו י א ז ו י, מיט וואס פאר אן אומריינעם כח ער איז אריין אין א י ה ם, גאט זאל איהם מוחל זיין, רבונו־של־עולם, די שווערע זינד און איהם נישט שטראפען, אי, וועה איז צו זיינע חטאים אויף דער וועלט...

ביי די ביטערע, פינסטערע מחשבות, ווי אזוי ער איז אריין אין א י ה ם, נישט מיט זיין מויל גערעדט, נישט מיט זיין מוח געטראכט, פלעגט ער זיך פייניגען דעם גוף, אזוי ווי ער וואלט שטארק פון עפעס הנאה געהאט, זיך דערמאנט אן דעם און אליין פארקירצט די הנאה, א שטייגער ווי יענע וואך איז באד, בשעת ער האט שטארק הנאה געהאט, ווען דער גוי האט איהם געריבען די פלייצע, און ער האט פלוצים א זאג געטאן צו דעם גוי: „איוואנקא, גענוג !"

איוואנקא האט איהם אודאי אנגעקוקט ווי משוגע, ווארים ס׳איז נישטא איין איד, וואס זאל זיך מיט איהם נישט דינגען: „איוואנקא, נאך אביסעלע".

נו, און מיט׳ן עסען איז דען נישט אזוי? ווען ער האט שוין גאר געזעהן דאס האלבע אויסגעבראטענע קעלבערנע צינגעל ליי־גען אויפ׳ן טעלער און כמעט ארומשווימענדיג אין ברוינעם סאוס, האט ער ערשט געזאגט חנה׳ן, אז היינט האט ער קיין אפעטיט נישט — וואס איין גאט ווייסט דעם אמת, אז א געבראטען צינ־געל איז ביי איהם דאס חיות, אז ווען ער טוט א צעקאי א שטי־קעל צינגעל, פיהלט ער ממש... נו, לאז ער שוין נישט אזויפיעל זינדיגען מיט די מחשבות זרות, ווייל דער טעם פונ׳ם צינגעל...

ער האט אראבגעשלונגען די סלונע.

דערנאָך האָט ער נאָך אַלץ געשלונגען די סלונע, וועו ער האָט זיך דערמאָנט אַז דעם טעם פונ'ם צינגעל, געשלונגען און געשלונגען, און געטראַכט און געטראַכט.

אַזאַ מענש איז ער געווען, משה.

דאָס איז געווען זיין איינציק לעבען. צו די לעבענס פון די צוויי עלטערע זיהן, וואָס זיינען געגאַנגען אין זייערע אייגענע דרכים, האָט ער שוין קיין שליטה נישט געהאַט. און טאָמער האָט ער זיך יאָ אַמאָל אָפּגערופען מיט אַ מוסר־וואָרט, יוצא צו זיין פאַר זיין אייגענעם גאָט, אין ווענען ער האָט זיך אריינגעצויגען, האָט איהם חנה אָפּגעשלאָגען די פליגעל: „שאַ, שאַ, מיש דיך וועניגער; זעה בעסער צולעגען קאָפּ צו'ן עפּעס אַנדערש".

און דאָס „עפּעס אַנדערש", אי האָט ער געוואוסט וואָס דאָס „עפּעס אַנדערש" באַטייט!... נענוג, גענוג האָט זיך עס איהם שוין איינגענעסען אין די ביינער. פּרנסה, פּרנסה, פּרנסה.

נו, מסתמא דאַרף דאָך אַזוי זיין. ער וועט שוין קיין חיבוט הקבר נישט אָפּקומען. ס'איז שוין נישטאָ קיין גיהנום אויף דער וועלט. פּרנסה איז ביי משה'ן תמיד געווען אַ קללה, און דער־פון האָט זיך טאַקע גענומען די היימישע ספקות: ממה־נפשך, האָט משה נע'טענה'ט, שענקט ע ר דאָס לעבען, טאָ זאָל ער זשע געבען צ ו ם לעבען. פאַרוואָס זאָל אַ מענש דאַרפען אויס־שטעהן ארבע מיתות בית־דין? זיך דאַרפען דרעהען דעם מוח, אויסטריקענען זיך די געהירען, מבוזה־מבוזה מאַכען זיך צעהן מאָל אַ טאָג, דאָס בלוט זאָל אָפּטריפען...

נאָר דאָ — אַז בעני, וואָס האָט געשיקט די שיפסקאַרטען, האָט אָנגעהויבען צו ברענגען אַהיים די „פעידעס", זיינען די ספקות שוואַכער געוואָרען. ער האָט דאָך געזעהן, אַז ס'איז פאַרט דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און ערגעץ, ערגעץ אין זיך איז ער צופריע־דען געווען, וואָס ער דאַרף נישט קומען פנים אל פנים מיט גאָט און קען אויסקומען דורך אַ מעקלער, דורך זיין בעני'ן, וואָס ער, בעני, ברענגט די פּרנסה. ווייל כאָטש משה איז געווען אַ בעל בטחון, האָט ער דאָך געוואוסט, אַז אין הלכות פּרנסה פאַרשטע־

העז זיי זיך נישט, ער מיט'ן רבונו־של־עולם. ער ווייסט זיך זיינס, און גאָט ווייסט זיך זיינס.

די ווייב פּלעגט איהם נאָך צושמעלצען מיט דעם וואָס זי פּלעגט איהם פאַרטייטשען גאָט'ס חסד אַזוי: „גאָט זאָגט: דו ט ו, און איך וועל דיר העלפען"...

ער האָט געטאָן, ער האָט געטאָן, און גאָט האָט נ י ש ט געהאָלפען. נאָר מיט וועמען זאָל ער זיך דאָ געהן אויס'טענה'ן?

איין טרייסט, איין שטיקעל נחמה האָט ער בּאַ געהאַט — „באָב'ן".

„באָב" איז געווען אַ שוואַרצער הונט, וועמען די קינדער האָבען אַריינגענומען אין שטוב אַריין, ווען עס איז נאָך געווען אַ צוינגעל, און עס אויפגעהאָדעוועט. די ערשטע צייט האָט זיך משה געבּייזערט אויפ'ן כלב, פאַרוואָס מען האַלט איהם אין שטוב, און פאַרוואָס גיט מען איהם אומזיסט עסען, און למאי דאַרף מען ליידען אומזיסט און אומנישט פון אַ כלב, אַז ס'איז נישט קיין אידישע זאַך, און ס'איז נישט, און ס'איז נישט...

די ערשטע צייט איז עס געווען קנאה, ווען ער האָט געזעהן ווי־סעמי טוט איהם אַ נעם אַן ביי דער מאָרדע און גראָבּט איין זיין קאָפּ אין הונט'ס האָריגען האַלז. ער האָט דאָך געזעהן, אַז סעמי האָט איהם ליעב, דעם הונט; ער האָט איהם ליעב, דאָס חיות ממש געהט איהם אויס, ווען ער רעדט צו'ן איהם, צום הונט הייסט עס, עס ווערען ביי איהם באַלד די אויגען פרעהליך, הויבּען אָן צו גלאַנצען, און דאָס גאַנצע פּנים פרעגעלט זיך אין נחת און ליעבשאַפט צו דער שטומער חיה. און ווי איז, ווען ער קוקט אויף איהם, אויפ'ן טאַטע'ן? עס לעגען זיך באַלד אויס קנייטשען אויפ'ן שטערען, דאָס פּנים ווערט טויט־ערנסט, גלייך ווי ער וואָלט איהם די קאָפּאָטע געקוילעט. וועד שמועסט ווענען אַנדערע־רען, איז אָפּגערעדט. טאַמער מאַכט זיך, אַז ער ריהרט אַמאָל נ־שט אומיסטען אַן יענעמס האַנט, טוט ער זי אַ כאַפּ אַוועק, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבּריהט. און ווען מען צושמועסט זיך עפּעס, קומט ער באַלד אַרויף אויף דעם, אויף יענעם, ווי דער איז אַן על־

טערער איד און יענער איז אן עלטערער איד און יאקאס מאכט ער גליקען. און וועגען וואס מען שמועסט און וועגען וואס מען רעדט, קומט ער אלץ ארויף אויף דעם איינעם — פרנסה.

געגוג האט ער עס געפיהלט אין יעדער אבער דאס שטילע אויפ־ווארפעניש, אז ער עסט אומזיסט ברויט, עסט די קינדער׳ס ברויט.

די ערשטע צייט איז ער איהם, „באב׳ן״, פשוט געווען א שונא, נישט פארגונען, מ׳שטיינס געזאגט, דעם הונט, דעם וואויל־מאג וואס ער האט ביי זיינע קינדער, ביי ז י י ן בלוט און פלייש, בשעת א י ה ם איז מען נישט נוהג כבוד ווי עס באַ־דארף זיין. און אפילו זי, חנה, פארגעסט אויך נישט „באב׳ן״ צו־צעווארפען זיין חלק. וואס איז? — די קינדער ווילען אזוי... און א חכמה האט זי שוין אויך וועגען איהם דערצעהלט, ווי להבדיל וועגען א לעבדינגען מענשען: אז ער דערהערט ווי מען זאגט: „בעני געהט״, שפרינגט ער ארויף אויפ׳ן פענסטער און קוקט ארויס. מאלט אייך, אז די שונאים זאלען אזוי לעבען צי איז דאס אמת. נאר גארנישט, אז דער הונט האט מעהר מזל פון איהם, איז דאך נישט שייך...

נאר דערפאר, אז עס האט אנגעהויבען ארומצוגעהן די מגפה, און די דאקטוירים האבען אנגעזאגט, מען זאל זיך היטען פון די קעץ און הינט, האט מען פלוצים אנגעהויבען נאריקען אויף באב׳ן: באב עסט א סך, באב שמוצט אן אין שטוב. „טא נעהם און ווארף איהם ארויס״ — האט בעני אויך פאר איהם מורא געקראגען.

דא האט זיך שוין משה ארייגגעמישט:

— וואס הייסט ארויסווארפען? מען האלט אפ א חיה אזוי פיעל יאהרען אין שטוב! א צער בעל החיים...

און טאקע נאר צוליעב משה׳ן האט מען באב׳ן נישט ארויס־געווארפען. און באב, גלייך ווי ער וואלט געפיהלט, ווער עס איז זיין מליץ יושר, פלעגט זיך שטילערהייט מיט צוגעפלעטשטע אויערען צו׳גנב׳ענען צום אלטען אידען און ארייגשטעקען דעם קאפ צווישען זיינע קניה. משה איז עפעס די ערשטע צייט צו־

טומעלט געווארען, און פארשעהמט ארויסגעברומט: „גירארע",
נאר ביסלעכווייז האט ער זיך צעגעוואוינט דערצו, און עס איז ביי
איהם געווארען א באדערפעניש. געוועהנליך, ווען ער האט זיך
גערייכט אויפ'ן הונט, פלעגט ער זיך פאר'גנב'ענען אין א ווינקעל,
אז קיינער זאל נישט זעהן, און ער טאקע זאל קענען מאכען א
פרייע מינע צום הונט. א פרייע מינע האט ער געוואלט מאכען,
ווייל ער האט נישט געקענט ביישטעהן דעם נסיון פונ'ם הונט'ס
געטרייע אויגען, וואס האבען זיך אריינגעבויערט אין איהם מיט
אזוי פיעל ליעבשאפט, מיט אזוי פיעל ליעבשאפט. דער הונט האט
זיך געבעטען ביי איהם: „משה, לאז מיך דיך ליעב האבען"...
און אז ער האט איהם אנגעגיוכעט די האנט מיט'ן ווארימען דער,
און אז ער האט איהם אפילו א לעק געטאן אין דער האנט, האט
עס שוין משה'ן נישט געארט, עס האט איהם טאקע הנאה געטאן.
וואסער הנאה! — ער האט געהאט דאס חיות פון דער וועלט...

פלעגט ער שוין אפשפארען עפעס פונ'ם טיש, איינוויקלען
אין א פאטשיילעכעל און באהאלטען פון באב'ס ווענען, און דערביי
האט ער זיך געהיט ווי אין אן אויג א שטאך צ טאן, אז מען זאל
איהם חלילה נישט דערטאפען, ווייל ווען מען דערטאפט איהם,
דערטאפען דיענען די עבודה זרה, חלילה, א קלייניגקייט! א איד
א בעל תורה, האט שוין אויסגעגעבענע זיהן און טעכטער, זאל
זיך מתעסק זיין מיט אזעלכע זאכען...

ער וועט קיינמאל נישט פארגעסען, ווען סעמי האט איהם
דערטאפט געבען דעם הונט א ביין. ווי א דונער האט איהם
געטראפען סעמי'ס חוזק: „טאטע, ווי קומט עס?"...

עס פלעגען זיין טעג ווען ער האט בשום אופן נישט געקענט
צוקומען צום הונט, דאמאלס האט ער געהאט דעם צער פון דער
וועלט. דאס איז געווען דאמאלס, ווען די קינדער האבען „גע־
סטאפט" פון דער ארבייט, אדער ימים נוראים, ווען מען האט צו
טאן מעהר מיט גאט־דיענען, ווי אן אנדערט מאל, ווייל מען דארף
זיך א גוט יאהר אויסבעטען, און שווער קומט אן א גוט יאהר
זיך איסצובעטען אין דעם זינדיגען אמעריקא — שווער, ווייל

קיינמאָל ביזטו נישט זיכער: ביזטו שוין דאַכט זיך יאָ אָפּגע־שטאַנען אַ גאַנצען טאָג אויף די פיס, געדראַוועגט שטעהענדיג און אָפּגעפאַסט אַ תענית אַזוי גוט ווי אין דערהיים, איז פּלוצים דאַכט זיך דיר אויס, אַז דאָ האָסטו דעם רבונו־של־עולם עפּעס נישט דאַגאַרזעט, דאַרט איז ביי איהם עפּעס נישט רעכט, און דו געהסט עפּעס אַהיים נישט קיין געלייטערטער, נישט קיין צו־פריעדענער, ווייל עס דאַכט זיך דיר, אַז גאָט איז אויך אַוועקגע־גאַנגען פון שוהל עפּעס אַ נישט צופריעדענער.

דאַמאָלס, אין אַזעלכע טעג, האָט משה מעהר מיט זיך צו טאָן — עס געהט אין לעבען. נאָר קוים מאַכט זיך עפּעס אַזוי אַ טאָג, וואָס ער קען נישט צוקומען צום הונט, איז ממש פיהלט ער ווי די כחות געהען איהם אויס, נישט פאַר קיין שום אידען געדאַכט. און נישט איינמאָל טראַכט ער, אַז דאָס איז עפּעס נאָר אַ קליפּה, אָט דאָס, וואָס עס ציהט איהם צום הונט. און דער הונט עפּעס אויך געהט אַרום אין אַלע ווינקעלעך און ניוכעט און שמעקט און פרעגט אויף איהם, פרעגט מיט די אויגען, מיט'ן עק, מיט'ן גאַנצען לייב און לעבען. דאַמאָלס כאַפּט זיך ביי משה'ן ווידער אויף די ספיקות און ער פרעגט, און ער פרעגט: אַ הונט, וואָס איז אַ הונט? און איך, וואָס בין איך? און גאָט, וואָס איז גאָט?

און ער טוט זיך אַ פאַרכאַפּ: גאָטעניו, זאָלסט מיך נישט שטראָפען פאַר די רייד; נישט מיט מיין מויל גערעדט, נישט מיט מיין מויל גערעדט...

# נאָך אַ כלה

שוין אפשר די צוואַנציגסטע כלה איז ער געפאָהרען אָנ־קוקען, און פון אַלע איז מען געוואָהר געוואָרען אין שטאָדט. קודם פלעגט פלעגט אַריין הענאַך שרכן צו זיי אין שניט־קראָם און איינ־רוימען אַ סוד דעם אַלטען הירש, האָט הירש איינגערוימט דעם סוד דער הירש׳שעבע, און זי האָט עס דערצעהלט בסוד סודות שלום׳ען, און מעהר האָט מען שוין נישט געדאַרפט.

שלום פלעגט אַרומגעהן פערקלעהרט צווישען די חברים, ווי איינער רעדט: כ׳וויים עפּעס אַ סוד, אַזוי לאַנג ביז מען האָט שוין פאַרשטאַנען.

שלום איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאַנטשיק, און ס׳איז שוין טאַקי צייט געווען ער זאָל אַ חתן ווערען, איז אָבער נישט געגאַנגען — וועלכע כלה ער האָט אָנגעקוקט, איז זי איהם נישט געפעלען, שלום, האָט מען געזאָגט, איז געווען אַ שלאַק, אויף יע־דען הערעלע אַ פּערעלע, געוואָלט אַזוינס און אַזעלכעס.

אַליין האָט ער זיך קוים געקענט אונטערשרייבען, און אַ כלה האָט ער געוואָלט, אַ געבילדעטע, אַליין איז ער געווען אַ קליינ־טשיקער, מיט סטולעוואַטע פּלייצעס, וואָס דער קאָפּ איז געזעסען צווישען זיי ווי אַ הוהן אין אַ קויבער, און געוואָלט האָט ער אַ כלה אַ הויכע, אַ שעהנע, אַ קלוגע.

אויף איהם האָבען מענשען געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין נאַר, נאָר ער האָט זיך געהאַלטען גאָר פאַר אַ קלוגען. אַ זכרון האָט ער געהאַט אַן אייזערנעם, געדענקט אויסצורעכענען יענעמ׳ס יחוס ביז אין פינפטען גליד אַריין. טאָמער האָט ער איבערגעלייענט אַ ראָמאַן, האָט ער איהם געקענט נאָכדערצעהלען מיט אַלע איינצעל־הייטען, אַז יענער האָט געגאַפט.

דאָס וואָס מען האָט איהם, שלומ׳ען, געהאַלטען פאַר אַ קלוגען, האָט זיך הפנים גענומען דערפון, וואָס ער פלעגט אָפּשאַצען צי יענער איז אַ נאַר, צי אַ קלוגער. אַז ער האָט אַרויסגעגעבען אויף יענעם אַ פּסק, אַז ער איז אַ נאַר, האָט זיך שוין יענער געמעגט ווי חכמה׳נען, האָט שוין נישט געהאָלפען. ער איז געבליבען אין שטאָדט אַ נאַר.

דער עיקר פאַר וואָס ער ווערט נישט קיין חתן, האָט נאָר ער אַליין געוואוסט; גאָר פּשוט — ער האָט ליעב געהאַט צו פאַהרען אָנקוקען כלות... עפּעס ס׳איז ביי איהם געוואָרען אַ זאַך, אָהן וואָס ער האָט נישט געקענט אויסקומען. אַ סך, אַ סך מיידלעך האָט ער נישט געוואָלט, נאָר דערפאַר ווייל ס׳וועט זיך ענדיגען, און שלום האָט נישט געוואָלט ס׳זאָל זיך ענדיגען. ער האָט ליעב געהאַט זיך צו גרייטען אין וועג אריין, דאָס אויספּוצען זיך, דאָס אויפזעצען זיך אויף דער פוהר, דער רעש. דאָס אַריינקומען צו דער כלה אין שטוב, ווי אַלעס שמעקט פון ריינקייט, און זיי אַלע אויס־געפּוצט שיינען, און וואַרטען אויף אַ שמחה, און די כלה שיינט, און וואַרט אויף איהר שמחה. אויפ׳ן טיש שטעהט געבעקס מיט איינגעמאַכטס, דער מעשענער סאַמאָוואַר טויטשעט, און אויף דער קיך בראָט זיך אַ דראָביקל...

היינט איז דאָנערשטאָג. יאַריד. דאָס געוועלב איז פול מיט גוים. מ׳דאַרף געהן צו פרענקלען זיך קויפען אַ קאַלנער. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן שטראָס, זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט ווי די מאַמע שטעהט און מעסט די סחורה, און צו אַ גוי כאַפּט נישט עפּעס גנב׳ענען.

אויפ׳ן שטראָס איז געווען פול, ער האָט זיך קוים דורכגעשטופּט. דער יאַריד האָט געשריגען מיט טויזענדער קולות. דער פראָסט האָט געקנאַקט. גוים אין גרויע באַראַנקאָווע היטלען האָבען געטראָ־גען פעלצען, שטיוועל, געוואַנד, נייע בייטשען מיט פערשיעדענע לעדער אויסגעפלאָכטען. גויעס האָבען געמאָסטען איילען לייוועגט, געקויפט קרעלען און געלעגט אין די קויבערס אריין.

שלום האָט זיך דורכגעשטופּט די זעק קאַרטאָפעל, די פוהרען

קרוים און גענז און היהנער און קאטשקעס, אריין נישט אומיסטעז מיט א האנד אין א פאס האניג און זיך אבגעווישט אין א זאק קא־קורוזע, א גוי'ע מיט א ניי געבליהמט טיכעל, אויסגעפאלדעוועט ווי א רייף ארום פנים, האט אויף איהם אנגעשריגען, און זיך אויסגעדרעהט צו'ן איהם מיט'ן רויטען צלם אויף די פלייצעס, ווייל א קונה איז צוגעקומען.

אינמיטען דערינען האט ער דערזעהן שלעפען דורך דער שטאדט א פגר'ל. א קליין פריצ'יש פגר'ל, און די מוטער, א רעוויזארקע, מיט די טעכטער, געהען אין לאנגע טרויער־וואלען. שלום האט א קוק געטהאן אויפ'ן קליינעם טרונעלע, מיט'ן קליינעם פגר'ל, אויף די לאנגע וואלען, און ס'האט זיך איהם געדאכט, אז ס'לוינט זיך נישט אזעלכע לאנגע וואלען פאר אזא קליין פגר'ל... דער גלח געהט זיך פאראויס אין דער ווייסער „טענדע־ווערענדע" און פרעפעלט: „האסטי די באסטי, האסטי די באסטי"... און די גוים טראגען גרויסע צלמים פאר אזא קליין פגר'ל, אז דער דיאק זינגט, א גדולה אויף איהם, און דער גלח זינגט, א גדולה אויף זיין בא־בע'ן, און אלע זינגען.

שלומ'ן איז אזש פרעהליך געווארען אנים'ן הארץ — נא טאבי א פגר'ל אינמיטען דערינען... שא, נאר א פגר'ל? — א פגר? אז מ'בעגעגענט א פגר איז דאכט זיך נישט גוט, זאגט מען... וואס קען דא זיין נישט גוט?... העכסטענס קען זיך עס אויסלאזען מיט דעם, וואס אלע שדוכים לאזען זיך אויס...

ביי פרענקלען אויף דער שוועל האט ער בעגעגענט א גוי'ע מיט א רויט פנים פונ'ם פראסט און גרינע שטיוועלאך, טראגען א ווייסע קויל חזיר ווי א ברויט די גרוים. שלום האט א קוק געטהאן אויפ'ן ווייסען גלאטען חזיר, ס'איז זיך אזוי גלאט, אזוי אבגע־טאקט — ווען מ'טהוט א שטייגער אזוי א שטעק אריין א פאר ציין, פונקט אינמיטען, שארפע ציין זיי זאלען איבערלאזען טיעפע סמנים... ציין... נישט זיינע... ווער זאגט דען אז זיינע?...

הענאך זאגט, ס'איז אן אנטיקעל, ער האט מורא, מ'זאל נישט וועלען פון יענעם צד. ס'מיידעל? נו, נו... זאל ער שוין בעסער

נישט פֿרעגן... אַ בת־מלכּה איז עס.. זי האָט געטהאָן אַז עפֿען דאָס מויל, האָבען זיך איהר פּערל געשיט, העכער מיט די ליגענס, גע־הרג'עט זאָל ער ווערען — ניין, סניטען זאָל ער, האָט ער גע־מיינט, ס נ י ט ע ן...

ער איז אַריינגעלאָפען צו פֿרענקלען און זיך געהייסען גע־בען אַ נייעם קראַגען מיט שפּיצען אַלאַ „בּאַראָן הירש", און אַז פֿרענקעל האָט איהם איינגעוויקעלט דעם קראַגען, האָט ער געצי־טערט, אַז ער זאָל חלילה נישט קאַליע מאַכען אַ שפּיץ.

אויפֿדערנאַכט, אַז שלום איז געזעסען אין שליטען מיט הע־נאָך שדכן און מיט'ן פֿאָטער, און די פֿערדלאַך האָבען געסאָפּעט מיט די גלאַנציגע זייטען, געשפּיצט די אויערען און געפֿלויגען מיט דער פֿאַרע אין ווייסען וועג אַריין, האָט שלום אַלע מאָל אַ טאַפּ געטהאָן דעם קראַגען אַלאַ „בּאַראָן הירש", צי די שפּיצען ליגען גלייך.

כאָטש וואָס ס'איז געווען אַ ברענענדיגער ריינער פֿראָסט, ווי קרישטאָל, האָט איהם שלום נישט געפֿיהלט, איהם איז געווען וואַרים. די כּלה, די בת־מלכּה, וואָס אַז זי טהוט אַז עפֿען דאָס מויל, שיט זיך איהר פּערעל, וואַרט אין די וואַרימע שטיבער, וואו ס'פֿלאַקערט אַן אייזערן הרובקעלע, אַנגעפּאַקט מיט האָלץ, און אויפֿ'ן טיש טויטשעט דער מעשענער סאַמאָוואַר מיט'ן איינגע־מאַכטס, מיט'ן געבעקס, און אויפֿ'ן אויווען בראָט זיך אַ דראָביק'ל...

דער טאַטע, ר' הירש, איז געזעסען אין אַ שאָפּענעם טוליפּ, וואָס איז איהם נאָך געבליבען פֿון די גוטע צייטען, געהאַלטען אַ האַנד אין אַ האַנד און דערצעהלט אַ לאַנגע מעשה ווי אַזוי ער האָט אַליין אָנגעטריבען אַ שליטען — געדאַרפֿט אַ פּליה טהאָן קיין טשאַרטקאָוו נאָך'ן דאָקטאָר שטעקל — ז י איז פֿאַרשלאָפֿט געוואָרען.

נו, נו, — ס'איז געווען סוף חודש, מ'האָט נישט געזעהן פֿון דאַנען אַהער, וואָס טויג עס דיר, ער איז אָנגעקומען צו דער באַהן סטאַנציע כּמעט גלייך מיט'ן צוג, און דאָ פּלוצים האָט זיך פֿערטשעפּעט דאָס פֿערד און אַריינגע־

פאָהרען אין אַ סלופּ, און דער שליטען שטעהט נאָך האַלב אויף די שינעס, און דאָס פערד רייסט זיך אַלץ צוריק אין די שינעס אריין — און וואָס טויג עס דיר, ווי ער האָט געטהאָן דעם גוטען ציה מיט די לייצעס, און גראָדע דאַמאָלס איז געטהאָן אַ פליה אַן דער צוג — וואָס זאָל ער דיר זאָגען, ווען נאָך אַ מינוט, נאָך אַ רגע, וואָס זאָגט ער אַ רגע, ווען נאָך אַ טויזענדסטעל חלק פון אַ רגע איז — פרעג שוין קיין קשיות נישט... פאָהרט ער שוין היינט נישט מיט דיר, הענידל, ברודער, קיין אַזיראָן אָנ־קוקען אַ כלה...

הענאָך איז געזעסען און אויסגעהערט די מעשה, און נישט איינמאָל איבערגעשלאָגען, ווי זיין שטייגער איז, אַז יענער רעדט, ער איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אַנ׳ן שטעקען. אַלע מאָל זיך אָפּגע־ווישט מיט דער רויטער פאַטשיילע די אָפּגעפרוירענע וואָנצעס, און געשפּרונגען פון דער הויט צו דערצעהלען אַ מעשה וואָס ער ווייסט, וואָס מיט איהם האָט געטראָפען. לייבעלע משה באַרד׳ס, דער שמייסער, האָט אונטערגעשטעלט אַן אויער, גע־דרעהט די קוטשמע און אָנגעטריבען אין דער קרום, ווי איינער וואָס הערט זיך צו.

אַז ר׳ הירש האָט געענדיגט די מעשה, האָט ער געטהאָן אַ שמעק טאַבאַק, זיך צולאַכט מיט נצחון, און טאַקע באַלד דערויף געוואָלט אָנהויבען אַ נייע מעשה מיט אַ: „שאַ, כ׳וועל דיר דער־צעהלען אַ שעהנערס“ — האָט אָבער הענאָך פערכאַפּט, און אָנ־געהויבען דערצעהלען. שלום האָט זיך ערשט שפּעטער אָנגע־הויבען צוהערען נאָך דער הקדמה.

הענאָך האָט געקוואָלען וואָס מ׳לאָזט איהם אַליין ריידען, און זיך מעהר צושפּרייט:

— איז מען געפאָהרען מיט דער בויד גענז פון טשאַרטקאָוו קיין טולסטענקאַ, איז מען געפאָהרען וואַלד איין, וואַלד אויס, וואַלד איין, וואַלד אויס, איהר ווייסט דאָך, ר׳ הירש, ווי דער שטייגער איז, מען פאָהרט אין אַ ווינטער ביינאַכט מיט אַ וואָ־גען גענז, מען פאָהרט און מען פאָהרט, מען פאָהרט און מען

פּאַחדים, פּלוצים... ר׳ הירש, איהר מעגט עס אויסהערען, ווי... כ׳זאָל אַזוי זיין אַ טאַטע צו מיינע קינדער, איך זאָל אַזוי אויס־פיהרען מיינע געשעפטען בכבוד, ווי כ׳זאָג אייך קיין ליגען נישט, מאַכט נישט אַוועק מיט דער האַנד, ר׳ הירש, איך שווער אייך ביי אַלעם הייליגען...

— נו, שוין, נו שוין, ציה שוין נישט אַזוי פּיעל די נשמה...

נאָר הענאָך האָט געצויגען די נשמה ביז ער האָט אַרויסגע־זאָגט „וועלף".

ר׳ הירש מיט ליבעלע שמייסער האָבען אָבגעדערבעט — „וועלף" — אַ בי נישט ווער ווייסט וואָס...

הענאָך האָט שוין דערפיהלט, אַז ער האָט צו גיך אַרויסגע־לאָזט די קאַץ פון׳ם זאַק, צו וועניג געצויגען די נשמה הייסט עס, און געוואָלט צוריקכאַפּען מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבען צולעגען גוזמאות:

— וואָס טויג עס אייך, מ׳האָט זיי געמוזט אָראָפּוואַרפען איין גאַנז, דערנאָך נאָך אַ גאַנז... נו, נו, האָבען זיך ביי זיי די אויגען ערשט רעכט אָנגעצונדען, און ווי די ליכט, זאָג איך אייך, האָבען זיי געברענט, צו צוויי ליכט, צו צעהן ליכט אין אַ רייהע, צעהן, זאָג איך? ווער קען איבערצעהלען?

— נו, נו, נייטיש, זיי האָבען פערזוכט דעם טעם, האָבען זיי ערשט רעכט אָנגעהויבען נאַכצולויפען; מ׳האָט אָנגעצונדען שטרוי און געוואָרפען אויף׳ן וועג. די גוים האָבען זיך גע׳צלם׳ט —ס׳האָט נישט געהאָלפען. אַלע מאָל האָט מען געמוזט צואוואַר־פען אַ נייע גאַנז, און זיי האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן דערויף, אַז מ׳האָט געהערט ווי די ביינער קנאַקען זיי צווישען די צייהן. אַזוי גיך ווי מען האָט זיי געטאָן אַ וואָרף די גאַנז, פלעגען זיי בלייּ־בען שטעהן אויף אַ רגע, איינשלינגען מיט די פעדערען, און ווידער אָנגעהויבען נאַכצולויפען. וואָס טויג עס אייך, וויפיעל איך וועל לעבען, וועל איך נישט פערגעסען די נאַכט. אַזוי האָט עס גע־דויערט ביז, ביז אַ מייל פאַר טלוסטענקאַ. מ׳האָט זיי שוין געהאַט געוואָרפען די לעצטע גאַנז, דאָס שטרוי פון׳ם וואַגען

איז שוין געווען אויסגעבערענט, מיר אַלע, אידען און גוים, האָ־
בען זיך געטולעט איינער צום אַנדערען, און זיי, דאַכט זיך וועלף,
האָבען נישט קיין שׂכל, איאָ? — פונדעסטוועגען, אַז זיי האָ־
בען דערפיהלט, אַז אָט אָט הויבט זיך שוין אַן די שטאָדט, זיי־
נען זיי געוואָרען נאָך עזות׳דיגער, און פּשוט נאָכגעלאָפען נאָך׳ן
וואָגען. די פערד זיינען געפלויגען ווי די רוחות, מ׳האָט אויסגע־
צונדען די לעצטע שוועבעלאָך — ביז גאָ—ט האָט געהאָל—פען,
ס׳איז אונז אַנטקעגען געקומען אַ פוהר...

שלום האָט אויסגעהערט די אַלע מעשׂיות, און ס׳איז איהם
עפּעס נאָך וואַרימער געוואָרען. ס׳האָט זיך איהם געוואָלט איצט
בעגעגענען אַ סטאַדע וועלף, אַז ער זאָל קענען בעווייזען אַ בריה־
שאַפט. דערנאָך זאָל ער קומען צו׳ן איהר, צו דער בת־מלכה, וואָס
אַז זי עפּענט דאָס מויל, שיטען זיך איהר פּערל, ער זאָל קומען דאָר־
טען, וואו זי וואַרט, אין דער וואַרימער שטוב, און דער סאַמאָוואַר
שטעהט אויפ׳ן טיש און טויטשעט, לעבען געבעקס מיט׳ן איינגע־
מאַכטס, און אויפ׳ן אייזערנעם הרובקעלע אַנגעפּאַקעוועט מיט
האָלץ, בראָט זיך אַ דראַביק׳ל...

ער האָט געקוקט אויפ׳ן ווייסען וועג, און ווי די בוימער זיי־
נען ליכטיג פונ׳ם שנעע, און געזוכט אַ וואָלף... דער פראָסט האָט
געקנאַקט, זיך געלעגט אויף די צווייגען און אַראָפּגעפינקעלט.
דער טאַטע מיט׳ן שדכן האָבען אַריינגעקוקט אין דער ווייסער
נאַכט אַריין, און זיך דערצעהלט ווינטערדיגע מעשׂיות וועגען
וועלדער און וועלף — און ער, שלום, האָט געטראַכט פון איהר,
פון דער כלה, וואָס אַז זי עפּענט דאָס מויל, שיטען זיך פּערעל...

# א פדיון

אַ, וואָס מען האָט דערצעהלט פאַר אַ מעשיות וועגען רבינ׳ס הויף... אַ גאָלדענע שטוהל האָט דער רבי, און פון אַ גאָל־דען שיסעלע עסט ער, און די הדס׳לאָד, און די זאַלץ־מעסטלאָר, מיט טייבעלאָך, וואָס קושען זיך אין די פּיסקעלאָך, אָך, אָך, אָך...

און די רב׳נישע קינדער... וואָס זיי גערען אָנגעטאָן אין סאַ־מעט און אין זיידענס, און אין די טייערע פוטערס...

נו, ס׳עפּיס אַ חידוש, ס׳טראָגט ברוך־השם... די חסידים ברוך השם זעהען, אַז ס׳זאָל טראָגען. וואָרים די רב׳נישע קינדער, די ערעלע רב׳נישע אייניקלאָך מ ו ז ע ן פאָהרען אַלע יאָהר אין וואָרים־באָד אַריין, מ ו ז ע ן זיך מיטנעהמען סאַמעט און זיי־דענס, און טייערע פוטערס, וואָרים וואָס דען?

באַסי האָט זעהר געגאַרט צו זעהן אַמאָל דעם רבנ׳ס אייניק־לאָך, צו רעדען מיט זיי... און פאַר וואָס טאָקע נישט? וואָס איז איהר טאַטע פאָהרט אפשר נישט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג צום רבי׳ן? און זיינע פדיונות? לעגט ער זיך נישט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז זיין פדיון זאָל זיין דער שעהנסטער, דער גרעסטער? וואָס דען — איהם זאָל לעבען, וואָס מ׳שמועסט, אַז ער שטאַמט פון די בני־דור, און וואָס אַ סך סוד׳ען זיך, אַז ער וועט אַראָפּברענגען משיח׳ן, און וואָס — ווער ווייסט, — אפשר איז זיין זכות האָט כל ישראל אַ קיום?...

באַסי׳ס טאַטע, דוד, איז אַ תבואה־סוחר, און גאָט צו דאַנקען, מען מוטשעט אויס דאָס שטיקעל ברויט... אין זיין שטוב, צי ס׳איז דאָ יאָ דאָ אַלע טאָג פליייש, צי נישט, נאָר אַ ס׳קומט אַ פאַר־יום־טוב איז עפּעס אַנדערש, צי ס׳איז יאָ דאָ דער ברייטער יום־טוב, צי נישט, דעם רבי׳ן אַ גרויסען פדיון מ ו ז ז י י ן.

וואס הייסט, ס'וועט נישט מוזען זיין, וואס הייסט, די קליי פון זיך ציהען, נישט דערעסען, א „צאהלונג" פארפעהלען... דעם רבי'ן א פדיון מוז זיין, און דוקא א שעהנער פדיון, דער גרעסטער פדיון פון היינט.

פארוואס איז עס אזוי געווען? א סך האבען געזאגט, אז ס'איז דערפאר, ווייל ער האט א מיידעל צו לייט און קיין נדן האט ער נישט, און ווער דען, אז נישט קודם גאט ברוך־הוא, און נאכדעם ער, דער רבי זאל לעבען?...

אזוי האט מען געזאגט אין שטאדט. נאר דוד האט געטראכט: א מיידעל צו לייט? אודאי, ווער וויל דאס נישט זעהן א קינד פארזארגט, וועלכער טאטע וויל דאס נישט קיין נחת האבען פון א קינד, בפרט נאך אזא גאלד ווי באסקי.

נאר ער זאל זאגען, אז דאס איז א שטייגער דער עיקר, וואס ער מיינט מיט'ן פדיון — דאס נישט. אודאי האפט ער, אז דער־וואס־אייביג־לעבט, וועט צושיקען דעם רעכטען זיווג צו דער רעכ־טער צייט מיט'ן רבי'נס הילף, אבער ער זאל זיין אויסן מיט'ן פדיון נאר דאס — ניין... דער עיקר וואס ער מיינט מיט'ן פדיון איז — ער ווייסט עפעס אליין נישט ווי אזוי דאס אנצורופען — עפעס, — און דא האט זיך איהם געדאכט אין מוח, אז ער גלעט צוויי פינגער ווי תמיד, אז ער זאגט „עפעס" און דער „עפעס" איז דא צווישען די פינגער.

און אין דעם „עפעס" צווישען די פינגער האט ער ארייננגע־טראכט, אריינגעלעגט דאס זיידענע פונ'ם רבינ'ס משפחה. דאס זיידענע. דאס זיידענע מזל צו זיין א גוטער איד, זוכה זיין צו שטאמען פון די בני־דור. די זיידענע קישעלאך וואס דער רבי שלאפט אויף זיי, דאס גאלדענע שיסעלע, וואס דער רבי עסט פון דעם, די זאלץ־מעסטלאך מיט די טייבעלאך. וואס קושען זיך אין די פיסקעלאך, דאס סאמעטענס און דאס זיידענס, און די טייע־רע פוטערס פונ'ם רבינ'ס קינדער און אייניקלאך...

אט דאס האט ער איין זינען געהאט. אז דער רבי איז א גע־ברויכער, ער מיט זיינע אייניקלאך, און דארף דאס אלדינגס הא־

בען און ס׳זאל חלילה איהם נישט געמינערט ווערען דערפון, און צום „הויף" זאל חלילה נישט אויספעהלען...

...אז באסי האט זיך אנגעהויבען צו באקלאגען אויפ׳ן הארץ, און דער דאקטאר האט געזאגט, אז מען מ ו ז זי אוועקשיקען אין א ווארים־באד — און טאמער נישט זאל מען צו׳ן איהם קיין טענות נישט האבען, איז ער, ווי דער שטייגער איז פון אזא בשורה, געווארען אביסעל צומישט, און געטראכט, אז מען דארף אריינפאהרען צום רבי׳ן פרעגען אן עצה. נאר אזוי ווי ס׳איז נישט געווען זיין טבע צו קומען צוגעהן צום רבי׳ן מיט לעדיגען, האט ער אויסגעווארט ביז ערב שבועות, און מיט א שווערען פדיון און א גרינג הארץ אריינגעפאהרען צום רבי׳ן. ווי תמיד, אז ער האט זיך דערפיהלט הינטער איין דאך מיט׳ן צדיק, האט איהם א ציטערניש, א הייליג ציטערניש דורכגענומען די אברים, און ער האט געדאנקט גאט, וואס ער שענקט איהם דאס לעבען און וואס ער לאזט איהם פארזוכען דעם טעם פון זיין מיט אזא צדיק אינאיינעם און וואס ער מאכט איהם פרום דאס הארץ, און וואס ער לייטערט איהם... און געדאנקט גאט דערפאר, וואס ער האט איהם א חסד באוויזען און איהם באשערט די זינדיגע פאר גראשען, און איהם אנגעברייט און געלייטערט, אז ער זאל גע־בען מיט א גרינג הארץ...

דער רבי האט איהם געגעבען די האנט, און דוד האט דער־פיהלט, ווי גלייך א מלאך זאל זיך צוריהרען צו׳ן איהם, אזא סקרוך איז איהם דורך׳ן לייב דורך.

און ער האט נישט געוואוסט, מיט וועמענ׳ס קול ער האט איהם דערצעהלט וועגען זיין באסקי׳ן; ער האט נישט געוואוסט, ער האט נישט געדענקט, ווי אזוי דער פדיון איז נעלם געווא־רען פון זיינע הענט; אין די אויערען האט איהם נאר געקלונ־גען די ברכה, וואס דער רבי האט איהם געגעבען, דאס רבנישע ציטערדיגע קול, אז גאט וועט העלפען, זיין קינד וועט האבען א רפואה שלמה...

מיט גאט׳ס הילף און דורד׳ן רביז׳ס כח האט ער צונויפגע־

שלעפט ק"ן רייניש אוועקצושיקען באסי'ן אין א וואָרים־באַד אריין, קיין „דאַרנאַ־וואַטרא". דאַרטען פאָהרען דעם רבי'ן'ס אייניקלאך. מען וועט זי מקרב זיין. ער, דער טאַטע, וועט זעהן פועל'ן ביים רבי'ן... אז נישט ער, ווער־זשע דען?...

לאַנג האָט זיך באסי געקליבען אין וועג אריין. א קליינינקייט, אז דאָס קינד — האָט די מאַמע געבראַכען די הענט — איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אפילו אין איוואַנקאָוו!

אז באסי איז אָנגעקומען אין „דאַרנאַ־וואַטרא", האָט זי די ערשטע פּאָר טעג זיך געהאַלטען ביי דער שטוב—ווי א הינדעל, וואָס איז נאָר־וואָס ארויסגעקראָכען פון'ם איי, בלייבט שטעהן ביי דער שאָלעכטס, — נאָר ביסלעכווייז האָט זי זיך אַלץ מעהר אַטוואַזשעט אוועקצוגעהן ווייטער פון דעם איינפאָהר־הויז.

זי האָט זיך ארויסגעלאָזט הינטער דער שטאָדט, נעבען די „קוועלען", און וואו די וואונדערבאַרע בוימער האָבען מיט די בונטען צווייג זיך געוויגט אין ווינט. דאַרטען פלעגט זי זיך אויף א בוים אַנידערזעצען און איינזאַפּען אין זיך דעם ווינט, דעם וואַרימען ווינט, ווי א היימישען גרוס, און געקוקט אויף די שפּאַצירגעהערס.

אַך, אַך, אַך! וואָס זי האָט דאָרט געזעהן, וואָס זי האָט דאָרט געזעהען! טייערע מוסלין־קליידער, וואָס ציטערען און פּאַליען זיך אין ווינט, ווי רויך, מיט „וואָלאַנס", און אַפּליקאַציע פון זילבער! און עס דאַכט זיך, אז דער וואַלאַן פון'ם מוסלין־קלייד שווימט דורך, ווי וואַסער, ווי רויך דורך א זילבערנעם רינג. פּעלערינעס פון סאָיבל האָבען זיך אַראָפּגעקאַטשעט פון די איידעלע אַקסלען פון רייכע דאַמען; און זיידענס, און שטרויס־פּעדערען... אַך, אַך, אַך!...

און דאַ האָט זיך שטיל ארויסגע'גנב'עט אַן אַרקעסטער, און פידלען שפּיעלען. אַך! פידלען שפּיעלען א וואַלצער: „אַדיע, מיין שעהנעם וויען... אַ־דיע, מיין — שעה—נעם — וויען!"...

אַך, פידלען שפּיעלען! דעם צווייט שפּיעלען זיי פון די בוימער אַראָפּ, דעם ווינט שפּיעלען זיי נאָך אין דער ווייט אריין,

אין דער ווייט אריין — — — זיי שפּיעלען נאַך די מוסלין־קליי־דער אין זילבערנע רינגען... זיי שפּיעלען נאַך דאָס סאַמעט און זייַ־דענס, די טייערע פוטערס אויף די איידעלע אַקסלען... „אַ—ד—י—ע מיין שע—ה—נעס וו—י—ע—ן"...

און אז באַסי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם רביז'ס אייניקלאַך, האָט זי שטאַרק רחמנות געהאַט. זיי, די אייניקלאַך, זי האָט זיי קיינמאָל נישט געזעהען, זיי געהען מסתמא אַלע אין ווייסע זייַ־דענע טיכער אַראָפּגערוקט איבער די שטערענס טיעף, טיעף, און שעהמען זיך די רבנישע אויגען צו ווייזען; און די ווייבלאַך געהען שטערענטיכלאַך מיט פּערל, פּערל, פּערל. און פאַרוואָס געהען זיי אַזוי טיעף די ווייסע טיכער אַראָפּגערוקט איבער די שטערענס און שעהמען זיך די רבנישע אויגען צו ווייזען? ווייל זיי זיינען רבנישע קינדער... און זי האָט אויף זיי רחמנות גע־האַט, באַסי; און אַז זי האָט געקוקט אויף די אַפּיצערען מיט די געשנירטע טאַליעס און זיך צוגעהערט צום שפּאָרען־געקלאַנג פון זייערע טריט, און איינגעזאַפּט אין איהר שוואַך הארץ דעם גע־זונטען שטאַרקען גערוך פון די אַפּיצערען, פון זייערע פאַרפיו־מירטע זומער־מאַנטלען, און עלעגאַנטע פיגורען, אַזוי שלאַנק און בלאַנק, ווי די שווערדען פון גלאַנציגען שטאָל, האָט זי נאָך מעהר רחמנות געהאַט אויף'ן רביז'ס אייניקלאַך, וואָס זיי מוזען געהן די טיכער אַראָפּגערוקט טיעף איבער די שטערענס, אַז מען זאָל זייערע רבנישע אויגען נישט זעהן...

זי איז געגאַנגען זוכען דעם רבינ'ס אייניקלאַך, און זיך גע־פרעגט אויף זיי ביי יעדען אידיש קינד, וואָס זי האָט באַגעגנט. האָט מען איהר אַנגעוויזען אַלץ ווייטער און ווייטער, וואו עס האָבען שטאַרקער געבליהט די בוימער, און וואו לייכטער דער ווינט האָט זיי געוויגט, — דאָרטען.

און אַז זי איז צוגעקומען צום הויז; האָט זי דערזעהן אַרויס־געהן אַ דאַמע, אין אַ גרינעם הוט, אַ ברייטען חוט, מיט שטרויס־פעדערען, גרויסע, וואָס האָבען זיך אַנידערגעוואָרפען אויפ'ן הוט רייך, מיט לוקסוס, און אַראָפּגעהאָנגען מיט פראַנזען אויפ'ן פּנים.

און די דאמע איז נעגאנגען אנגעטאן אין א פיאלעט פליוש־קלייד, מיט א שלעפ, און פיאלעטע מעשטעלאך, מיט גרינע אגראפען, און מיט גראז־גרינע זיידענע זאקען; און די דאמע האלט די שלעפ אויפ'ן מינדסטען פינגערל אזוי פון הינטען, ווי עס איז מאדע, און אזוי אז די גאנצע זאק ביז ארויף, ארויף, ארויף, זעהט זיך ארויס, און זי געהט מיט אזא גאנג, ווי א חצופה, נישט ווי א אידישע טאכטער... און זי האלט א פעכער פון שטרויס־פעדערען; אך, אך, אך!...

און אין א פיאקער האבען זיך ערשט נאר וואס אויסגעזעצט יונגע מיידלאך, מיט פור־פור רויטע קליידער, און טיול־שאלען, און לייבלאך פון שפיצען, און הויבען די קליידלאך אויף הויך, און עס זעהען זיך רויטע, פורפור־רויטע, אראנזש־געלע, פיאלעטע, גראז־גרינע זיידענע זאקען, זאקען, זאקען... און עלטערע דאמען אין סאמעט און אין זיידענס, און שווארצע „זשעט", און פעכערס מיט שטרויס־פעדערן. דער פיאקער פאהרט אוועק און א שטויב הויבט זיך אויף אזא איידעלער, ווי דאס סאמעט און זיידענס...

אך, אך, אך!...

און ביי דער זייט האבען אידישע קינדער געזאגט:

— דעם רבין'ס אייניקלאך... מען שמועסט, אז די דאקטוירים פון דעם קור־ארט וועלען הייסען דער פאליציי פארווערען אנצוטאן אזעלכע גרעלע קאלירען, ווייל עס רעגט אויף אלע פאציענטען דא היע... מען וועט זיי פארביעטען צו שפאצירען... דעם רבין'ס אייניקלאך... און אט, זעהט איהר דארטען יענע? דאס איז די עלטסטע שנור... זעהט, ווי זי הויבט אויף דאס קלייד, דאס פליוש־קלייד, ביז ארויף... זי געהט תמיד צו־פוס שפאצירען. מען זאגט, אז מיט אלע אפיצערן... יעדען פארנאכט... זעהט נאר דעם זאק... דעם גרינעם זאק...

באסי האט נעקוקט אויף דעם זאק, וואס האט ארויסגעשטעקט פון דער וויאלעט־פליוש־קלייד, און זיך דערמאנט אז איהר מאטען'ס פריון... א זאק, א פריון; א זאק, א פריון...

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט צוריק אויף דער פריהערדיגער באַנק. די פידלען האָבען איצט געשפּיעלט רויטע און געלע און גרינע זאַקען...

א זאַק, אַ פּדיון; אַ זאַק, אַ פּדיון...

# קאלינעס

א פרישער שנעע איז געלעגען אויף די דעכער, און ווייס געמאכט די שטאדט. א ווינטערדיגע פרעהליכקייט האט ארייגגעשיינט אין די שטיבער אריין.

רייזלען האט זיך פערגלוסט ארויסצוגעהן אין דרויסען, און אז די מאמע האט דערלאנגט העסין פינף גרייצער מיט'ן באנ־קעלע, זי זאל געהן נאך נאפט, האט זי זיך אנגערופען, אז זי וועט געהן. האבען זיך אלע גע'חדוש'ט וואס רייזעל איז פלוצים גע־ווארען א גוט קינד, און די מאמע האט געזאגט, אז ס'איז עפיס גע'פגר'ט אין וואלד.

ס'איז געווען די צייט פון קאלינעס. די ערשטע, אויסגעפרוי־רענע קאלינעס. האבען אויפ'ן שטראס גויעס געטראגען קאלינעס צו פערקויפען, און אז מען האט דערזעהן דורך די פענסטער, זייי־נען גרויס און קליין פון די שטיבער ארויסגעלאפען און געקויפט בינטלאך קאלינעס. כמעט אין אלע טאפעל־פענסטער זיינען גע־לעגען בינטלאך קאלינעס אויף ווייסע וואטע און זיך געפרוירען.

רייזלען האט זיך שטארק פערגלוסט קאלינעס, און אז זי האט זיך דערמאהנט ווי זיי צוגעהען זיך ווייניג אין מויל, האבען זיך איהר א פאר דינע ארערלעך פון דער צונג צונויפגעצויגען. זי האט א קוועטש געטאן דאס פינף־גרייצער־שטיקעל — מ'דארף קויפען נאפט...

אין דרויסען איז געווען א ברענענדיגער פראסט, נאר די זון האט געשיינט אויפ'ן שנעע און געבלענדט די אויגען. זי האט בע־געגענט א פאר פארבלאהעטע אינגלעך לויפען קויפען הערינג אין געוועלב אריין. איינס, דאס קלענסטע, האט נאכגעהינקט פון הינ־טען, ווייל די שטיוועלאך זיינען אויף איהם געווען ענג, איצי

גלעזער איז געגאַנגען מיט אַ פערבונדרענעם האַלז און מיט אַ שויב אונטער דער פּאַכווע און די געלע באָרד איז איהם פון דעם פראָסט עפּעס נאָך געלער געוואָרען. ער איז געגאַנגען ערגעץ אַ טאָפּעל־פענסטער אַריינשטעלען.

רייזעל האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פערבונדרענעם האַלז, און ס'איז איהר געוואָרען אַ ביסעלע אומעטיג; זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז די ערגסטע אין שטוב, וויל נישט טאָן אַ האַנד אין קאַלט וואַסער, און מ'רופט זי אין שטוב צום געלעכטער, „גנעדיגעם פריי־ליין". זי זאָל זיך נאָר קענען אָפּגעוואוינען פון דעם שפּעט שלאָפען... וואָלט העסי זי נישט געוועקט אַזוי: „גנעדיגעם פריילייןן... ביטע אויפשטעהן... דער גראַף יאָזעף איז שוין געפאָהרען אין קלויסטער אַריין... מעגסט שוין אויך אויפשטעהן"... עס העלפט נישט, וואָס זי מאַכט זיך שלאָפענדיג—העסי דערקענט; און אפילו זי שלאָפט, וועקט זי זי אויך אויף... פון די שעהנסטע זאַכען טראַכט זי אין דער פריה אויפ'ן געלעגער: פון אַ שטערבליך־פערליעבטען סטודענט, פון אַ וואונדערבאַרער סאַמעט קלייד בעפּוצט מיט פּו־טער, פון טאַנצען מיט אַ קאַוואַליער אין דעם וואונדערבארען סאַ־מעט־קלייד, — נאָר אַם מעהרסטען פון אַנטלויפען אין אַ גרויסער שטאָדט אַריין שטודירען, ווערען אַ דאָקטאָרין — פריילייןן דאָק־טאָר, ענטשולדיגען זי...

זי איז דורכגעגאַנגען כאַנצי'ס געוועלב און דערזעהן אַרויסגע־האָנגענע פוטער־גאַרניטורען. אַט אַזאַ שוואַרצע פּערזיאַנער מי־צע אויף איהר שוואַרצען קאָפּ האָר, וואָלט איהר געפּאַסט... דער טאַטע איז אַן אָרימאַן, דאָס מעקלעריי טראָגט נישט, און זי — ערשט די דריטע; אַלדינגס קומט דאָך קודם העסי'ן, און ריווצי'ן, און זי...

ווען זי גנב'עט עס צו? ס'הענגט אַזוי נידריג ביי דער ערד, און קיינער קוקט איצט נישט?... מ'וואָלט עס באַלד דערקענט; דער טאַטע וואָלט געפרעגט: וואו האָסטו גענומען? — געפונען. וואו געפונען? — כ'ווייס נישט, ניין. און דערנאָך? אי, וואָלט דאָס געווען אַ בושה אין פּנים... רייזעלע, אַ גנב'טע... איאַ? אַ שטילע,

קען קיין צוויי נישט צעהלען... געה ריכט זיך... דוקא א באלעבא־טיש קינד... — דער פאליציינגיק וואלט זי געפיהרט אין בורגער־אמט אריין, און דער טאטע מיט דער מאמע'ן פון הינטען... דער מאמע'ס געוויין, דעם טאטענ'ס בייסען אויף די בלייכע ליפען — א בושה אנגעטאן, א בושה... און די גאנצע שטאדט קינדערלאך— גנב'טע! — גנב'טע!...

ניין, זי איז אן עהרליך מיידעל, גנב'עט נישט.

זי איז ארויס העבער אויפ'ן שטראס. זי האט געפיהלט, ווי די מענשען קוקען איהר נאך, ווייל זי איז נישט קיין לייט, האלט זיך נישט ביי דער שטוב, סאליד, נאר אומעדום איז זי פול. זי האט זיך פערקירעוועט אין א זייט שטאדט און בעגעגענט נאך א גוי'ע מיט קאלינעס. זי האט דערפיהלט, ווי דאס הארץ חלש'ט איהר נאך די קאלינעס. טאקע דערפאר, ווייל זי איז נישט קיין לייט, חלש'ט איהר דאס הארץ, ציהט נאך עפעס, וויל ארויס פון זיך, און וויל נישט ארויס פון זיך. פארוואס איז זי נישט קיין לייט? — זי ווייסט פארוואס? פון וואנען זאל זי וויסען? וואס הייסט א לייט? — אויפשטעהן פריה, נישט טראכטען פון'ם וואונ־דערבארען סאמעטענעם קלייד מיט'ן פוטער, וואשען דאס געשיר, און העלפען זיך זארגען דער מאמע'ן, ווייל עס איז נישטא קיין פרנסה... ארויסשלאגען זיך דעם שטערבליך־פערליעבטען סטודענט פון'ם קאפ, דאס טאנצען מיט א קאוואליער, דאס ווערען א דאק־טאריך, ווערען סאליד, אנהויבען ארבייטען א זאק...

אי, קאלינעס זיינען ביטער, און קאלינעס זיינען וויניג... זיי זיינען גוט און נישט גוט, ס'חלש'ט דאס הארץ אהן זיי, און ס'חלש'ט דאס הארץ מיט זיי... וואו נעהמט מען א גרייצער אויף א בינטעל קאלינעס? דאס לעבען וואלט זי אוועקגעגעבען צו פיה־לען דעם טעם פון א קאלינע...

זי האט א שטארקען דריק געטאן דאס פינף־גרייצער שטיקעל, און איז רויט געווארען. זי איז פראם צוגעגאנגען צו דער גוי'ע, און זיך געהייסען געבען פינף בינטלער קאלינעס. די גויע איז געבליבען שטעהן, אראבגעשטעלט דעם קויבער אויף דער ערד און

אויסגעקליבען פינף בינטלעך. רייזעל האט איהר דערלאנגט דאס פינף־גרייצער שטיקעל, וואס איז געווען פערשוויצט פון דער הייר־סער האנט, און צונויפגעלעגט די פינף בינטלעך ווי א בוקעט.

אז די גויע איז שוין געווען ווייט פון איהר, אי זי נאך אלץ געשטאנען אויפ׳ן זעלבען ארט. זי האט זיך פלוצים א פרעג געטהאן: „וואס האסטו געטהאן“?... נו און דער נאפט?... אבער זי האט זיך פערטויבט מיט אנדערע קולות, אז עס זאל איהר נישט באנג טהאן וואס זי האט אויסגעגעבען די פינף גרייצער. נו, און וואס וועסטו זאגען אין דער היים? — פערלוירען, פערלוירען און שוין. ווי פערלירט מען דאס עפעס? — פארוואס האסטו בעסער דעם קאפ נישט פערלוירען?...

זי האט ארייגענומען א קאלינע אין מויל, דער וויניג־ביטערליכער זאפט, איז זיך איהר צוגאנגען קאלט אויף דער צונג און פונ׳ם וויניגקייט האבען זיך איצט אויף אן אמת א פאר אדערלעך צונויפגעצויגען. עס האט זיך איהר אויסגעדאכט ווי זי שלינגט דעם קלארען פראסט, די קאלטע זון אויפ׳ן שנעע, און דאס איז וויניג, און ס׳צוגעהט זיך אין איהר רויט בלוט ווי פייער.

שוין אויסגעגעבען די פינף גרייצער. עס וועט נישט זיין קיין נאפט אין שטוב, מ׳וועט היינט זיצען אין דער פינסטער... קיין אנדערע פינף גרייצער איז נישטא... פלוצים א גוט קינד געוואַרען... געוואלט פאלגען א גאנג... קיינמאל פאלגט זי נישט און איצט יא....

נו, פארוואס קלעמט זי נאך מעהר דאס הארץ? און די באנקע פון נאפט... טראג שוין אהיים די באנקע, נייז, זאג האסט זי צובראכען. מיט יעדער קאלינע וואס זי שלינגט איין מעהר, קלעמט זי מעהר דאס הארץ.

זי האט ארויסגעצופט א קאלינע פון בינטעל, ווי א בוקעט און געשלונגען, געגאגט. זי האט געקוקט ווי די רויטע קאלינעס ווערען אלץ שיטערער, עס בלייבען איבער די ברוינע, דינע שטעקעלעך, פערפרוירען, בע׳שנעעט, עס האט איהר באנג געטהאן ארויסצורייסען, און מיט יעדער קאלינע האט זיך איהר אויסגע־

דאכט, ווי זי זאָל אויפס ניי איינשלינגען דאָס פינף־גרייצער שטיקעל.

פלוצים האט זי דערזעהן ווי מענשען קוקען ארויף אויבען אין טויער. מענשען רוקען זיך אב, גוים נעהמען אראב די קאפעליושען. א הונט לויפט פאראוים.

דעם מיניסטער'ס זוהנדעל.

איינגאנצען איז ער אַלט אפשר אכצעהן יאהר, צוויי יאהר עלטער פון איהם—סאמע גוט. זעה דאס איז אזוי דעליקאטנע, גרעפ־ליך. בלאנדע האר, ליכטיג־בלאנדע האר ביז אויפ'ן האלז, פערגעהן אין גאָלד קאליר. פונקט אויפ'ן האלז. קוקט אזוי שטאָלץ אוועק ערגעץ ווייט פון דער שטאדט. די שטאדט געהערט צו זיין טאטען.

זי האט געקוקט מיט א ציטער אין הארץ אויפ'ן יונגען גראף'ס יאנד־שטיוועל, נעפאסט ביז די קניע, אויפ'ן אקסעל א ביקס מיט א יאנד־טאש און ווי עס געהט איהם נאך א לאקיי.

זי האט זיך דערמאנט אן זייער ארימער שטוב, און ווי ס'וועט היינט קיין נאפט נישט זיין, דערפאר ווייל זי האט — „פערלוירען די פינף גרייצער". און עס האט זי עפעס א ציה געטהאן נאכצור לויפען דעם גראף. נאכצויאגען זיך נאך איהם, נאך זיין מזל, וואס שיינט ווי א שטערען אין הימעל, דערפאר ווייל ער איז גע־בוירען געווארען א גראף, א מיניסטער'ס א זוהנדעל. ער... אפשר וועט ער זיך אן איהר פערליעבען? אפשר וועט ער זיך אן איהר פערליעבען, און זי אוועקפיהרען אין וואלד אריין פון דער ארימער שטוב? אין וואלד אריין אויף פאליוואניע... דערנאך אין פא־לאץ אריין וואס אויבען אין טויער, דערנאך קיין וויען... אין הויף אריין צום...

משוגענע...

זי האט זיך געלאזט מיט די געוועלבען ארונטער א שטיק וועגס פאראוים, געלאפען אין איין אטעם, איהם צו פערכאפען דעם וועג.

אז זי איז צוגעקומען לעבען קלויסער, האט זי אבגערעכעט,

דאָס הייסע בלוט האָט זיך צונויפגעשלאָגן נעדיכט אין איהרע באַקען אַזוי ווי בלומען צוויי, און געברענט, געקיצעלט. זי האָט אָנגעהויבען צו געהן סטאַטעטשנע מיט געמאָסטענע טריט אין מיטען שטראָס און געקוקט אַראָב צו דער ערד, געפאָכעט דעם בוקעט קאַלינעס אין דער האַנט אַהין און אַהער, אַהין און אַהער. זי האָט געפיהלט ווי דער וועג ווערט קירצער צווישען איהם און איהר, און דאָס האַרץ האָט איהר שטאַרקער אָנגעהויבען צו קלאַפּען. עס האָט זיך אין איהר פּלוצים דערוועקט עפּעס אַ נדלות.

— נישט אויפהויבען דעם קאָפּ, נישט אויפהויבען, ניין, ניין, נישט אויפגעהויבען, נישט זעהן איהם... אַ מיניסטער׳ס אַ זוהנדעל נישט זעהן? ניי,ן ניין, ניין... זי האָט זיך פערקירעוועט אויף אַ זייט און אַנטלאָפען. האָט איהר באַנג געטהאָן וואָס זי אַנטלויפט.

— ווער ביזטו, „גנעדיגעס פרייליין״... ס׳פּאַסט דיר די וועהטאָג, נעגאַנגען נאָך נאָפּט, און פערנאַשט — ניין, פערלוירען דאָס פינף־גרייצער שטיקעל...

די קאַלינעס זיינען אַזוי ביטער. — וואָס איז ער? נישט אַזוי גוט אַ מענש ווי אַלע? אַ מלאך איז ער? אַז ער טהוט זיך אוים נאַקעט... שאַ...

דאָס פּנים בלענדט ווי דער שנעע און ער געהט מיט זיין שטאָלצען גאַנג אַוועק פון דאַנען. דאָ איז נישט גוט. ס׳טראָגט איהם אַוועק דער שטאָלצער גאַנג ערגעץ אויף אַן אַנדער אָרט אַז מענשען זאָלען אויף איהם נישט קענען קוקען, נישט קענען האָבען קיין פערגעניגען...

די קאַלינעס נאָגען ביים האַרץ, נאָגען ביים האַרץ.

און וואָס וועט זיין מיט׳ן נאָפּט?... מיט׳ן נאָפּט וואָס וועט זיין?... ס׳טונקעלט שוין...

פאַרוואָס זיינען קאַלינעס ביטער?... און, אַז זיי זיינען ביטער, פאַרוואָס זיינען זיי גוט?... און, אַז ס׳חלש׳ט דאָס האַרץ אָהן זיי, פאַרוואָס חלש׳ט דאָס האַרץ מיט זיי?...

זי האָט זיך צוריק פערקירעוועט אַראָב מיט די געוועלבען,

און זיך נאָכגעיאָגט מיט'ן האַרץ נאָך איהם, נאָך זיין מזל, וואָס האָט איהם געמאַכט איידעל, גרעפליך, אז זיין פּנים בלענדט ווי דער שנעע...

# די כאָלערא

אין איין פריהמאָרגען האָט מען דערהערט, אַז אין שטאָדט געהט אַרום די כאָלערא. ווי אַזוי ווייסט מען, אַז אין שטאָדט געהט אום די כאָלערא? ביי משה ליבע'ס, נישטדאַגעדאַכט, האָבען זיך אַלע אויסגעלעגט. ווי אַזוי ווייסט מען, אַז ס'איז די כאָלערא, דער דאָקטאָר האָט געזאָגט? און אַז דער דאָקטאָר האָט נ י ש ט געזאָגט? אַליין פערשטעהט מען נישט? מען דאַרף וואַרטען, אַז דער דאָקטאָר זאָל זאָגען? דער „וויענער" דאָקטאָר ווייסט נישט פון זיין חיות, „שייע משה" תם. פון וואַנען האָט זיך עס צו זיי גענומען? זיי האָבען זיך אָנגעגעסען מיט נישט קיין פרישע פיש.

א ז ו י . . .

נאָר פונדעסטוועגען האָט איטליכער געטאָרעט דעם „וויענער" דאָקטאָר מיט'ן צונאָמען „שייע משה" תם, אַז ער זאָל זאָגען, צי ס'איז די כאָלערא.

— העהר דאָקטאָר,וואָס זאָגען זיע? די כאָלערא?...

און אַלע אידען און בחורים, וואָס האָבען ערשט געזאָגט „שייע משה", זיינען געוואָרען רויט און טויט פאַר'ן וויענער דאָקטאָר, האָבען אַראָפּגעכאַפּט די היטלען, אַזש די יאַרמולקעס נאָכגעשלעפּט, זיך אַ נייג געטאָן און געשמייכעלט:

— העהר דאָקטאָר!...

יצחק איז געווען אַן עזות'ניק, מעהר עזות'ניק פון איטליכען. ער האָט מעהר פון איטליכען חוזק געמאַכט פון דעם וויענער דאָקטאָר. „אַ תם, פאַרשטעהט נאָד ווענינער פון שייע־משה'ן, אַ שוסטער איז ער, נישט קיין דאָקטאָר. געזעהן שוין אַזאַ דאָקטאָר? ער פאַרשרייבט איטליכען איין רעצעפּט!" — זיין בע־

רעלע געהט שוין אין צווייטער קלאס גימנאזיום, קען ער לייענען. לייענט ער טאקע איבער, אויף אלע רעצעפטען שטעהט „אקווא".

— „אקווא" הייסט וואסער.

— איז דאך שוין ווידער גוט, רב יצחק; וואס־זשע דולט איהר א ספאדיק? אז ס'הייסט וואסער, איז דאך עס א וואסערעל אזא, און ס'זיינען דא א סך מינים וואסערלאך.

דאס האט זיך אנגענומען משה'לע פאר'ן דאקטאר, ווייל מען זאגט, אז זיין ווייב און דער דאקטאר...

אזוי האט יצחק פארשטאנען ביי זיך, נאר לפנים האט ער זיך נישט וויסענדיג געמאכט. וואס געהט עס איהם אן, וואס מען זאגט, צי וואס מען רעדט? ער האט נאר געענטפערט משה'לען, אז אויף דער וועלט זיינען דא עפעס פילען און „מאסצען" צו'ן א קרענק...

די אידען האבען גע'טענה'ט, אז „שייע משה" וועט אומ־גליקליך מאכען די שטאדט: אט געהט ארום די כאלערא און ער זאגט, אז נישט.

נאר אז דער דאקטאר איז דורכגעגאנגען דורכ'ן שטראס מיט זיין דייטשען, דאקטארשען גאנג, און ס'האט זיי געטאן א זעץ אין דער נאז אריין די קארבאלען מיט די מעדיצינען, וואס שמעקען פון זיין אנצוג, האבען זיך געטאן א רוק א פאר אידען מיט דער זייט, אז ס'זאל אויסקומען, נישט ווי מען שטעלט איהם עקספרא אפ, נאר ווי גלאט אזוי. דאס רעדעל שטעהט זיך, שטעהט זיך עס. אי, וואס ס'שטעהט זיך דוקא אין ד ע ר זייט? שטעהט זיך עס אין ד ע ר זייט. זיינען זיי שולדיג, אז ע ר געהט דוקא דורך זייער רעדעל?

נאר אז דער דאקטאר האט זיך אבער נישט אפגעשטעלט, האבען זיי זיך שוין טאקע געטאן א גוטען רוק איהם אין וועג אריין: „העהר דאקטאר", און זיינען געווארען רויט און טויט.

יצחק איז דאך געווען דער עזות־פנים, איז ער געווארען נאר א ביסעל צעמישט, און א קאפ פארביג אויפ'ן פנים; און דער־פאר, ווייל ס'האט איהם פארדראסען, וואס ער איז געווארען א

ביסעל צעמישט און אַ קאָפּ פאַרביג, איז ער געוואָרען שטאַרק צעמישט, און ס'האָט איהם באַשלאָגען אַ היץ — פלאַם־פייער.

דער דאָקטאָר האָט זיך געבייזערט, אַז זיי זיינען פערריקט, אַז סקאַלאַ איז אַ מאָדנע שטאָדט; דאָס ערשטע מאָל אין זיין לע־בען זעהט ער אַזאַ פאַנאַטישע שטאָדט. ער זאָגט, אַז ס'איז נ י ש ט קיין כאָלערא, אַז ס'איז נ י ש ט קיין כאָלערא, באַסטאַ...

און דער דאָקטאָר איז זיך אַוועקגעגאַנגען מיט זיין דייטשען דאָקטאָרשען גאַנג און מיט'ן וואַזשנעם געדרוך פון די קאָרבאָלען און מעדיצינען — נ י ש ט ק י י ן כ אָ ל ע — ר אַ ... געה טהו איהם עפּעס.

האָט עס טאַקע איטליכען שטאַרק פערדראָסען. און זיסיע מלמד האָט געזאָגט מיט זיין קול, ווי פון אַ ליימענעם טאָפּ:

— וואָס הייסט, ס'איז נישט קיין כאָלערא?... אידען, מען מאַכט אומגליקליך די שטאָדט!... וואָס שווייגט מען?

— וואָס זאָל מען טאָן?...

איטליכען האָט ערשט אָנגעכאַפּט דער רעכטער כעס אויפ'ן דאָקטאָר, בפרט וואָס ווייטער ער איז פון זיי אַוועק; און יצחק האָט זיך ערשט רעכט צולאָזט:

— אַזאַ שייע משה! שוין געזעהן אַזאַ דאָקטאָר? וואו עפּעס אַ שלאָק, פרעגט זיך עס אַן אהער! וואָס דען, עפּעס רעכטס וועט זיך אָנפרעגען קיין „סקאַלעטשנע"?... ס'געפעהלט איהם שוין נישט די שטאָדט... געקומען איז ער בסך־הכל אין איינע פאָר פליודערן...

אין שטאָדט האָט זיך עס פאַרשפּרייט שנעל ווי אַ פייער, און מיענשען האָבען זיך געשושקעט אין די אויערען אַריין, און אויס־געשפּיגען, און געזאָגט: „נישט אין מיין מאָס", נישט דאַ גע־דאַכט" און „לאָז גאָט אָפּהיטען".

און אידען האָבען טאַקע נישט געשוויגען. אַ סימן, אַז פונ'ם בורגעראמט האָט מען אַרויסגעשיקט אַ גוי מיט אַ באַנקע ווייסע פאַרב, און דער גוי האָט אָפּגעפאַרבט משה ליבע'ס ברודיגען טויער מיט ווייסען קאַלך, און איהם פאַרמאַכט. דערנאָך האָבען

זיך אנידערגעשטעלט ביידע פאליציייניקעס, פראקאפאוויטש מיט משה־יונה'ן, ביי ביידע זייטען טויער, און געהיט, און נישט גע־לאזט קיינעם ארויס, און נישט געלאזט קיינעם אריין. דערנאך האט מען אויסגעגאסען א ליטער קארבאל אין דרויסען, פאר'ן טויער, אז אלע חזירים זיינען זיך אליין צולאפען פון יענער גאס. פארנאכט־צו האט מען געפויקט, אז אין שטאדט געהט אום די כאלערא מען זאל נישט קויפען קיין פיש איף שבת.

אז די אידען וואס האבען אנגעמאכט דעם גאנצען טאראראם, האבען א קוק געטאן אויפ'ן טויער, אויף משה־ליבע'ס טויער, וואס איז גרויס ווי ביי אן איינפאהר־הויז, — אז מען האט א קוק געטאן, ווי ער איז אפגעפארבט ווייס, איז אויף איטליכען גע־פאלען א פחד; ווייל דער ווייסער טויער, עפעס אין מיצקע־דריינען, איז געווען ערגער ווי די כאלערא, ווייל אלע שטיבער זיינען זיך ווי שטיבער דארפען זיין: פארשמאדערט, באשפריצט מיט בלאָ־טע, די ווענט זיינען אפגעלופעט ביז צום ליים, די דעכער — א רענדעל אראפ, א רענדעל ארויף, ווי שטיבער דארפען זיין, — און דא, נאדיר פלוצים אן אנשיקעניש: א ווייסען טויער!

אז דער דאקטאר איז איצט אנגעקומען, האבען זיך אלע געטאן א פארנעהם אין דער זייט; מ'האט מורא געהאט, מען זאל זיך נישט „אננעהמען". ווענען מען האט געטראפען האט מען זיך שטילערהייט געשושקעט צי האט זיך אימיצער שוין „אנגענומען", און מען האט געזאגט אויף דעם, און מען האט גע־זאגט אויף יענעם; נאר דערנאך האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער און יענער איז פריש און געזונט.

פאר צוויי זאכען האט מען זיך איצט געהיט ווי פאר פייער— פאר פיש און פאר דער גאס, וואו ס'איז געשטאנען משה־ליבע'ס ווייסער טויער. אז מען האט דערזעהן א גוי מיט א קויבער פיש־לאך, האבען די מארק־זיצערס אנגעמאכט א גוואלד און איהם פארטריבען; און א סך בעלי־הבית'טעם האבען די פענדלאך פון פיש ארויסגעווארפען אויף א רייז ארט; און אז איינער האט נאר

גערעדט פון משה־ליבע'ס ווייסען טויער, איז מען אפגעטראָטען
ניין איילען ווייט.

איין חידוש איז געווען: פאַרוואָס שטאַרבען זיי נישט ביי
משה ליבע'ס? לעת־עתה האָט מען נאָך נישט געהערט, אַז אימי־
צער זאָל האָבען דאָרטען געשטאַרבען. מען האָט געוואַרט, גע־
וואַרט, אַ טאָג, צוויי, דריי, — מען שטאַרבט נישט... דער דאָק־
טאָר נעהמט זיך אַריין און אַרום גלייך ווי אַלע טאָג, גלייך גאָר־
נישט ער, נעהמט זיך מיט'ן דייטשען דאָקטאָרשען גאַנג, ווי איינער
רעדט: „פאַרכעס". און אַז איינער טוט איהם אַ שטעל אַפּ מיט
אַ „הערר דאָקטאָר", טוט ער זיך אַ בייזער אויס ווי תמיד:
זי זינד פעררישט... און „ס'איז נישט קיין כאָלערא און באַסטאַ".

איז שוין געגאַנגען אין אַ צו־להכעיס, און מ'האָט אַרויסגע־
קוקט, אַז ביי משה ליבע'ס זאָל מען שוין שטאַרבען, כדי דער
דאָקטאָר זאָל אַליין זעהן וואָס פאַר אַ שייע משה ער איז...

איז מען דוקא ביי משה ליבע'ס נ י ש ט געשטאַרבען, און
אין דרויסען האָט שוין אַזש אָנגעהויבען פאַרדריסען — אהי,
שטשעזנע, וויפיעל איז דער שיער זיך צו מוטשען? ביי לייטען
נעהמט כאָלערא אַ טאָג, לאָז זיין צוויי, אַז עק אַ סוף — און דאָ
איז שוין דריי טעג, און מען זעהט נישט און מען הערט נישט...
אהי...

פּלוצים, אַרום דאָנערשטאָג פאַרנאַכט, אויפ'ן פערטען טאָג,
איז מען נשתומם געוואָרען, — מען האָט דערזעהן משה ליבע'ס
פאַר'ן טויער, שטעהן אַז אָנגעטאָנענער, ער שטעהט זיך און רוי־
בערט זיך אַ „ציגייער" און גלעט זיך די באָרד, ווי נישט איהם
מיינט מען... אַ־ז־ו־י?...

די שטאָדט איז געווען ווי נעפּלעפּט. נעהמט און שטעהט אויף
פון דער כאָלערא, אַ געזונטער, אַז אָנגעטאָנענער, אַז מענשען זאָ־
לען זיך „אָנגעהמען"... אהי. מ'וואָלט איהם געווען צעריסען אויף
שטיקלעך. דער ערשטער האָט עס דערזעהן טאַקע לייבעלע דעם
שוחט'ס, האָט ער עס געטאָן אַ וויז אַז זאַנוול'ען, און באַלד איז
געוואָרען אַז איבערגעלאָף פונ'ם קליינוואַרג. די פּאָליצייניקעס

זיינען שוין נישט געשטאנען און געהיט. הפנים אימיצער, אויב נישט דער דאקטאר, האט זיי אפגעשאפט. און דער טויער, דער ווייס אפגעקאלכטער טויער, איז געשטאנען אפען — אפען איז ער געשטאנען, ווי ארויסצולאזען די כאלערא אויף דער שטאדט. אז מען האט דאס דערזעהן, איז מען געווארען נאך מעהר דער־שראקען.

שבת אין דער פריה אין מארק, האט מען געזעהן משה ליבע'ס גאנצע משפחה, די וואס זענען געלעגען אויף דער כאלערא, אלע געזונט און פריש. און ווי אויף צו־להכעיס אנגעטאן שבת'דיג, אויס־געפוצט, און אלע קרובים, די שוועסטערקינדער, די מוהמעס און די שוועגערינס, שטעהען אלע דארטען און עס שאדט זיי נישט. איז מען שוין געווארען צעמישט: — וואס הייסט דאס?...

אויף דער אנדערער וואך איז שוין געווען דער ווייסער טויער פארטראסקעט מיט שווארצע בלאטע, און משה ליבע'ס איז זיך ארומגעגאנגען פראנק און פריי איבער'ן שטראס. אז ער איז דורכגעגאנגען דאס רעדעל, וואו זיסיע מלמד איז געשטאנען, האט זיך זיסיע נישט וויסענדיג געמאכט און איהם א פרעג געטהאן, מיט'ן קול פון א ליימענעם טאפ:

— וואס איז אייך עפעס געווען, ר' משה?...

— וואס הייסט איהר ווייסט גאר נישט? די כאלערא, נישט היינט געדאכט.

זיסיע'ן האט פערדראסען וואס משה זאגט מיט אזא גדלות „כאלערא", האט ער איהם נישט פערגונען די כאלערא, זיין כאלערא, וואס ער איז באלד געפאלען דערויף, האט ער אויף איהם א קוק געטאן, ווי איינער רעדט: „נו, וואס זשע לעבסטו נאך?" און איבערגעזאגט מיט א אידישליווע שמייכעל:

— די „כא־לע־רא"?... איהר ווייסט מיט וואס דאס שמעקט, ר' משה?...

האט משה נעענטפערט נאך מיט מעהר גדלות:

— צ י א י ך ו ו י י ס?...

האט עס שוין אלעמען פערדראסען, וואס א איד האט אזא

הנאה, האָט יצחק געזאָגט, אַז מסתמא איז עס נאַר געווען אַן אַנהויב פון דער כאַלעראַ; האָט געזאָגט לייבעלע, אַז ס'איז אפילו קיין אַנהויב אויך נישט געווען, אַז ס'האָט געמוזט זיין אַ שוועד רע קישקע־אַנצינדונג. דערויף האָט זיסיע מלמד געענטפערט שוין גוט אין כעס, אַז ס'איז אפילו קיין קישקע־אַנצידונג אויך נישט געווען, ס'האָט געמוזט זיין גלאַט אַ בויכוועהטאָג...

# משה שניידער

אלדינגס האָט משה שניידער געקאָנט מוחל זיין אַ קונה, נאָר נישט איין זאַך: אַז ער האָט געזשאַלעוועט געלד אויף סחורה. משה שניידער האָט ליעב געהאַט אַ ברייטע קעשענע מיט אַ ברייטער האַנט. ווער שמועסט נאָך, אַז עס איז געקומען אַ נגיד'ישע חתונה, און גאָט האָט נאָך געהאָלפען, אַז דאָרט איז געווען עפּעס אַן איין־און־איינציג טעכטער'ל, אַ בית־יחיד'קעלע, דעמאָלט האָט שוין משה שניידער געמאַכט דעם אמת'דיגען חשבון — אַ שוואַרץ זיידען קלייד צום פאַרשפּיעל, אַ ווייס אַטלאַס קלייד צו דער חופּה, אַ שוואַרץ סאַמעטען קלייד צו גערן אין שוהל אריין, און קאַסטיום און אַ ראַטונדע און אַ מאַנטילעט...

נאָר גערארפט האָט עס זיין דאָס טייערסטע, דאָס שעהנסטע, אַז נישט האָט משה זיך געבייזערט, געשריגען, געקלאַפּט מיט'ן שטעקען. אַזאַ מין מענש איז געווען משה שניידער. משה'ן דער־רגז'ען, איז געווען סכנת נפשות; ס'האָט זיך געקאָנט מאַכען, אַז משה שניידער זאָל זיך איינגאַנצען אָפּזאָגען צו נעהען די חתונה־קליידער, און אַז משה האָט געזאָגט ניין, איז געווען ניין. ס'האָט נישט געהאָלפען קיין טאַטער. די כלה האָט געמעגט ליגען אויפ'ן פּנים און וויינען, דער כלה'ס מאַמע האָט געמעגט לויפען אויפ'ן בית־עולם רייסען קברים: ס'טייטש, משה וויל נישט נע־הען די קליידער, וואָס זאָל מען טהאָן! — גאָרנישט האָט געהאָלפען.

דינגען זיך מיט משה'ן האָט מען נישט געטאָרט. אַז משה האָט געזאָגט פופצעהן רייניש פאַר אַ קלייד, האָט מען געמוזט גע־בען פופצעהן רייניש פאַר אַ קלייד. טאָמער האָט איינער אַ זאָג גע־טהאָן: „ס'טייטש, ר' משה, פופצעהן רייניש?“ — האָט משה אַ

קלאפּ געטהאָן מיט'ן שטעקעלע: „אַ גוטען טאָג"—און אַז משה שניידער האָט געזאָגט אַ גוטען טאָג, איז געווען פאַרפאַלען, מען האָט איהם נישט געקאָנט האָבען צוריק.

פאַרוואָס איז משה שניידער געווען אַזוי גרויס ביי זיך?... ווייל ער איז געווען משה שניידער, דער גרויסער משה, וואָס פון מיילען ווייט איז מען צו'ן איהם געקומען, ווי צו'ן אַ גוטען אידען, ווייל אַזוי מאַכען אַ שטיקעל ארבייט, ווי משה, האָט קיי־נער נישט געקאָנט, נישט פאַר איהם און נישט נאָך איהם, זיינע מענשען גערענקען. זיין'ס אַ מלבוש האָט געשמעקט, האָט אָרומ־גענומען אַ מענשען און אַנגעטאָן איהם מיט חן און ליעבשאַפט. אַ כלה איז משה שניידער'ס אַ קלייד, איז געווען אין צווייען אַ כלה. ער האָט נאָר געדאַרפט טאָן אַ קוק אויף אַ מענשען, האָט ער שוין געוואוסט, וואָס עס וועט איהם פאַסען און וואָס נישט. זיין קוק, האָט מען געזאָגט, איז ווערט געלד. ווי אַ קאַפּעלמייסטער האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אין ארבייטס־שטוב, און געקאָמאַנ־דעוועט מיט די זעקס־אַכט דייטשע געזעלען, אַלע פון גרויסע שטעדט, און צוגעזונגען זיך אַ ליעדעל, אַ „חסיד'ל". אַליין, האָט מען אויף איהם געזאָגט, האָט ער שוין אפשר צוואַנציג יאָהר קיין נאָדעל נישט געהאַלטען אין דער האַנט, ער מעסט נאָר אָן. מיט זיינע קונציגע פינגער גלעט ער אויס דאָס מלבוש אויפ'ן לייב, ווי אַ צווייטע הויט, אַזוי גלאַט, אָהן אַ קנייטשעלע, און פּאַטראָ־פּיעט תמיד אין סטאָן, נישט צו־קורץ און נישט צו־לאַנג, ווי אַנ־דערע שניידערס אין שטעדטעל. מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ מכשף. אפילו די אַנדערע שניידערס, וואָס פלעגען אויף זיך אָפּריידען וואָס אין קאָרט און רייסען איינער דעם אַנדערען דעם ביסען פון מויל, אפילו זיי האָבען משה'ן צוגעה געלאָזט. אמת. משה איז געווען אַ בכבוד'ער איד, קיינמאָל נישט געטאָדעלט יענעמ'ס אַ שטיקעל ארבייט, ס'האָט געמעגט זיין ווי שלעכט.

ווי אַ גענעראַל פלעגט ער זיך אַרומדרעהען אין דער ליכטיגער פרעהליכער ארבייטס־שטוב און דיקטירט מיט'ן אויג, מיט דער מינע, און די געזעלען האָבען געציטערט פאַר זיין דוך. זינגען

געמיינע, שניידערשע שטיק. דאָס האָט נישט געטאָרט געדאַכט ווערן. אַפּילו די ליעדער, וואָס מען האָט געזונגען ביי משה'ן אין שטוב, זיינען געווען עפּעס גאָר אַנדערע. נאָר מייסטענס האָט מען דערצעהלט שעהנע מעשה'לאך, פרעהליכע שטיק, וואָס האָבען זיך געטראָפען מיט כלות, אָדער מיט חתנים, נאָר אַלע אָנשטענדיג, באַלאַבאַטיש.

אַזוי האָט זיך משה אַרומגעדרעהט צווישען סאַמעט און זייד־דענס, געוואָרפען, געמאָסטען די מאַטריעס, און אַז מען האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין ווייסער באָרד, אויף זיינע איינגעלשע בלויע אויגען, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס זיידענס און סאַ־מעטענעס האָט זיך אויסגעשפּרייט אין זיין האַרץ, אין זיין נשמה, דערפאַר שיינען זיי איהם אַזוי די אויגען, דערפאַר זילבערט אַזוי די באָרד.

ער האָט אַפּילו נישט געוואוסט, אַז אין שטאָדט האָט מען שוין אויסגעטראַכט אַ ליעד פון איהם, און אַלע קינדערלעך זינגען עס אַזוי:

„אַז דער טאַטע וועט מיר מאַכען אַ שטאָפען קלייד,
וועלען מיך אַלע קינדערלעך מקנא זיין.
משה שניידער וועט עס נעהען —
טאַ־דירי־טאָם, טי־טאָם־טאָם".

נאָר אַז די זעלבע קינדערלעך פלעגען צוקומען לעבען זיין פענס־טער און בעטען אַ פּאָר שטיקלעך פאַר די לייאַלקעס, פלעגט משה צוגעהן צום לאַנגען טיש, ביי וועלכען די געזעלען זיינען געזעסען, און אויפקלייבען זיידענע און סאַמעטענע שטיקלעך און זיי אַרויס־דערלאַנגען דורכ'ן פענסטער צו די קינדערלעך, און די קינדערלעך האָבען געקוקט אויף זיינע הענט, ווי אויף'ן הימעל, פון וואַנען עס פאַלט מן.

משה איז געווען אַ גרויסער בעל־בטחון, אַ פרומער איד, אַן עהרליכער, קיין ליגען נישט געזאָגט, ס'האָט געמעגט געהן אין לעבען; דערפאַר האָט טאַקע שבע'לע, די איינציגע טאָכטער זיינע, אַ גרושה, געוויינט און געקלאָגט, אַז ער מאַכט זיי אומ־

גליקליך. נאר וואס האט משה געהערט שבע'ן, אז ער האט נישט געהערט מאטלע'ן, דאס וויב זיינס, דאס אנדערע ווייב, וואס דערפאר איז זי טאקע אוועק פון איהם? אז ער האט נישט געהערט מאטלע'ן, האט ער געזאלט הערען שבע'ן?

— דאס שניידעריי האט איהם עפעס אנגעטאן — פלעגט זאגען מאטעל, ווייל מאטעל האט דאך געוואוסט דעם אמת.

נאר וואס דאס שניידעריי איז פאר משה'ן — האט נאר משה אליין געוואוסט, ווייטער קיינער נישט. נאר ער האט געוואוסט, אז ס'איז פאר איהם א גאט־זאך, — ניין, א ווייב איז עס פאר איהם, א ו ו י י ב...

מאטעל איז געווען איין ווייב, און דאס שניידעריי — דאס אנדערע ווייב.

די האט געצאפט פון איהם בלוט, און יענע האט געצאפט פון איהם בלוט.

ער האט זי, מאטלע'ן דערזעהן אין סטאניסלוי, ווען ער איז געפאהרען קויפען סחורה. ער האט זי דערזעהן מיט איהר הויכער פיגור, און פיער און צוואנציג צענטימעטער אין דער טאליע, און ער האט שוין נישט געקאנט איינרוהען. ער איז געווען שוין דעמאלט פינף יאהר אז אלמן, נאר ס'איז איהם נישט אין זינען געלעגען קיין ווייב, ווייל ער האט זיין גאנצען מוח און 'כוחות אפגעגעבען דעם שניידעריי. ער האט געוואלט דערגרונטעווען; וואס פאר א קלייד דארף ארויסקומען פון אזא און אזא שטיקעל „מאטעריע“, אז קינד און קייט זאלען לויפען קוקען דערויף און אלע הערצער זאלען גארען דערנאך; וואס מען זאל זעהן, אז די מאטעריע פאסט זיך צום שניט, און דער שניט זאל זיך עפים צעפליעסען מיט א שלעפ אזוי דין און ערעל, אז די פאלדען זאלען ווערען און נישט ווערען, ווי דער רויך פון א ציגאר, אזוי אויסציהען זיך ווי א שפינוועבס, ברייט ווערען ווי א פלאך פון וואסער, און שמאל ווערען, שמאל ווי א פאדים.

און דאס קלייד זאל זיך אויסלייגען אויף א פיגור — וואס

זאָל זיך פּאַסן צום קלייד, נאָר לעבעדיג זאָל זי זיין, נישט ווי די וואַקסענע דאָ, זי זאָל זיך קאָנען באַוועגן אין דעם... נעכט פלעגט ער נישט שלאָפן און טראַכטן וואָס פאַר אַ נשמה דאַרף אָנקומען אין דעם סאַמעט, אין דעם זייד, אַז דאָס קלייד זאָל זיין מ ש ה'ס קלייד, אַז ס'זאָל בענטשן און באַשעהנגען דאָס לייב ווי אַ ברכה פון גאָט, און מענטשן זאָלן אַ זיפץ טהאָן פון פאַרגעניגען: „אַי, אַי, אַי משה"...

און אַז אַ קלייד האָט אַ נשמה, און אַז זייד און סאַמעט האָבען נשמות, האָט נאָר משה געוואוסט. נאָר דאָס האָט ער געהאַלטען בסוד. קיינער האָט נישט געוואוסט, פונקט ווי קיינער האָט נישט געוואוסט וועגען יענעם גרויסען סוד, וואָס ער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט איהם זיין גאַנצען לעבען: דער סוד, צו מאַכען עפּעס אַ קלייד, עפּעס אַזאַ מין קלייד, אַז די וועלט זאָל דערמיט קלינגען.

דאָס גאַנצע לעבען האָט עס איהם געעגבערט דער מוח און קיינמאָל נישט צורוה געלאָזט, און אויף יעדען שטיקעל מאַטעריע און אויף יעדער פיגור פון אַ נייער כלה האָט ער געקוקט, אפשר וועט דאָס זיין, אפשר וועט דאָס זיין, נאָר דאָס אמת'ע שטיקעל מאַטעריע מיט דער אמת'ער פיגור איז נישט געקומען. און משה האָט ווייטער געוואַרט. דאָס וואָס מענשען זיינען נתפעל געוואָרען פון אַלע זיינע קליידער, איז איהם נישט אָנגעגאַנגען, ער האָט דאָך געוואוסט — ס'א י ז נ י ש ט ד א ס.

אַמאָל האָט זיך איהם געדאַכט, אַז קודם דאַרף קומען די פיגור — אַ פיגור, ווי גאָט האָט געבאַטען, און די פיגור אין קלייד זאָל זיך נאָכציהען נאָך די פאַלדען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זעהן וואָס משה קאָן.

נאָר ווער די פיגור וועט זיין, און וואָס פאַר אַ פּנים זי וועט האָבען, איז איהם נישט אָנגעגאַנגען. איהם איז נאָר אָנגעגאַנגען דאָס דראַדלען זיך, דאָס ריהרען זיך פון דער פיגור, צוליעב דעם קלייד, כדי זי זאָל מיט יעדען ריהר אַ ווייז טהאָן די נשמה פון דעם קלייד, אַ ווייזט טהאָן וואָס משה קען.

משה שניידער האָט געוואָרט אויף דעם אַלע זיינע יאָהרען, ביז ער האָט געטראָפען — מאַטלע׳ן.

אַז ער איז געקומען קיין סטאַניסלוי קויפען סחורה ביי די נעבערידער פּרענקעל, האָט ער זי געטראָפען זיצען אויף אַ באַלקאָן. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ פּרינצעס קלייד, ענגליש גע־פּאַסט, און איהר הויכע, גראַציעזע פיגור האָט זיך אײנגאַנצען אַרויסגעזעהן, ווי אַן אויסגעשניטענע מאָדעל פון לודוויג צוויבאַק׳ס מאַגאַזין.

משה איז שוין אַזוי גיך נישט אַוועקגעפאָהרען פון סטאַניס־לוי. ער האָט איינגעלעגט וועלטען. צוגעזאָגט האָט ער פאַרמע־נענס שדכנות־געלד, ווער ס׳וועט דורכפיהרען דעם שידוך מיט דער גרושה. דערנאָך, אַז עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, נאָך פון איהר צד האָט מען געוואָלט אַ פאַרזיכערונג, האָט ער אַרויס־גענומען די שווערע הונדערטערס און אַנידערגעלעגט מיט אַ קלאַפּ אויפ׳ן טיש — ווי משה קאָן.

נאָך גאַרנישט, באַלד האָט זיך אָנגעהויבען צרות אויף זיין קאָפּ גלייך ווי ער האָט זי אַראָפּגעבראַכט קיין סקאַלאַ. שבע׳לע האָט נישט געקאָנט ליידען די „מוהמע״, און די „מוהמע״ האָט גע־קרעכצט אויף שבע׳ן און זיך געפּיעשטשעט.

נאָר משה שניידער, וועלכער האָט שוין דעמאָלט אויך גע־האַט די באָרד וויים, האָט אָנגעשטעלט די ריינע בלויע אויגען, ווי ביי אַ קליין אינגעלע, און האָט נישט געוואוסט, וואָס מען וויל פון זיין לעבען האָבען; האָט ער זיך גענומען דעם תפילין־זאַק אין איין האַנט, דאָס שטעקעלע אין דער אַנדערער האַנט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין בית־מדרש אריין.

די משה׳כע האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס זי וויל. אַ גאַנצען טאָג פלעגט זי זיצען פאַר דער טיר, אין די פּרינצעס־קעס (זי איז געגאַנגען מיט די אייגענע האָר) און גערעדט „בראַיט״, „כ׳וואָים נישט״, „פלאַיש״. שבע האָט געפיהרט דאָס באַלעבאַטישקייט, נאָר פרייטאָג איז זי צוגעגאַנגען צום טאָפּטשאָן, ווען מען האָט געדאַרפט מאַכען דעם קוגעל. דעם קוגעל האָט זי

געמאכט, עפעס א סטאניסלווי׳ער קוגעל, מיט ראזשינקעס און מיט ברויט.

ווינטער פלעגט זי ארייגלעגן אין די טאפעל פענסטער וואַטע מיט בינטלעך קאָלינעס. אלע פארנאכט פלעגט זי זיך אנטהאן די ראטונדע מיט פוקסען אונטערגעשלאגען, און געהן איינע אליין שפאציערען אין טויער אריין.

משה שניידער האט איהר אין אנהויב געמאכט די טייערע קליידער, די טאליע פיער און צוואנציג צענטימעטער, און דער „פיערס" פערציג, אז מען איז געלאפען אויפ׳ם חידוש קוקען. נאר אז זי האט אבער אנגעהויבען צו פיהרען וועלטען, אנ׳ברוגז׳ן זיך אלע מאנטאג און דאנערשטאג, איז איהם שוין דאס לעבען נישט ניחה געווען. וואס וויל זי פון זיין לעבען האבען, וואס ? ער איז אריינגעלאזט אין שניידעריי, איז ער; וואס האט ער זי נישט אין זינען, אז ארבייטען ארבייט ער סאיי־ווי־סאי נישט, גיט נאר אכטונג צו די געזעלען; פארוואס געהט ער מיט איהר נישט שפאציערען אין טויער אריין ?... — אהי, שוין געהערט אזוינס, א איד, מיט א בארד, א פרומער, אן עהרליכער איד, פארוואס געהט ער מיט איהר נישט שפאצירען ? נישטא ווער ס׳זאל לאכען ! וואס איז ער עפעס לייבע קאוואל ? לייבע קאוואל געהט מיט דער „ווייבעל" שפאציערען אלע שבת. קוקט מען אויף איהם ווי אויף א ביין וואונדער און מען שטארבט אקארשט נישט פון געלעכטער. לאז זי נישט מיינען, אז דא איז סטאניסלווי.

משה שניידער האט געפיהלט, אז מען רעכענט איהם צווישען די שעהנסטע באלעבאטים אין שטאדט; אומזיסט האט ער אזא בכבוד׳יג לעבען געפיהרט ?

נו, גט׳ן זי און אז עק... וואַדען, גט׳ן !

איז אבער געקומען דערצו און ער האט זי געטאן א קוק אן מיט דער פיגור : פיער און צוואנציג צענטימעטער אין דער טאליע און פערציג אין „פיערס", האט ער זיך בארעכענט : — מ׳שטיינס - געזאגט, ווער וועט זיין

א באַלעבאָסטע אין שטוב ? — האָט ער אונטערגעשיקט מענשען: וואָס פעהלט איהר דאָ, ביי איהם? אויב זי וויל, אַז שבע זאָל זיך נישט מישען אין שטוב, וועט זיך שבע נישט מישען. ער קען זי אַנדערינגען ערגעץ אויף קעסט. נאָר זי, די משה'כע, האָט געטענה'ט איהרס: זי איז עלענד דאָ, און ער, אפילו ביי־נאַכט האָט ער אין זינען דאָס שניידעריי; ער רעדט פונ'ם שלאָף. וואָס וויל ער פון איהר, וואָס האָט ער זי אונגליקליך געמאַכט? וואו איז איהר... געלט, א שעהנע פאַר טויזענד, איז דאָ, א דירה אַן איינענע אין מיטען מארק, און ער איז שוין נישט קיין יונ־גערמאַנטשיק, לאָז ער אויפגעבען דאָס שניידעריי און מען זאָל זיך אויפמאַכען א געוועלב.

אויפגעבען דאָס שניידעריי?...

נו, האָט דאָך שוין משה שניידער געזעהן, אַז זי איז נישט זיין גלייכען, האָט מען זיך געג'גט.

און די יאָהרען זיינען זיך פּאַוואָליטשקע געגאַנגען; משה שניידער'ס באָרד איז נאָך קלאָרער געוואָרען, די אויגען נאָך אינג־לישער, נאָר די צייטען זיינען געוואָרען אַנדערע. סקאַלאַ איז גע־וואָרען „ציוויליזירט“ און מען האָט אָנגעהויבען מאַכען וועניגער קליידער; די כלה האָט געזאָגט, ס'ווערט אויס מאָדע שפּעטער א יאָהר; זי וויל בעסער געלט; און אַנשטאָט צו מאַכען אַזוי פיעל קליידער מיט א מאָל, וועט זי בעסער מאַכען אַלע סעזאָן. א סך „דייטשע“ נגידים האָבען אָנגעהויבען אָוועקצופאָהרען קיין לעמ־בערג מאַכען די קליידער, אָדער גלאָט קויפען פאַרטיגע. און אַז די דייטשע נגידים האָבען אַזוי געטאָן, האָבען די אַנדערע נאָכ־געטאָן; עס האָט נישט געפּאַסט צו נעהמען אין סקאַלאַ די חתונה־קליידער, פאַר חתן'ס צד.

פלעגט אַמאָל א באַלעבאָס פון מיטעלען ראַנג אויסבעטען ביי א נגיד א לעמבערגער קלייד און עס ברייננען משה'ן נאָכ־צוקוקען, נאָכצונעהמען פאַר זיין טאָכטערס־וועגען, האָט משה דער־לאַנגט יענעם אַן ענטפער, אַז ער האָט דערזעהן קרוקי; דערנאָך האָט שוין איטליכער געוואוסט — משה נעהמט נישט נאָך.

קיינמאָל האָט ער נישט געזאָגט אויף יענעם׳ס אַ שטיקעל אַרבייט, אַז עס טויג נישט! אויפ׳ן גרעסטען פּסולת, וואָס מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָדט, האָט ער געזאָגט, ס׳איז גוט, ס׳איז פיין, ס׳איז וואויל.

אין טאָקע צוביסלעכווייז משה׳ס שטוב געוואָרען אָרימער, אָרימער, פון די דייטשע זעקס—אַכט געזעלען איז געוואָרען צוויי, דערנאָך איינער, און שפּעטער האָבען שוין „געשטורקעט" לעהרען-יינגלאַך. אָבער אַ טייל סקאַלאַ האָט נאָך געהאַלטען פון איהם: „משה׳ס קוק איז ווערט געלט". אמת, דער גוטער געזעלען האָט איהם אויסגעפעהלט ווי דעם כלי-זמר דאָס גוטע פידעלע, נאָר ער האָט זיך נאָך אַרומגעדרעהט די הענט פאַרלייגט אויף הינטען, ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען. אין שטוב זיינען שוין נישט געלעגען די טייערע שטיקלעך פון סאַמעט און זייד, און די קינדער לאַך זיינען שוין נישט געשטאַנען ביי זיין פענסטער, ווי אַמאָל, ער זאָל זיי אַרויסדערלאַנגען שטיקלעך פאַר די ליאַלקעס. זיי האָבען שוין נישט געזונגען „אַז דער טאַטע וועט מיר מאַכען אַ שטאַפּען-קלייד". עס זיינען געווען נייע קינדערלאַך, פון נייע צייטען.

נאָר משה שניידער איז געבליבען משה שניידער. ווי פריהער איז ער נאָך אויפגעשטאַנען אַלע אינדערפריה, גענומען דעם תפילין-זאַק אין איין האַנט, דאָס שטעקעלע אין דער אַנדערער האַנט, און געגאַנגען אין בית-המדרש אַריין. די שטוב איז געוואָרען אָפּגעטראָגען, ליידיג, אַ האַלבע דירה האָט מען פאַרדונגען, אַזוי האָט שבע געוואָלט. שבע האָט געפיהרט די שטוב, האָט זי געוואוסט, אַז ס׳איז קיין געלט נישטאָ, האָט זי געוויינט פאַר די שכנים, מען זאָל אָנרעדען דעם טאַטען צו נעהמען ווייניגער שניידער-געלט.

נאָר טאָמער האָט אימיצער דערמאָנט משה׳ן וועגען דעם, האָט ער יענעם געטאָן אַ קוק אָן מיט די אינגלישע אויגען: „וואָס הייסט?"— משה האָט גאַרנישט געוואָלט וויסען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין געלט. אַז זי האָט פאַרדונגען אַ האַלבע דירה, האָט ער גע-

ווײנט, אז מען וויל איהם אויסריכטען, אז ער זאָל נישט האָבען וואו זיין קאָפּ אויף דער עלטער אוועקצולייגען. שבע׳לע האָט גע־מוזט געהן באַרגען און געבען דעם גנזעלען די צוויי אייער אַלע אינדערפריה, כדי ער זאָל זיך האַלטען, נאָר אַלץ אָפּטער זיינען געוואָרען די צייטען אָהן אַרבייט; דער גנזעלען איז געזעסען מיט פאַרלייגטע הענט, און ס׳איז נישט געווען מיט וואָס איהם צו באַצאָהלען.

משה פלעגט זיך אַרומדרעהען מיט די הענט פאַרלייגט און צוזינגען אַ ליעדעלע, אַ חסיד׳ל, ווי אַמאָל אין די יונגע יאָהרען, נאָר דאָס חסיד׳ל פלעגט זיך אָפּשלאָגען אַז די ליידיגע ווענט, און עפּעס בענקען ערגעץ אַהיים; און אַז מען איז משה׳ן גע־קומען רופען צו חייקע שיינע־עטי׳ס אין געוועלב אַריין, ס׳איז דאָ אַ קונה, פלעגט משה נעהמען דאָס שטעקעלע און זיך לאָזען מיט גדלות׳דיגע שפּען אין קלייט אַריין; נאָר אַז דער קונה האָט איהם געפרעגט, צי ער האָט וואָס צו טאָן, טאָמער איז ער שטאַרק פאַרלייגט מיט אַרבייט, וועט ער אָפּוואַרטען אויף אַ גראַ־מערע צייט, ווייל, פאַרשטעהט ער, משה, ער מאַכט אַ קינד חתונה, און די צייטען זיינען נישט אַזוי פויגעלדיג, האָט ער אומיסטען געוואָרט אויף אַ צייט, ווען ער, משה, זאָל איהם קענען מאַכען ביליגער...

אויף אַזאַ מין קונה פלעגט משה שניידער נאָך איצט אויך אַ קלאַפּ טהאָן מיט׳ן שטעקען: „אַ גוטען טאָג“...